STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08350

DER ONFANGER

Yaakov Levin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

דער אָנפאַנגער

לייענבוך

מיט אילוסטראַציעס און
קונסט-בילדער אין טעקסט

זעקסטער טייל

(צווייטע אויפלאַגע)

1938
פאַרלאַג „אידישע שול"

הויפּטפאַרקויף ביי
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאני
77-79 דילענסי סטריט, ניו־יאָרק

Copyright, 1925, by
JACOB L. LEVIN

Printed in United States
HEBREW PUBLISHING COMPANY
NEW YORK

אינהאלט:

אויסטערלישם.

זייט

דער הויפן ערד. — ליד. — ש. פרוג. — — — — — — 1
דאָס ליד פון פייגעלע. — ה. אַנדערסען. — — — — — 6
דער ליגנער. — פאַבל. — נחום יערוסאַלימטשיק. — — — 9
דאָס מעסערל. — שלום־עליכם. 12
זיבן גוטע יאָר. — י. ל. פרץ 26
צווישן פעלזן. — מ. טייטש. 30
דער גוטער פוקס. — (פאַבל). נחום יערוסאַלימטשיק. — — 34
די פרייד פון געבן. — מ. שעד־לאַק. — — — — — — 36
ר׳ יחיאל. — י. ל. פרץ. — — 38
ר׳ איטשע. — י. אָפּאַטאָשו. — 40
אויב נישט נאָך העכער. — י. ל. פרץ. — — — — 43
דער טרייער חבר. — (ליד). — י. לוקאָווסקי, פון רוסיש. — 47
דריי שיינע מעשים. — י. ל. פרץ. — — — — — — 49
בלוט און פייער. — י. אָפּאַטאָ־שו. — — — — — — 53
ביים גוסס צוקאָפּנס. — י. ל. פרץ. — — — — — — 64
רב עקיבא. — (ליד). — א. לעסין. — — — — — 70
דער העלד. — (ליד). — י. א. ראָנטש. — — — — — 72

פון לעבן.

דער זייגער. — שלום־עליכם. 73
מיין ערשטער דעפּאַזיט. — משה נאַדיר. — — — — 80
אַ פּיקניק. — ז. ליבין. — 85
אברהם דער שוסטער. — א. רייזען. — — — — — 92
קוואַס. — שלום־עליכם. — — 100
אַ מעשה מיט אַ מאַנטל. — ז. ליבין. — — — — — 106
אַן אָרים מאַלצייט.—מ. ספּעקטאָר. — — — — — — 117
דאָס גרויסע געווינס.— שלום־עליכם. — — — — — 123

אַרבעט.

זייט

ליד פון אַרבעט. — (ליד). — ש. פרוג. — — — — — 139
אין ערגעץ־לאַנד. — י. ל. פרץ. 140
דער קלייט־משרת. — מענדעלע־מוכר־ספרים. — — — 147
דער הענדלער. — (ליד). — א. רייזען. — — — — — — 150
אַ קערן די גריים ווי אַ הינערש איי. — ל. טאָלסטאָי. — — 151
צום מלווה. — (ליד). — א. רייזען. — — — — — 154
די גאָלדענע פּאַווע. — (ליד). מנחם. — — — — — — 156
אָרימע מצה. — א. רייזען. — 159
דער נאַכט־וועכטער. — (ליד). א. רייזען. — — — — — 165
דער משולח. — י. ל. פרץ. — 166
דאָס געבעט. — (ליד). — א. רייזען. — — — — — 172
צוויי ברידער. — (ליד). — י. ל. פרץ. — — — — — — 173
צוויי פרויען. — (פאַבל). — נחום יערוסאַלימטשיק. — — 176
די פאַבריק. — א. רייזען. — 177
אין פאַבריק. — י. ל. פרץ. — 182
אין דער הוטע. — שלום אַש. 184
דער גנב. — יונה ראָזנפעלד. 188
דער סטאָלער. — (ליד). — א. רייזען. — — — — — 194
דאָס בעקער־אינגל. — א. רייזען. — — — — — 194
אַליין, אַליין... — (ליד). — מ. א. ראָנטש. — — — — — 197
דער שניידער. — (ליד). — ש. אַנסקי. — — — — — 197
דער קראַנקער פינגער. — א. רייזען. — — — — — 199
דער בלייכער אַפּריטער. — (ליד). — מ. ראָזנפעלד. — 205
דער אַלטער שניידער. — (ליד). — מ. ראָזנפעלד. — 206
דור הולך ודור בא. — מ. וויסנבערג. — — — — 207
צום העמערל. — (ליד). — א. רייזען. — — — — 217

זייט

דער מויערער. — ד. פינסקי. 217
ווי איז יענעם. — (ליד). — א. רייזען. — — — — 221
אין די קוילן־גרובן. — פרץ הירשביין. — — — — — — 221
שאכטער־ליד. — (ליד). — ז. סעגאלאוויטש. — — — 225
ערלאכע ארבעט. — (ליד). — א. רייזען. — — — — 225
דער תענית. — י. ל. פרץ. — 226
דער טרעגער. — ד. פינסקי. 229
אביסל זונשיין. — (ליד). — ז. ווינפער. — — — — 232

זייט

מען ווארט. — ד. פינסקי. — 234
מיין אינגעלע. — (ליד). — מ. ראזנפעלד. — — — — 239
דיינע בלימלאך טויט. — (ליד). — יהואש. — — — 240
חיים משרת. — ד. פינסקי. — 241
ביים באלעבאס טיר. — (ליד). א. רייזען. — — — — — — 246
און דו אקערסט. — (ליד). — בן־אהוד פון הערזועג. — 246
מיין ניט. — (ליד). — י. ל. פרץ. — — — — — — 248

קונסט־בילדער, וואס גייען אריין אין דעם בוך:

די שפינערן. מאעס. — — — 140
דער פישמארק. מינקאווסקי. 146
די גייענדיקע קראם. — — 149
ביים מלוה. — — — — — 155
דער שניידער. ה. גאלדבערג. 198
דער שניידער. א. ליליען. — 205
דער פרעסער. א. ליליען. — 207
פון דער ארבעט גלייך אין קבר. דובאט. — — — — — 220
די ארימקייט און נויט. — 229
דער טרעגער. — — — — 231
דער זייער. מילעט. — — — — 247

אויסטערלישס.

דער הויפן ערד.

פון לאנד צו לאנד, באוואפנט, בייז און שטארק,
טוט גיין דער גרויסער העלד און קיניג.
עס איז ניטא קיין רו פאר אים; זיין קראפט,
זיין רייכטום, הערשאפט — אלץ נאך ווייניק.

אלץ ווייטער ציט און רייסט זיך אים דאס הארץ
פארויס — דורך ווילדע, גרויסע וועלדער,
דורך היילן, פעלזן, איבער אייז און שניי,
דורך בערג און טאלן, שטעט און פעלדער.

פיל פעלקער זיינען אונטערטעניק אים,
פיל לענדער האט ער איינגענומען;
און, גייענדיק אלץ ווייטער אין דער וועלט,
איז אין א מ ד ב ר ער געקומען.

לאנג זיינען דורך דעם הייסן, וויסטן פעלד
געגאנגען זיינע מ ח נ ו ת־ריזן,
ביז פון דערווייטן האט זיך זיי צום ס ו ף
א וועלדעלע א גרינס באוויזן.

דער ח י ל האט זיך אפרוען געלייגט;
דער קיניג, אום זיין דורשט צו שטילן,
איז צוגעגאנגען צו דעם שטראם, וואס איז
געפלאסן אין דעם וואלד, אין קילן.

און באַלד נאָר, אַז דער קיניג האָט פון שטראָם
דעם ערשטן קאַלטן טרונק גענאָסן,
האָט עפּעס זיך בײַ אים אין יעדן גליד
אַ זיסע וואַרימקייט צעגאָסן;

אַ טיפער חיות איז זיך אין זײַן ברוסט
צעגאַנגען; נײַע, יונגע קרעפטן
און נײַער פרישער מוט האָט אים געטאָן
זײַן הארץ באַשפּינען און באַהעפטן.

„וואָס קען דאָס זײַן? — האָט ער געטראַכט. — **דער שטראָם**
מוז פון אַ גליקלאַך אָרט טאָן פליסן...
שטייט אויף, איר ליבע העלדן מײַנע, קומט!
איך וויל, איך מוז דאָס גלײַך דערוויסן.

„אהין, אהין! זאָל זײַן דאָרט וואָר עס איז —
ער מוז מיר אונטערטעניק ווערן,
פון מיר אַליין דערוואַרטן גליק און פרייד
און מיך אַלס העלד און קיניג ערן.

„און אויב עס וועט דאָרט זײַן וואָר געגן מיר,
אַ, טויט וועט פון מײַן שווערד ער פאַלן...
שטייט אויף, איר ליבע העלדן מײַנע, קומט!...“
עס קלאַפּט דער פּויק; די שופרות **שאַלן**;

די פאָנען טוען פלאַטערן; עס גייט
אַ קלינגערײַ, אַ טומל; הונדערט
חילות גייען נאָך דעם גרויסן העלד.
דער מדבר ליגט אָרום פאַרוואונדערט:

וואָס טוט זיך דאָס? ווער האָט זײַן רו, זײַן שלאָף,
זײַן טיפן שלאָף געשטערט?... די רײַטער,
די פאָנען ציען זיך פאָרויס, פאָרויס,
דער קיניג גייט אַלץ ווײַטער, ווײַטער...

פיל טעג איז ער געגאַנגען אַלץ פאָרויס,
פיל אויסגעשטאַנען שמערצן, ליידן
און איז לסוף געקומען מיט'ן שטראָם —
וואוהין? — צום טויער פון גן-עדן!...

* * *

באַפלאָכטן מיט גרינע, מיט בליענדע בלעטער,
מיט פרישע, מיט שמעקנדע בלומען באַקראַנצט,
טוט לייכטן און שיינען דער הייליקער טויער;
מיט טויזנטער שטראַלן גליט ער און גלאַנצט.

עס שלאָגן די קוואַלן, עס רוישן די שטראָמען,
עס גייט ווי פון זילבערנע גלעקער אַ קלאַנג;
עס הערן זיך שטימען פון טויזנטער פייגל,
עס גיסט זיך אַ ליבעס, זיסעס געזאַנג.

נאָר דאָרט, ביי דעם טויער, זעט שטייען דער קיניג
אַ מ ל א ך מיט פלאַמענדן שווערד אין די הענט;
ער שטייט צו באַשיצן דעם הייליקן טויער,
די הויכע, די שטאַרקע, הייליקע ווענט.

„ווער ביסטו? — טוט פרעגן דער מ ל א ך ביים קיניג. —
דו ביסט אַלעקסאַנדער? שטיי־זשע! פאַר דיר
וועט בלייבן אויף אייביק פאַרמאַכט צום ג ן ־ ע ד ן
די ליכטיקע, ריינע, הייליקע טיר.

נאָר די, וועלכע לעבן אין פריינדשאַפט, אין פרידן,
וואָס טוען און ברענגען גוטס אויף דער וועלט, —
נאָר זיי קאָנען קומען אין הייליקן גאָרטן,
אין ליכטיקן, אייביקן ב ו ר א׳ס געצעלט.

און דו, וואָס פאַרגאָסן האָט טייכן פון טרערן
דיין אייזערנע, בייזע, בלוטיקע האַנט, —
דיך האָט דער באַשעפער באַגליקט אין דיין לעבן
מיט ערשאַפט, מיט רייכטום, מוט און פאַרשטאַנד,

ביסט אָבער פאַרגאַנגען אויף זינדיקע וועגן,
פאַרדרייט זיך אין שרעקלאַכן שטורעם און ווינט;
דו פלעגסט ניט באַשוינען קיין יוגנט, קיין עלטער...
צו גרויס זיינען דיינע שרעקלאַכע זינד!

אומזיסט איז געוועזן דיין מי, אַלעקסאַנדער!
דו קאָנסט אין ג ן ־ ע ד ן ניט קומען: פאַר דיר
וועט בלייבן אויף אייביק פאַרמאַכט פון ג ן ־ ע ד ן
די ליכטיקע, ריינע, הייליקע טיר...“

* * *

„—אַך, דו גרויסער מ ל א ך! — האָט מיט הייסע טרערן
שטיל געזאָגט דער קיניג. — שרעקלאַך איז דײַן שטראָף:
שטיין גאָר נאָענט לעבן טויער פון ג ן - ע ד ן,
פילן שוין דעם זיסן ר י ח... און ל ס ו ף...

גיב זשע, גיב כאָטש עפּעס מיר אַן א ו ת - ז י כ ר ו ן
אַז איך בין געווען דאָ, ביי אַט דער טיר,
מענשן זאָלן זעען, מענשן זאָלן גלויבן,
אַז דאָס האָט געטראָפן אויפ'ן וואָר מיט מיר."

— „נאָ, — האָט דאָ דער מ ל א ך אים געזאָגט, — אַט האָסטו...
גיי צוריק, און שטאַרקן זאָל דיר גאָט דײַן האַרץ,
זאָלסט פאַרברענגען דײַנע איבעריקע יאָרן,
ניט צו וויסן אייביק פון קיין נויט און שמאַרץ..."

* * *

דער קיניג איז געקומען אין אַ שטאָט
און האָט געשיקט צונויפרופן די ז ק נ י ם,
די פײַנסטע און די קליגסטע פון דעם פאָלק:
— „איר זעט? — האָט ער געזאָגט. — איר זעט דעם שיינעם,

דעם ליבן א ו ת - ז י כ ר ו ן, וואָס פון דאָרט
איך האָב געבראַכט? ווי זאָל איך זיך ניט שעמען!
אַ שטיקל ביין! אַ שטיקל פוילן ביין!
איך, אַלעקסאַנדער מוקדון, איך, פאַר וועמען

עס האָט אַ גאַנצע וועלט געקניט,
געציטערט נאָר פאַר מיר אַליין, פאַר איינעם..."
— „אָ, שטראָף מיך ניט, מײַן קיניג, פאַר די רייד. —
האָט אים געענטפערט איינער פון די ז ק נ י ם: —

„פאַרהאַס ניט די מ ת נ ה, וואָס דער גײַסט
האָט דיר געגעבן: אין דעם טויטן
און פוילן ביינדל ליגט אַ טיפער זין,
וואָס קען דיר א פ ש ר נוצן אין פיל נויטן.

„עס טרעפט ניט זעלטן, אַז די קלענסטע זאַך
ווערט זייער וויכטיק אין דעם מענשנס לעבן.
דערלויב, איך וועל דאָס דיר באַווײַזן באַלד,
באַפעל דו נאָר, מען זאָל אַ וואָג מיר געבן."

מען האָט געבראַכט. דער ז ק ן האָט געלייגט
דאָס ביינדל אויף איין וואָג־שאָל, אויף דער צווייטער —
צוויי הויפנס גאָלד. די וואָג־שאָל מיט׳ן ביין
האָט גלייך געטאָן זיי איבערוועגן ביידע.

— „וואָס איז דאָס? — פרעגט דער קיניג. — שיט אַרויף
נאָך זילבער, גאָלד!...״ מען האָט פון אַלע זייטן
געשאָטן, — עס האָט אָבער ניט געווירקט...
— „וואָס קען דאָס זיין? וואָס זאָל די זאַך באַטייטן?״...

דער קיניג האָט זיין שווערן, גרויסן שווערד,
זיין קרוין, זיין פּאַנצער — אַלץ אַראָפּגעריסן
און אויף דער צווייטער שאָל געוואָרפן... ניין!
דער ביין האָט ניט געוואָלט פון גאָר ניט וויסן,

ער האָט זיך ניט גערירט ניט אויף אַ האָר
און אויף זיין וואָג־שאָל רואיק זיך געלעגן.
דער קיניג האָט געציטערט, ווי אַ בלאַט:
— „אָ, זאָג זשע מיר! איך גיב מיין גאַנץ פאַרמעגן,

אַלץ, וואָס איך האָב, — צו וויסן, וואָס באַטייט
דאָס שטיקל ביין... עס ברענט אין מיר מיין מוח!
מיט וואָס קאָן אָפּגענומען זיין פון דעם
דער וואונדערבאַרער, צויבערלאַכער כוח?

מיט וואָס זשע?...״
— „מיט אַ קלייניקייט, — האָט אים
געזאָגט דער זקן, האָט זיך אָנגעבויגן
און אויף דעם שטיקל ביין אַ הויפן ערד
אַרויפגעשאָטן פאַר דעם קיניגס אויגן.

און וואונדערלאַך! — די וואָג־שאָל מיט׳ן גאָלד
האָט טאַקע באַלד אַ פאַל געטאָן פון אויבן,
און געגנפאַלס די צווייטע מיט׳ן ביין
האָט ווי אַ פעדער שנעל זיך אויפגעהויבן!...

און דער גרויער זקן האָט געזאָגט צום קיניג:
„אָט דאָס דאַרע ביינדל, וואָס דו האָסט געבראַכט,
איז ניט מער — אַ שטיקל פון אַ מענשנס שאַרבן;
זעסט אין דעם אַ לעכל? קוק זיך איין, באַטראַכט...

יאָ, מײַן האַר, אַ שטיקל פון אַ מענשנס שאַרבן:
אין דעם קלײנעם לעכל יאָרן פיל צוריק
איז אַן אויג געזעסן... אוי, ווי נאַריש, נאַריש
איז דער מענש צוזאַמען מיט זײַן גאַנצן גליק!

קלײן און שלאַף איז אונזער אויג, און ױפיל אָבער
אין דעם מענשנס לעבן גלוסט עס און באַגערט,
רײַסט זיך, ברענט מיט תּאווה — ווײניק, אײביק ווײניק!
עס פאַרכאַפּט אַלץ ווײַטער... גיב די גאַנצע ערד,

הימל, זון און שטערן גיב אַוועק — אַלץ ווײניק!
יאָג זיך, מענשל, אַרבעט, קלעטער, שפּרינג און לויף,
ווײַטער, מענשל, ווײַטער!... נו, און פאָרט ביז וואַנען? —
ביז מען שיט דעם ערשטן הויפן ערד אַרויף.

אַט גענוג, ניט ווײַטער, ניט אײן טריט, אײן רגע...
נאַט אײַך, גאַר דעם גאַנצן חשבון אָפּגעמעקט...
אַך, אַ ביסל קאַלטע קבֿר־ערד — און זעט נאָר,
זעט, אַקאָרשט, איך בעט אײַך, האַ? — ווי שווער
דאָס וועגט!..."

ש. פרוג.

דאָס ליד פון פײגעלע.

א.

אין אַ גרויסער שטאָט אין אונגאַרן איז אין אַן ענגער און שטאַר־קער תּפיסה געזעסן אַ פאַר'מ שפּט'ער. שלעכטע מענשן האָבן אים אין קײטן פאַרשמידט און אין תּפיסה אַרײַנגע־וואָרפן.

אין דער תּפיסה איז געווען פינסטער, פײַכט און קאַלט. אָנשטאָט אַ בעט האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן נאַסע שטרוי. מען האָט אים נאָר געגעבן ברויט מיט וואַסער. ער איז דאָרטן געזעסן פיל יאָרן — אָרים, קראַנק און אומעטיק. זעלטן פלעגט די זון שײַנען אין זײַן פענסטער. די פרישע לופט פלעגט ניט אַרײַנדרינגען צו אים אין תּפיסה. מיט טרויער האָט ער געקלערט וועגן זײַנע ליבע

ק ר ו ב י ם, װעגן זײַנע קינדערלאַך; ער האָט געטראַכט: װער
װײס, א פ ש ר האָבן זײ שױן אַלע אים פֿאַרגעסן, א פ ש ר מײ־
נען זײ, אַז ער איז טױט. װאָס טוט זיך איצטער אין דער פֿרײַער
װעלט? װאָס הערט זיך אין דער הײם?

ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. עס איז געװעזן אַ זעלטענער
זומער־אָונט. די זון איז פֿאַרגאַנגען הינטער'ן װאַלד און האָט באַ־
לױכטן מיט אַ רױטלאַכן שײַן די שפּיצן פֿון די בײמער. מענשן זײַ־
נען זיך אומגעפֿאָרן און אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער די גאַסן.
די ת פ י ס ה האָט זיך געפֿונען אין דער הײך, און די מענשן האָבן
אױסגעזען קלײנטשינקע. ער האָט צו זײ הױך אױפ'ן ק ו ל גע־
שריען, אָבער קײנער פֿון זײ האָט זײַן ק ו ל ניט געהערט.

ב.

אױפ'ן בלױען הימל זײַנען אומגעפֿלױגן פֿױגלען. פֿאַרבײַ זײַן
פֿענסטער איז דורכגעלאָפֿן אַן אָדלער.

— אָדלער, אָדלער! — האָט צו אים גערופֿן דער פֿאַר־
מ ש פ ט'ער. — זעץ זיך צו מיר אױפ'ן פֿענסטער, דערצײל מיר,
װאָס ס'טוט זיך דאָרט אױף דער ערד. זינג מיר עפּעס אַ ליד.

— נײן, — האָט דער אָדלער געענטפֿערט, — דײַן פֿענסטער איז
קלײן, און איך קאָן זיך ניט זעצן אױף אים. איך װעל דיר ניט דער־
צײלן, װאָס ס'טוט זיך אױף דער ערד, װײַל זעלטן לאָז איך זיך אַהין
אַראָפּ. מײַנע נעסטן בױ איך אױף די העכסטע פֿעלזן אָדער אױף די
עלטסטע דעמבעס, װײַט פֿון די שלעכטע מענשן, כ ד י זײ זאָלן ניט
צעשטערן מײַן נעסט. איך װעל דיר קײַן לידער ניט זינגען, װײַל איך
זינג קײנמאָל אױף דער ערד ניט, איך הײב זיך הױך, הױך, און מײַנע
לידער הערט נאָר די אײביקע זון.

און מעכטיק פֿאָכענדיק מיט זײַנע ברײטע פֿליגלען, האָט זיך דער
אָדלער שטאָלץ אױפֿגעהױבן צום הימל און איז גיך פֿאַרשװאונדן גע־
װאָרן פֿון די אױגן.

— שװאַן, שװאַן! דערצײל דו, װאָס ס'טוט זיך אױף דער ערד.
זינג מיר אַ ליד!

— נײן, — האָט געענטפֿערט דער שװאַן, — איך װעל דיר ניט
דערצײלן, װאָס עס טוט זיך אױף דער ערד. איך שװים שטענדיק
אין װאַסער אַרום, אין רײנעם, קאַלטן װאַסער צװישן אַיער. װען דאָס
װאַסער הײבט זיך אָן צו רײטלען אין דערפֿרי, אײדער די זון גײט
אױף, שרײַ איך דעם זונען־אױפֿגאַנג: „גוט מאָרגן!“ איך װעל דיר

נים זינגען קײן לידער. לידער זינג איך נאָר, װען איך האָב אַן אװעק־צושטאַרבן...

און דער שװאַן האָט װײַטער געשװאָומען אין דער לופטן און גע־בלאַנקט מיט זײַנע װײַסע פליגלען.

— װאָראָבײטשיקלאָך! װאָראָבײטשיקלאָך! זעצט זיך אויפ׳ן פענסטער צו מיר, דערצײלט מיר, װאָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד! זינגט מיר אַ לידעלע!

— טשיליק, טשיליק! מיר האָבן קײן צײַט נים. מיר דאַרפן נאָך פיקען די קערנדלאָך, װאָס דער מילנער האָט אומגערן פאַר־שאָטן...

ג.

נאָר פלוצלונג האָט אַ שװעב געטאָן אַ גרוי פײגעלע; עס האָט זיך אַ װײַלע געדרײט הין און צוריק פאַרבײַ דעם פענסטער און זיך געזעצט אויף דער אײַזערנער גראַטע.

— גוט מאָרגן, ליבע נאַכטיגאַל! אַ דאַנק דיר, ליב פײגעלע, װאָס דו ביסט צו מיר אין געסט געקומען! דערצײל מיר, װאָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס אַ לידעלע.

— יאָ, איך װעל דיר דערצײלן, װאָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד,— האָט אָנגעהויבן די נאַכטיגאַל, — איך װעל דיר זינגען אַ לידעלע.

און עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן אַזױנע װאונדער־שײנע טענער, אַז דער אָרימער פאַר׳מ ש פּ ט׳ער האָט זיך פאַר פרײד צעװײנט, אומ־געפאַלן אויפ׳ן שטרוי און אַלץ געהערט און געװײנט...

„נעכטן פרימאָרגנס, ב ש ע ת דער הימל האָט זיך פון דער אויפ־גײענדיקער זון גערײטלט, — האָט געזונגען די נאַכטיגאַל, — איז גע־װען אַזוי פריש און קיל. איך בין צוגעפלויגן צו דײַן שטיבעלע, זיך געזעצט אויף דעם גרינעם נוסנבוים לעבן פענסטער און אַלץ געזונגען. דאָס קינד דײַנס איז געלעגן אויפ׳ן בעטעלע; עס האָט פאַנאַנדערגע־עפנט זײַנע ברײטע ליכטיקע אײגעלאָך און געפרעגט: „װאו איז דער טאַטע?“ און צוגעהערט זיך צו מײַנע לידער.

„דײַנע ק ר ו ב י ם װײנען, װען זײ דערמאָנען זיך אָן דיר. זײ האָבן דיך ליב, זײער ליב; װאָלטן דיך זײער װעלן זען. פאַל נים אַראָפּ! די שלעכטע מענשן װעלן דיך צוריק אָפּלאָזן און דו װעסט װערן פרײַ און װעסט װידער אַרוים אויף דער ליכטיקער פרײַער װעלט!

„עס װעלן דיך האַלזן און קושן דײַנע קינדערלאָך. אַ שטילער זומער־אָװנט װעט זײַן; לאַנגע שאָטנס װעלן זיך ציען פון די בײ־

מער; די זון וועט אפּגלאַנצן אין די שויבן פון די פענסטער. דו וועסט זיצן אויפ'ן גאַניק און וועסט די קינדערלאך דערציילן, ווי דו האָסט געליטן דאָ.

„דו וועסט זיי לערנען, קיינעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס ניט צאָלן, ווען זיי וועלן גרויסע ווערן; דו וועסט זיי לערנען, זיי זאָלן ניט זיין אין כעס אויף די שלעכטע מענשן און זאָלן וועלן, אַז אַלע מענשן זאָלן איינע די צווייטע ליב האָבן, ווי ברידער...

„און די קינדערלאך וועלן זיך צו דיינע רייד צוהערן. ווען זיי וועלן ווערן גרויסע, וועסטו זיי זען גוטע, אָרנטלאַכע, וועסט זען, ווי זיי העלפן אָרימע.

„דו וועסט לעבן לאַנג, לאַנג! דיינע האָר וועלן גרוי ווערן, אָבער דיין האַרץ וועט אַלץ פרייליך שלאָגן.

„און ווען דו וועסט שטאַרבן, וועלן דיך אַלע באַוויינען און תפילה טאָן פאַר דיר. און מען וועט דיך אַוועקטראָגן אין אַ ליכטיקן זונענדיקן טאָג אויפ'ן גרינעם בית-עולם. איבער דיין קבר וועט מען פאַרפלאַנצן אַ רויזן-קוסט און פאַר'ן זונען-אויפגאַנג וועל איך אויף אים זינגען."

ה. אַנדערסען.

דער ליגנער.

פון ווייטע לענדער קומענדיק צוריק,
האָט איינער פאַר זיין פריינד, שפּאַצירנדיק אין פעלד,
גערימט זיך מיט די וואונדערבאַרע שטיק,
וואָס ער געזען האָט אויף דער וועלט
(און האָט דערביי געהאַקט אַ היבשע ביסל ליגן).
— ניין, ניין! וואָס כ'האָב געזען, וועל איך נישט זען שוין מער.
דו נאַר באַקלער,
וואָס איז ביי אונז דאָ פאַר אַ געגנט!
הייַנט שיינט די זון — און מאָרגן רעגנט;
דאָס צופיל היץ — דאָס צופיל שאָטן;
און דאָרטן, זאָג איך דיר, איז טאַקע אַ גן-עדן.
ס'איז נאָר אַ פאַרגעניגן
דערמאָנען זיך און וועגן דאָרט צו רעדן.

קײַן ליכט, קײַן פוטער, — דאָרטן ווײַס מען ניט דערפֿון.
ס'פֿאַרגייט דאָרט קיינמאָל ניט די זון,
און פֿרילינג נאָר
איז דאָרט דאָס גאַנצע יאָר.
מען דאַרף ניט אַקערן, ניט זייען.
און וואָלסטו נאָר געזען, ווי דאָרטן איז געראָטן! —
עס טוט דאָס האַרץ זיך פֿרייען!
איך האָב, צום־בײַשפּיל, דאָרטן אין אַ שטאָט
אַן אוגערקע געזען —
מײַן גאָט!
זי איז געווען
די גרייס... נו, ווי אַ באַרג געווים."

„— וואָס חידוש'סטו זיך?"—האָט געענטפֿערט אים זײַן פֿרײַנד.—
„עס איז פֿיל וואונדערלאַכעס דאָ אין יעדן אָרט באַזונדער.
ניט אַלע אָבער לייגן אויף דעם אַכט.
אָט האָבן מיר דאָ איצט פֿאַר זיך אַ גרויסן וואונדער:
איך קען דיר שווערן, האָסט אַזאַ ביז הײַנט
נאָך זיכער נישט געזען.
אַן, זעסטו דאָרט אויף אונזער וועג די בריק?
אַזוי ווען מען באַטראַכט,
איז זי אַן אײַנפֿאַכע פֿון ערשטן בליק;

זי האָט אָבער אין זיך אַ וואונדערלאַכע מאַכט:
אַ ליגנער קען אויף איר ניט גיין; און ווען
ער גייט זיך דורך אויף איר אַ ביסל, גלײַך
פֿאַלט ער אַרײַן אין טײַך.
און נישט אַ ליגנער — קען
אויף איר מיט פֿערד זיך יאָגן!"

— „ווי טיף איז דאָ בײַ אײַך?"
— „גאַנץ טיף. נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן?
דײַן אוגערקע אין פֿלוג
איז וואונדערלאַך גענוג.
איאָ, געזאָגט האָסטו,
אַז ווי אַ באַרג איז זי די גרייס?"

— „אַ באַרג, ניט ווי אַ באַרג, נאָר זיכער ווי אַ הויז..."
— „עס גלויבט זיך קוים; נאָר דאָך

איז וואונדערלאַכער נאָך
די בריק, צו וועלכער אָט מיר קומען צו.
זי קען אויף זיך קיין ליגנער ניט פאַרטראָגן;
עס האָבן פרילינג-צייַט זיך דאָ דורך איר דערטרונקען
אַ שנייַדער און באַרימטע זשורנאַליסטן צוויי
(עס האָט מיט דעם די גאַנצע שטאָט געקלונגען).
נאָר אויך דייַן אוגערקעלע, ווי אַ שטוב די הייך,
איז וואונדערבאַר און וויכטיק,
אויב ס׳איז נאָר ריכטיק...“

— „ס׳איז גאָר ניט וואונדערלאַך אַזוי!
מען מוז דאָך וויסן, ווי די זאַך צו שאַצן;
פאַרשטיי,
עס זייַנען דאָך ניט אומעטום פּאַלאַצן.
די הייַזלאַך זייַנען דאָרטן אַזוי קליין,
אַז קוים, קוים צווייען קענען אין זיי שטיין...“

— „כ׳פאַרשטיי; נאָר וואונדערלאַך איז פאָרט
אַן אוגערקע, וואָס גיט פאַר צווייען אָרט.
נאָר וואָס זאָגסטו צוריק
אויף אונזער בריק!
אַ ליגנער קען אויף איר קיין טראָט ניט געבן,
וואו ער זאָל ניט באַצאָלן מיט זייַן לעבן!
עס מעג זיך זיין דייַן אוגערקע ווי גרויס...“

— „הער אויס!“ —
האָט אָפּגעהאַקט דער ליגנער שטאַרק צעטראָגן. —
„איך וויל דיר זאָגן,
אַז איידער דורכצוגיין די בריק,
איז בעסער שוין זיך אומקערן צוריק.“

נחום יערוסאַלימטשיק.

דאָס מעסערל.

א.

איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַן אמת׳ע, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט מיר טאַקע אַליין.

צו קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק ניט געהאַט, ווי צו אַ מעסערל; קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבן, ווי צו האָבן אַ מעסערל, אַן אייגן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל, זאָל איך דאָס מיר אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע חברים וויסן!

איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָב איך שוין געהאַט אַ מעסערל, דאָס הייסט כמעט ווי אַ מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט. איך האָב אויסגעריסן אַ געניזענע פעדער פון אַ פלעדערוויש, פון איין זײַט אָפּגעהאַקט, פון דער אַנדער זײַט אויסגעגלעט און האָב מיר פֿאַרגעשטעלט, עלעהיי, ס׳איז אַ מעסערל און סע שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פעדער, וועלכע שוואַרצע יאָר? וואָס איז דאָס פאַר אַרומטראָגן זיך מיט פעדערן? — פרעגט מיך דער טאַטע, אַ קראַנקער איד מיט אַ געל אויסגעטריקנט פנים, און פאַרהוסט זיך. — נאַ דיר גאָר פעדערן, שפילאַכלאַך — קכע־הע־הע.

— וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפילט זיך? — ענטפערט אים די מאַמע, אַ נידעריטשקע אידענע מיט אַ זײַדן טיכל אויפ׳ן קאָפּ. — אַבי אויסעסן זיך דאָס האַרץ, מײַנע שונאים!

שפּעטער, אַז איך האָב שוין געהאַלטן בײַ חומש, האָב איך שוין געהאַט כמעט אַן אמת׳דיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מלאכה! איך האָב דערטאַפּט אַ שטיקל שטאָל פון דער מאַמעס „קרינאָלינע“ און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין אַ שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשאַרפט אין אַ טאָפּ און האָב זיך דערבײַ געווײַנטלאַך, צעשניטן אַלע פינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעבלוטיקט, דער קדיש דײַנער! — שרײַט דער טאַטע און נעמט מיך אָן בײַ די פינגער אַזוי, אַז די ביינדלאַך קנאַקן. — אַ שיינער בחור, קכע־הע־הע!

— אוי, אַ דונער איז מיר! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל און וואַרפט דאָס אַרײַן אין אויוון אַרײַן, קוקט נישט אויף מײַן געוויין. — אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, ווי איז מיר ניט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאָקע אויף דער רעכטער אמת אַ מעסערל. אַ הילצערן קלעצל אַ קײַלאַכיקס, אַ בײַכיקס, ענלעך אויף אַ פעסל, מיט אַ האַרבאַטע קלינגל, וואָס האָט זיך אי געעפנט אי פאַרמאַכט. איר ווילט וויסן, ווי אַרום האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צונויפגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פון די אַנ־בײַסנס און האָב אָפּגעקויפט פאַר זיבן גראָשן מזומן און דרײַ בין איך געבליבן שולדיק.

אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! געקומען אַהיים פונ'ם חדר אַ דער'הרג'עטער, אַ הונגעריקער, אַ שלעפעריקער, אַן אויסגעפּאַטשטער, איז דאָס ערשטע געווען — אַרויסנעמען דאָס מעסערל פון אונטער דער שוואַרצער שאַפע. דאָרט איז דאָס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, מחמת אין חדר האָב איך דאָס ניט געטאָרט האַלטן און אין דערהיים האָט אוודאי קײנער נישט געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל. נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשנײַדן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב און ערשט נאָכדעם צעשנײַדן מײַן חלק ברויט אויף קלײניטשקע, קלײניטשקע שטיקלאַך, אָנשטעכן אויפ'ן שפּיץ פונ'ם קלינגל און ערשט נאָכדעם לײגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פאַר'ן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערײניקט, אויסגע־שײַערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפשטײנדל, וואָס איך האָב געפונען בײַ אונז אויפ'ן בוידים, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילער־הייט צו דער אַרבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט. די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בײַ דער חלה. איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצים כאַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי פונ'ם שלאָף.

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו ש־הי־הי־געץ אײנער?

ער גײט צו צו מיר און בײגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפשטײנדל און כאַפּט מיך פאַר'ן אויער און פאַרהוסט זיך.

— אַ—אַ—אַ? מעסערלאַך!? קכע־הע־הע! — זאָגט דער טאַטע

און נעמט צו ביי מיר דאָס מעסערל מיט'ן שאַרפשטיינדל. — אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנט, קכע־הע־הע!

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול, דער טאַטע פאַרבעסערט מיר מיט עטלאַכע פּעטש, און די מאַמע לויפט אַריין פון קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל מיט אַ געוואַלט.

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכס? פאַרוואָס שלאָגסטו אים, גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד! ווי איז מיר ניט!...

— מעסערלאַך?... — שרייט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך. — אַ ברעקעלע קינד!... אַזאַ יונגאַטש!... קכע־הע־הע!... קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנט? אַ בחור'ל פון אַכט יאָר!... איך וועל דיר געבן מעסערלאַך, דו פוסטער בחור איינער! אין מיטן דרינען גאָר מעסערלאַך, קכע־הע־הע!

געוואַלט. וואָס האָט ער געהאַט צו מיין מעסערל? וואָס האָט דאָס ביי אים אַזוינס פאַרזינדיקט?... פאַרוואָס איז ער אַזוי אין כעס?...

איך געדענק מיין טאַטן כמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל און תמיד אין כעס, תמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסטע נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורס זיין. אַ גליק, וואָס די מאַמע פאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זיינע הענט.

און דאָס מעסערל מיינס האָט מען פאַרוואָרפן. פאַרוואָרפן אַזוי ווייט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג כסדר געזוכט און געזוכט און האָב דאָס ניט געקאָנט געפינען אין ערגעץ! איך האָב ערנסט באַוויינט דאָס האָרבאַטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל; און ווי ביטער און פינסטער מיר איז געווען אין חדר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן, צו וועמען זאָל איך זיך קערן און ווענדן?

עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יתום, און קיינער, קיינער האָט ניט געזען מיינע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן ביי זיך אויף מיין בעטל, ביינאַכט, קומענדיק פון חדר. שטיל האָב איך זיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפן געוואָרן, און אויף מאָרגן פרי ווידער אין חדר אַריין, ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות, — ניטאָ קיין פריילע מינוט, קיין פריילאַכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינציק שמייכעלע פון קיינעם, פון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אויף דער גאַנצער וועלט!...

ב.

פון יענער צייט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר און אפשר אַנדערהאַלבן; איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן דאָס האָרבאַטע מעסערל. עס ווייזט אויס, אַז מיר איז אָבער אָנגעציִיכנט געוואָרן, אַז מיינע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פאַר מע־סערלאַך, — איז געבוירן געוואָרן אַ ניי מעסערל אויף מיין אומגליק, גאָר אַ שפּאָגל־ניי מעסערל, אַן אַנטיקל, כ'לעבן, אַ וואָזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלאַך, טייערע שטאָלענע קלינגלאַך, שאַרפע ווי חלפים, מיט אַ ווייס ביינערן קלעצל, מיט אַ מעשענעם „קאַסטן", מיט רויטע מעשענע שטיפטיקלאַך — איך זאָג אייך אַן אַנטיקל!

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טייערע מעסערל, וואָס איז גאָר ניט אויף מיין מיסט געוואַקסן געוואָרן? דאָס איז אַ גאַנצע מעשה, אַ טרויעריקע, נאָר אַ שיינע מעשה.

ביי אונז איז געשטאַנען סטאַנציע אַ אידישער דייטש, אַ גלות, דער פּאָדריאַטשיק הער הערץ הערצנהערץ. גערעדט האָט ער אויף אידיש, געגאַנגען איז ער אָן אַ היטל, אָן אַ באָרד, אָן פאות און ביז העכער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע.

איך פרעג אייך, ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט איינהאַלטן און ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען דער דאָזיקער אידישער גוי, אָדער דער גוי'אישער איד, האָט צו מיר גערעדט דווקא אויף אידיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנע אידיש מיט אַ סך פּתח'ן.

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! — האָב איך מיך צעלאַכט און באַהאַלטן דעם פּנים אין האַנט.

— זאַגע, זאַגע, מיין ליבעס קינדכען, וואָס פיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! ב־ל־ק!... — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכ־טער און בין אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהייב, בשעת איך האָב אים נאָך גאָר ניט געקענט, אָבער נאָכדעם, אַז איך האָב מיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאָזיקן דייטש הער הערץ הערצנהערץ (ער איז אָפּגעזעסן ביי אונז אין שטוב אַ יאָר כסדר), האָב איך אים אַזוי ליב געקראָגן, אַז עס האָט מיך שוין מער ניט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן.

דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלאַכער איד, האָט אים תמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבן־אָן, און אויך אַלע אַנדערע אידן, וואָס פלעגן

אַרײַנקומען צו אונז אין שטוב אַרײַן, פלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כבוד.

אײַנמאָל קום איך אַרײַן אין חדר, וואו עס שלאָפט תּמיד דער הער הערץ הערצנהערץ; אַך, ווי שײן, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן; אויפ'ן טיש — אַ גרויסער אַ זילבערנער טינטער מיט שײנע פּענעס; מענשעלאַך מיט פּעדער־לאַך, מיט צאַצקעלאַך, מיט בײנדלאַך, מיט שטײנדלאַך און... אַ מע־סערל. אַך, וואָס פאַר אַ שײן מעסערל!...

ווען איך, אַ שטײגער, זאָל האָבן אַזאַ מעסערל! ווי גליקלאַך וואָלט איך געווען. וואָס פאַר אַ מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט! אַ'נו, מע דאַרף דאָס פּרואוון, — עס איז עפּעס שאַרף?... אַך, עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אײ־אײ־אײ אַ מעסערל!...

אײן מינוט — דאָס מעסערל איז בײַ מיר אין האַנט; איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און פּרואוו זיך דאָס אַרײַנלײגן אויף אַ מי־נוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האַנט, עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער, ווי עס מאַכט: „טיק־טיק־טיק"!... איך הער ווי עמיצער גײט, סקריפּעט מיט די שטיוול; דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצנהערץ! אײ־אײ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַנידער־לײגן; דערווײַל דאַרף מען אַרויסגײן, אַוועקגײן פון דאַנען, אַנטלויפן! אַנטלויפן!...

איך קאָן שוין קײן וועטשערע ניט עסן; די מאַמע טאַפּט מיר בײַם קאָפּ, דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בײזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן...

שלאָפן? איך קאָן דען צומאַכן די אויגן? איך בין אַ טויטער!... וואָס טוט מען מיט'ן מעסערל? ווי אַזוי לײגט מען דאָס אַנידער צוריק?...

ג.

— קום נאָר אַהער, תּכשיט מײַנער! — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע. — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מעסערל?...

תּחילת בין איך געווען זײער דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער ווײס, אַז זײ ווײסן אַלע... שיר־שיר האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: אַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס! עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואָרג געטאָן אין האַלז און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— וואו, וואָסער מעסערל ?...

— וואו, וואָסער מעסערל ! — קרימט מיך איבער דער טאַטע. — וואו, וואָסער מעסערל ! דאָס גילדענע מעסערל ! אונזער אורח׳ס מעסערל, דו בחור׳עץ, דו שייגעץ איינער, קכע־הע־הע !

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד ? — מישט זיך אַריין די מאַמע. — דאָס קינד ווייס פון קיין פּותר און פון קיין חלום, און ער דולט אים אַ ספּאָדיק : מעסערל, מעסערל !

— מעסערל, מעסערל ! וואָס הייסט ער ווייס ניט ? — זאָגט דער טאַטע מיט כעס. — אַ גאַנצן פרימאָרגן הערט ער ווי מע שרייט : „מעסערל, מעסערל ! מעסערל, מעסערל !" מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער : וואו — וואָסער מעסערל ? גיי שוין, גיי וואַש זיך, דו פוסטער בחור איינער, דו גוי׳עץ איינער, קכע־הע־הע !

איך דאַנק דיר, רבונו־של־עולם, וואָס זיי האָבן מיך כאָטש ניט באַזוכט ! נאָר וואָס טוט מען ווייטער ? מע באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטן ערגעץ אויף אַ גוט אָרט... וואו באַהאַלט מען דאָס ? אַהאַ, אויפ׳ן בוידים ! איך כאַפּ דאָס ארויס פון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַריין... איך עס און ווייס ניט וואָס איך עס, איך וואַרג זיך...

— וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי, וועלכע שוואַרצע יאָר ? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— איך איַיל זיך אין חדר אַריין. — ענטפער איך אים און פיל, אַז איך ווער רויט ווי פייער...

— אַ מתמיד געוואָרן, וואָס זאָגסטו אויף דעם צדיק ? — וואַרטשעט ער און קוקט אויף מיר בייז...

קוים, קוים דערלעבט אָפּעסן, אָפּבענשן...

— נו, פאַרוואָס גייסטו שוין ניט אין ח־חדר, צדיק מיי־נער ? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס טרייבסטו אים אַזוי ? — פרעגט אים די מאַמע. — לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט !

איך בין שוין אויפ׳ן בוידים... ווייט, ווייט אין קראָקווע ליגט דאָס ווייסע מעסערל ; עס ליגט און שווייגט...

— וואָס קלעטערסטו אויף בוי־בוידימס ? — שרייט דער טאַ־טע. — דו, יונגאַטש איינער, דו, בר־מצוה־יונג ? דו באַד־גוי ! קכע־הע־הע !

— איך זוך דאָ עפּעס... — ענטפער איך אים און פאַל שיר ניט אום פאַר שרעק.

— עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס“? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „עפּעס“!

— אַ... ס־ס פ ר... אַ... אַ... אַן אַלטע ג־ג מ ר אַ...

— האַ? אַ ג־ג מ ר א? אויפ׳ן בוידים? קריך שוין אַראָפּ, קריך, וועסט שוין לייזן! דו באַד־ג וי, דו הינטשלעגער, דו כ ל־ ב ו׳ניק איינער, קכע־הע־הע!

נאָר עס אַרט מיך שוין ניט אַזוי דעם טאַטנס כ ע ס, ווי עס אַרט מיך דאָס, וואָס איך האָב מ ו ר א, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל; אַ ק ש י א? טאָמער גראַד הײַנט קריכט מען אַרויף אויפ׳ן בוידים גרעט אויסהענגען. מע דאַרף דאָס פון דאָרטן אַראָפּנעמען און באַשטאַטן אויף אַ בעסער אָרט!... איך גיי אַרום אין איין ציטער־ניש! יעדער קוק פונ׳ם טאַטנס אויגן ווײַזט מיר אויס, אַז ער ווייס שוין, אַז אָט־אָט טוט ער מיך אַ כאַפּ מ כ ו ח דעם א ו ר ח׳ס מע־סערל. איך האָב שוין אַן אָרט אויף דעם, אַ טײַער אָרט — וואו? אין דער ערד, אין אַ גריבל ביי דער וואַנט אַרײַנגעשטעקט, און פון אויבן רעכט פאַרשאַרט מיט שטרוי פאַר אַ ס י מ ן...

געקומען פונ׳ם ח ד ר, כאַפּ איך זיך באַלד אַרוים אין הויף אַרײַן, איך נעם מיר פּאַוואָלינקע אַרוים דאָס מעסערל און איך האָב קיין צײַט ניט אַ פ י ל ו רעכט אָנשפּיגלען זיך אינדעם, הער איך שוין דעם טאַטנס געפילדער:

— וואו ביסטו ערגעץ דאָרט? פאַרוואָס גייסטו שוין ניט דאַוו־נען, דו ב ע ל־ע ג ל ה־י ו נ ג, דו וואַ־וואַסער־פירער, קכע־הע־הע!...

ד.

זומער־לעבן. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואָס קילער, דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען און שטיקער כמאַרעס פליען דורך, אַן רעגן, פאַרביי דער ל ב נ ה, ווילן זי אײַנשלינגען. די ווײַסע זילבערנע ל ב נ ה באַהאַלט זיך אַלע מינוט און באַווײַזט זיך ווידער, דאַכט זיך — זי שוועבט און שוועבט און שטייט אויף איין אָרט. דער טאַטע זעצט זיך צו אויפ׳ן גראָז אין אַ כאַלאַט, מיט אַ ווײַסן ט ל י ת־ק ט ן, האַלט איין האַנט אין בוזים און מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט ער ביי דער ערד און קוקט אויפ׳ן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט. דער פּ נ י ם אַנטקעגן דער ל ב נ ה איז טויט, פאַרזילבערט. ער זיצט פונקט אויף דעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן און

ער ווייס גאָרניט, וואָס אונטער אים טוט זיך. אָך, ווען ער זאָל אַ שטייגער וויסן? וואָס וואָלט ער געזאָגט? וואָס וואָלט איך געהאַט?

— אהאַ, — טראַכט איך מיר אין האַרצן, — האָסט מיר פאַר־וואָרפן מיין האַרבאַטע מעסערל, האָב איך איצט אַ ביסל אַ בעסערס, אַ שענערס! דו זיצסט אויף דעם און דו ווייסט גאָר ניט. אוי, טאַטע, טאַטע!...

— וואָס גלאָצסטו אויף מיר די אויגן, ווי אַ קאַ־קאַטער? — כאַפּט מיך אָן דער טאַטע. — וואָס זיצסטו צונויפגעלייגט די הענט ווי אַ שטאָט־באַלעבאָס? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין אַרבעט ניט אָפּ־זוכן? און „קריאת־שמע"־לייענען ביסטו פטור? פאַר־שרפה'ט זאָלסטו ניט ווערן, יונגאַטש איינער, קבע־הע־הע!

דער עולם שלאָפט. שאַ, שטיל אַרום און אַרום. פּאַוואָלינקע הייב איך זיך אויף אויף אַלע פיר און שטיל ווי אַ קאַץ גנב'ע איך זיך אַרויס אין הויף אַרויס. די נאַכט איז שטיל, די לופט איז פריש, מחיה־נפשות. פּאַמעלאַך קריך איך צו צו יענעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן, פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטן און באַטראַכט דאָס ביי דער לבנה; עס גלאַנצט, עס בלישטשעט, ווי גינגאָלד, ווי אַ בריליאַנט. איך הייב אויף די אויגן אַרויף און דערזע: די לבנה קוקט גלייך אַראָפּ צו מיר אויף מיין מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אַזוי איין? איך דריי זיך אויס צוריק — זי קוקט מיר נאָך. איך פאַרשטעל דאָס מעסערל מיט'ן העמדל, זי קוקט מיר נאָך. זי ווייס געוויס, וואָס דאָס איז פאַר אַ מעסערל און וואו איך האָב דאָס גענומען?... איך האָב דאָס גע'־גנב'עט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט דאָס מעסערל איז מיינס, קומט מיר דאָס דאָזיקע, שרעקלאַכע וואָרט אויף די געדאַנקען.—גע'גנב'עט? בין איך דאָך, הייסט דאָס, אַ גנב? פשוט אַ גנב? אין דער תורה שטייט געשריבן אין די עשׂרת־הדברות מיט גרויסע אותיות:

לא תגנוב!

„זאָלסט ניט גנב'ענען!" און איך האָב גע'גנב'עט! וואָס וועט מען מיר דערפאַר טאָן אין גיהנום? אוי, וויי! מ'וועט מיר אָפּ־האַקן די האַנט, די האַנט, וואָס זי האָט גע'גנב'עט... מע וועט מיך שמייסן מיט אייזערנע ריטער, מע וועט מיך בראָטן און ברענען אויף הייסע סקאָווראָדעס. אייביק, אייביק וועל איך גליען...

מע באַדאַרף אָפּגעבן דאָס מעסערל, מע באַדאַרף אַנידערלייגן

צוריק דאָס מעסערל, מע באַדאַרף ניט קיין ג נ ב'יש מעסערל. מאָרגן לייג איך אַנידער צוריק דאָס מעסערל.

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזים אַריין. פיל איך, אַז סע בריט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מע באַדאַרף עס צוריק באַהאַלטן, באַגראָבן אין דער ערד אַריין ביז מאָרגן. און די ל ב נ ה פון אויבן קוקט אויף מיר. וואָס קוקט זי? די ל ב נ ה זעט, זי איז אַן ע ד ו ת... און איך קריך צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַריין אויף מיין געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קאָן ניט אַנט־שלאָפן ווערן. איך קאַטשע זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און קאָן ניט שלאָפן...

מיט'ן טאָג גלייך שוין בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און עס האָט זיך מיר גע'ח ל ו מ'ט אַ ל ב נ ה, און עס האָבן זיך מיר גע'ח ל ו מ'ט אייזערנע ריטער, און עס האָבן זיך מיר גע'ח ל ו מ'ט מעסערלאַך... גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעדאַוונט גע־שמאַק, מיט כּ ו ו נ ה, און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבייסן אויף איין פוס און מאַרש אין ח ד ר אַריין.

— וואָס כאַפּט דאָס דיך אַזוי אין ח ד ר אַריין? — שרייט אויף מיר דער טאַטע. — וואָס יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט ניט אַנווערן די ת ו ר ה דיינע שפּעטער אויך; בענש בעסער, ווי עס קער צו זיין און היפּער ניט קיין ווערטער! וועסט נאָך צייט האָבן זיין אויס־געלאָזט, — דו הולטיי איינער, דו אַ פּ י ק ו ר ס, דו ט ר פ'ניאַק איינער, קכע־הע־הע!

ה.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק, אַהער? — האַלט מיך דער רבי פיר און ווייזט מיר אָן מיט'ן פינגער אויף מיין ח ב ר, „בערל דעם רויטנס“, וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ; — זעסטו, ווייסער־ח ב ר ת'ניק? זאָלסטו וויסן זיין, אַז פון היינטיקן טאָג אָן און ווייטער איז שוין זיין נאָמען ניט „בערל דעם רויטנס“, ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער; ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען: אַצינד הייסט ער „בערעלע דער ג נ ב!“ — שרייט זשע, קינדער: בערעלע דער ג־נ־ב, בערעלע דער ג־נ־ב!

די דאָזיקע ווערטער צים אויס דער ר ב י מיט אַ נ י ג ו ן און אַלע ת ל מ י ד י ם כאַפּן אים אונטער, ווי די מ ש ו ר ר י ם:

— בערעלע דער ג־נ־ב! בערעלע דער ג־נ־ב!

איך בלייב אַ פאַרשטיינערטער, און אַ פראַסט גייט מיר איבער אויפ'ן לייב. איך פאַרשטיי ניט, וואָס דאָס באַטייט...

— וואָס שווייגסטו, דו שייגעץ איינער?... — רופט זיך אָן דער ר ב י צו מיר מיט אַן אומגעריכטן פּאַטש.— וואָס שווייגסטו, דו ג ו י'-עץ? דו הערסט דאָך, אַז אַלע זינגען. העלף זינגען מיט אַלע גלייך.

עס ציטערן מיר הענט און פיס, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אויף אַ צאָן, נאָר איך העלף זינגען: „בערעלע דער ג-נ-ב!"

— ששאַ! — שרייט אוים פלוצים דער ר ב י און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער'ן טיש. — שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום „מ ש פ ט" (מיט אַ נ י ג ו ן):

— אַ'נו, בערעלע ג נ ב, קום נאָר אַהער, מיין קינד, גיכער זשע, גיכער אַ ביסעלע! זאָג נאָר, אינגעלע, ווי אַזוי רופט מען דיך?

— בערל.

— ווי אַזוי נאָך?

— בערל... בערל... דער... ג נ ב!

— אָט אַזוי, מיין ליב קינד, אָט אַזוי ביסטו אַ וואויל אינגעלע. (מיט אַ נ י ג ו ן). אַצינד, בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זיין און שטאַרק אויף אַלע א ב ר י ם, נעם, זיי מ ו ח ל, בערעלע, און ציי אַראָפּ פון זיך די מ ל ב ו ש י ם'לאַך, אָט אַזוי, נו שוין, און גיכער שוין! איך בעט ביי דיר, נו שוין און גיכער שוין — אָט אַזוי, בערעלע, מיין טייערער!

בערל בלייבט שטיין נאַקעט, קיין טראָפּן בלוט איז אין אים ניטאָ. ער רירט זיך ניט מיט קיין א ב ר; די אויגן אַראָפּ, אַ געשטאָרבענער, אַ טויטער!...

דער רבי רופט אַרויס איינעם פון די גרעסערע ת ל מ י ד י ם, אַלץ מיט אַ נ י ג ו ן:

— אַ'נו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פונ'ם טיש, אַהער, צו מיר, געשווינטער, אָט אַזוי, און דערציייל אונז אָקאָרשט די מ ע ש ה פון אָנהייב ביז'ן ס ו ף, ווי אַזוי אונזער בערעלע איז געוואָרן אַ ג נ ב. הערט, ח ב ר ה, מיט קאָפּ.

און הערשעלע דער גרויסער הייבט אָן צו דערציילן אַ מ ע ש ה, ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו ר' מ א י ר - ב ע ל - נ ס פּושקע, וואָס זיין מאַמע וואַרפט אַהין אַלע פרייטאָג פאַר ליכט-בענשן אַ קאָפּיקע און אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דאַביוועט צו דער דאָזיקער צ ד ק ה-פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלע-סעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט אַ שטרייעלע מיט סמאָלע אַרויסגע-

שלעפּט פון דאָרטן אַלע קאָפּיקעס אײַנציקװײַז ביז לעצט; װי אַזױ די מאַמע זײַנע, זלאַטע די הײזעריקע, האָט זיך געכאַפּט; װי זי האָט אים צוגעשטעלט אַ בענקעלע; װי אַזױ בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבי'נס שמיץ מודה געװען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קײַלאַכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פון דער צדקה־פּושקע די קאָפּיקעס; װי אַזױ ער האָט זיך יעדן זונטאָג געקױפט צװײ לעקאַכלאַך מיט אַ באָק־סער! װי אַזױ... און אַזױ װײַטער און װײַטער...

— אַצינד, קינדער, משפּט אים! איר װײסט שױן װי אַזױ; דאָס איז שױן בײַ אײַך ניט דאָס ערשטע מאָל; לאָז יעדער זאָגן זײַן משפּט: װאָס קומט אַ גנב, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע. הערשל דער קלײנער, זאָג דו צום ערשטן, װאָס קומט אַזאַ גנב, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט אַ שטרױ פון אַ צדקה־פּושקע?

דער רבי בײגט אָן דעם קאָפּ אױף אַ זײַט, ער מאַכט צו די אױגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אױער צו הערשל דעם קלײ־נעם. הערשל דער קלײנער ענטפערט הױך, אױף אַ קול:

— אַ גנב, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ פּושקע, קומט... מע זאָל אים קאַטעװען, ביז בלוט זאָל גײן...

דער רבי נעמט זיך מיט'ן גראָבן פינגער אונטער'ן גאָרגל, װי אַ חזן, און רופט מיך אױך מיט אַ ניגון:

— זאָג נאָר, דו, שלומ'ניו, מײַן טײַערינקער, דײַן פּסק, װאָס קומט אַ גנב, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

איך װיל ענטפערן — פּאָלגט מיך ניט די צונג; איך ציטער, װי אין אַ קדחת, עס װערגט מיך אין האַלז. אַ קאַלטער שװײס באַ־שלאָגט מיך פון אױבן ביז אַראָפּ. עס פײַפט מיר אין די אױערן, איך זע שױן פאַר זיך ניט דעם רבי'ן, ניט דעם נאַקעטן „בערל דעם גנב", ניט קײן חברים; איך זע פאַר זיך נאָר מעסערלאַך, אָן אַ שיעור מעסערלאַך, װײַסע, אָפּענע מעסערלאַך מיט אַ סך קלינג־לאַך. און דאָרט בײַ דער טיר הענגט די לבנה, זי שמײכלט און קוקט אױף מיר װי אַ מענטש... עס דרײט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנ־צער חדר מיט'ן טיש, מיט די ספרים, מיט אַלע חברים, מיט דער לבנה, װאָס הענגט אױף דער טיר, און מיט אַלע מע־סערלאַך... איך פּיל, װי די פיס װערן מיר אונטערגעהאַקט; נאָך אַ מינוט — פאַל איך אום, נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כוחות און האַלט זיך אײַן, איך זאָל ניט פאַלן...

פאַרנאַכט קום איך אַהײם און פיל, אַז דאָס פּנים ברענט מיר, די בעקלאַך פלאַמען, און אין די אױערן שומעט מיר. איך הער,

מע רעדט צו מיר, נאר וואס — ווייס איך ניט. עפעס זאגט דער טאטע, עפעס בייזערט ער זיך, וויל מיר געבן פעטש; די מאמע שטעלט זיך איין פאר מיר, צעלאזט דעם פארטוך, ווי א קוואקע די פליגלען, בשעת זי באשיצט אירע הינדעלאך, מע זאל זיי ניט אנרירן צו שלעכטן... איך הער גארניט, איך וויל גארניט הערן, איך וויל נאר ס'זאל שוין ווערן גיכער נאכט! איך זאל קאנען מאכן אן עק מיט'ן מעסערל...

וואס טוט מען מיט דעם? מודה זיין זיך און אפגעבן דאס? וועל איך האבן בערעלעס פסק. אונטערווארפן דאס, — טאמער כאפט מען זיך?... פארווארפן און אן עק, אבי פטור ווערן! וואוהין פארווארפט מען דאס, אז מ'זאל דאס ניט געפינען? אויפ'ן דאך? וועט מען הערן א קלאפ. אין גארטן — וועט מען דאס געפינען. אהא! איך ווייס שוין, איך האב אן עצה: אריינוווארפן אין וואסער אריין! א טייערע עצה, כ'לעבן, — אין וואסער אריין, אין ברונים, טאקע אט-דא ביי אונז אויפ'ן הויף!...

דער דאזיקער געדאנק געפעלט מיר אזוי שטארק, אז איך וויל גאר לאנג ניט קלערן; איך כאפ דאס מעסערל און לויף גלייך צום ברונים; און עס דאכט זיך מיר, אז איך האלט אין די הענט ניט קיין מעסערל, נאר עפעס א מיאוס'קייט, א מין שרץ, פון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואס גיכער באפרייען זיך, פטור ווערן. נאר סע טוט מיר באנג — אזא טייער מעסערל. א מינוט שטיי איך פאר־טראכט, און עס דאכט זיך מיר, אז איך האלט אין האנט א לעבעדיקע זאך... דאס הארץ טוט מיר וויי אויף דעם: סטייטש, סטייטש, עס קאסט מיר אזוי פיל מי, עס איז א צער בעלי־חיים... איך נעם זיך אן מיט הארץ און לאז דאס מיט-אמאל ארוים פון די פינגער — „פליוך“!... עס טוט א פלעשטשע דאס וואסער און מער הערט מען נישט... ניטא קיין מעסערל! איך שטיי נאך א מינוט ביים ברונים און הער זיך צו — מע הערט גארנישט. דאנקען גאט, פטור געווארן! כאטש דאס הארץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: „סטייטש, אזא מעסערל, אזא מעסערל!...“

איך גיי צוריק צו מיין געלעגער און זע, ווי די לבנה קוקט מיר נאך; און עס דאכט זיך מיר, אז זי האט געזען אלץ, וואס איך האב דא אפגעטאן, און איך הער ווי א קול פון דערווייטנס: „אבער דו ביסט פארט א גנב!... כאפט אים, קלאפט אים, ער איז א גנב! א ג-נ-ב!...“ איך גנב'ע זיך אריין צוריק אין הויז אריין און לייג זיך שלאפן; און עס חלומ'ט זיך מיר, אז איך

לויף, איך שוועב, איך פלי אין דער לופטן מיט'ן מעסערל, און די ל ב נ ה קוקט אויף מיר און זאָגט:

„כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ ג נ ב! אַ ג־נ־ב!!"...

ז.

אַ לאַנגער, אַ לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זייער אַ שווערער ח ל ו ם! עס ברענט אין מיר אַ פייער; עס זשומעט מיר אין קאָפּ; אַלץ, וואָס איך זע, איז רויט, ווי בלוט. ברענענדיקע ריטער פון פייער קאַטעוועט מיין לייב און איך קאַטשע זיך אין בלוט; אַרום מיר דרייען זיך שלאַנגען און עקדישן; זיי האַלטן אָפּן זייערע מיילער און ווילן מיך איינשלינגען.. און איינער שטייט איבער מיר און שרייט אויף אַ ק ו ל, מיט אַ נ י ג ו ן צום טאַקט: „שמייסט אים! שמייסט אים! שמייסט אים! ער איז אַ ג־נ־ב!!!" און אַליין שריי איך: „געוואַלט, נעמט צו פון מיר די ל ב נ ה! גיט איר אָפּ דאָס מע־סערל! וואָס האָט איר צו בערלען, נעבאַך? ער איז ניט שולדיק, דאָס בין איך אַ ג־נ־ב! אַ ג־נ־ב..."

...און ווייטער געדענק איך ניט...

איך עפן אויף איין אויג און דאָס אַנדערע אויג... וואו בין איך? דאַכט זיך אויף אַ בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אויף אַ בענקל, ביים בעט? אָ! דאָס ביסטו, מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך ניט!... מאַמע? מאַמע! מאַ־מע!!... וואָס הייסט דאָס? מיר דאַכט, אַז איך שריי אויף אַ ק ו ל?... שאַ, איך הער זיך צו, — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם טאַטן מיט זיין געל־קרענקלאַך פ נ י ם. ער זיצט איבער אַ ס פ ר און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפצט און קרעכצט...

מיט אַמאָל פיל איך, ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע א ב ר י ם. עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינ'ם אַנדערן אויער: דזינון! איך גיב אַ נים: אַפּטשי!...

— צו געזונט! צו לאַנגע יאָרן! אַ ס י מ ן ט ו ב! מ ז ל־ ט ו ב!

מע דרייט זיך אַרום מיר; מע קוקט אויף מיר; יעדער גייט צו און טוט מיר אַ טאַפּ ביים קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּייט אוים און מע פּילנע־וועט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַריין זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לעפעלאַך איינגעמאַכטס. אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מע

היט מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצעפּל פון׳ם אויג, מע האָדעוועט מיך מיט ייכלאַך און מיט קאַטשקעלאַך, ווי אַ פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך נישט אַליין; עס זיצט תמיד לעבן מיר די מאַמע און דערציילט מיר איבער אַלע מאָל איבעראַנייעם די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מ׳האָט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד כמעט אַ טויטן, ווי אַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן כסדר אין איין העליש פייער און עפּעס כסדר גערעדט פון שמיץ און פון מעסערלאַך... מע האָט שוין גע־רעכנט, אַז איך בין שוין, חלילה, געשטאָרבען, און נאָכדעם פּלו־צים האָב איך אַ נים געגעבן זיבן מאָל, ממש פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— אַ סך, אַ סך טרערן האָבן מיר פאַרגאָסן, — לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אויף די אויגן, — איך און דער טאַטע... שיר, שיר ניט אָנגעוואָרן, פאַרזינדיקט אַ קינד, חלילה, מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינער, איבער וועמען? איבער וואָס? איבער אַ אינגל אַ גנב, עפּעס אַ בערעלע, וואָס דער רבי האָט פאַרשמיסען אין חדר ביז׳ן בלוט אַריין; אַז דו ביסט געקומען צו גיין פון חדר, ביסטו שוין געוועזן אַ טויטער, דער מאַמען זאָל זיין פאַר דיר! ניין, מיין קינד, אַז דו וועסט, אם־ירצה־השם, אויפשטיין געזונ־טערהייט, וועלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אַן אַנדער מלמד, ניט אַזאַ רוצח.

די דאָזיקע בשורה איז ביי מיר שרעקלאַך אָנגעלייגט! איך כאַפּ אַרום די מאַמען קושן.

טייערע, טייערע מאַמע!...

און דער טאַטע גייט צו צו מיר פּאַוואָליע, לייגט אַרויף זיין בלייכע קאַלטע האַנט מיר אויפ׳ן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך, אַן אַ שום כעס:

— אַי, האָסטו אונז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ איינער, קכע־הע־הע!

ז.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מיין אויפשטיין פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מיין זון, אַצינד גיי אין חדר אַריין און האָב שוין מער ניט אין זינען קיין מעסערלאַך מיט קיין נאַרישקייטן... שוין צייט זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענש: אם־ירצה־השם, איבער דריי יאָר ווערסטו שוין בר־מצווה ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר, קכע־הע־הע!

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין חדר אַריין צום נייעם מלמד. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מיין בייזן טאַטן אַזעלכע גוטע, ווייכע ווערטער און איך פאַרגעס אין איין מינוט אַלע זיינע רדיפות, מיט אַלע זיינע קללות, מיט אַלע זיינע פעטש, גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געווען אויף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר — כי־כי־כי — ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטן!...

די מאַמע גיט מיר מיט אין חדר אַריין אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן. איך נעם די גמרא אונטער דער האַנט און גיי אין חדר אַריין, ווי אַ ניי־געבאָרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערן, קלאָרן קאָפּ, מיט נייע מחשבות, מיט פרישע, ערלאַכע, פרומע געדאַנקען. די זון קוקט אַראָפּ און גריסט צו מיר מיט אירע וואַרימע שטראַלן, דאָס ווינטעלע פאַר'גנב'עט זיך צו מיר אונטער אַ פאה, די פייגעלאך פישטשען: ציף־ציף־ציף־ציף!... עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך אין דער לופטן, עס ווילט זיך מיר לויפן, שפּרינגען, טאַנצן — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מע לעבט און מען איז אַן ערלאַכער, מען איז ניט קיין גנב, נישט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמרא צום האַרצן שטאַרק, שטאַרק און לויף אין חדר אַריין געשמאַק, געשמאַק, און איך שווער ביי דער גמרא, אַז איך וועל קיינמאָל ניט אָנרירן קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל ניט גנב'ענען, קיינמאָל, קיינמאָל נישט לייקענען, תמיד זיין אַן ערלאַכער, אַן ערלאַכער...

שלום־עליכם.

זיבן גוטע יאָר.

א.

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשען אינ'ם שטעטל טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער; האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. איינמאָל, דאָנערשטאָג, שטייט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פאַרשאַרצט אונטער'ן שטריק אויף די לענדן און קוקט אויס, פון וואַנען וועט קומען זיין הילף — ער זאָל פאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אָרום און אַרום ליידיק, מע זעט נישט, עס זאָל עמיצער

קומען סחורה קויפן, עס זאָל זײַן, וואָס אָפּצוטראָגן. הײַבט ער נעבאָך אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט, ער זאָל, חלילה, קײַן פאַרשטערטן שבת נישט האָבן, און זײַן ווײַב סערל מיט די קינדערלאַך זאָלן, חס ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפּלל, דערפילט ער, אַז עמיצער גיט אים אַ צי פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פאַר זיך אַ דײַטשל, אַנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפ׳ן קאַפּעליושל, און דאָס דײַטשל זאָגט צו אים אויף ריין דײַטש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף אידיש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר פון מזל און גליק און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסט — וועט דיר אויפ־שײַנען דער מזל נאָך דעם הײַנטיקן טאָג, און אײדער עס וועט אונ־טערגײן די זון, וואָס שטײט דיר איבער׳ן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפן גאַנץ טורבין מיט דער סביבה. אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרימאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו — וועט די גוטע, געבענשטע צײַט קומען ערשט צום סוף פון דײַנע יאָרן און דו וועסט אַוועקגײן פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

ענטפערט אים טוביה:

— מײַן ליב דײַטשל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרים איך בין, ניט פאַר דיר גערעדט, אַ גרויסער אביון. איך האָב אויף שבת נישט און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דײַנע עצות מיט דײַן טרחה.

אַז דאָס דײַטשל אָבער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און אים איבער־געחזר׳ט די ווערטער אײנמאָל, צווײמאָל און דרײַמאָל, איז עס טוביה׳ן שוין אַרײַן אין קאָפּ. ענטפערט ער אים:

— ווײסטו וואָס, ליב דײַטשל, אויב דו מײנסט עס ערנסט מיט מיר, און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין זיך נוהג בײַ יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אָן עצה צו האַלטן מיט מײַן ווײַב סערל, און אָן איר קאָן איך דיר קײַן קלאָרע תשובה נישט געבן.

זאָגט אים דאָס דײַטשל, אַז עס איז זײער אַ גוטע זאַך — זיך אָן עצה צו האַלטן מיט דער פרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גײן פרעגן, און ער, דאָס דײַטשל הײסט עס, וועט שטײן און וואַרטן אויף אַ תשובה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זײַטן; קײַן פאַר־

דינסט זעט ער נישט, טראַכט ער זיך: וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן? ער וועט אַהיים גיין פרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַרויס הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט כמעט שוין אויפ'ן פעלד אין אַ ליימען שטיבל, איבערשמועסן זיך מיט סערל זיין ווייב.

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט גרויס שמחה; זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אָן אָנהייב אויף שבת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זיין ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט; דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דייטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי: באשר בכן, דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס איז אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָרן זאָלן קומען — אַצינד, אָדער פאַר דער פטירה. פרעגט ער ביי איר אָן עצה: ווען?

טראַכט סערל ניט לאַנג און ענטפערט אים:

— גיי מיין ליבער מאַן, און זאָג דעם דייטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע!

— פאַרוואָס, סערל? — פרעגט טוביה פאַרוואונדערט. — נאָך זיבן יאָר וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרימעלייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטן אָרימאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליבער גוטער פריינד, די וועלט. דער־וויל נעם, וואָס מען גיט דיר, און זאָג: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!“ בפרט, אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט; אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז גענוג געווען, טוביה זאָל צוריק לויפן צום דייטשל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר גלייך.

זאָגט אים דאָס דייטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה! היינט ביסטו אַ מענש מיט כוח און קאָנסט פאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער. וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין אַ יורד, און אַזוי פיל כוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן.

ענטפערט טוביה:

— הער דייטשל, מיין ווייב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!“ און היינט אויף שפּעטער ניט זאָרגן; און צווייטנס האָט מען אונז די קינדער פון חדר אַהיים געשיקט.

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דײַטשל, — גײ אַהײם; און אײדער דו ווערסט קומען אין שטוב, וועסטו זײַן אַן עושר!

ווײל ער אים פאַרט איבערפרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווײַל דאָס דײַטשל פאַרשוואונדן געוואָרן.

גײט ער, טוביה, אַהײם. געוואוינט, האָבן מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה אונטער דער שטאָט, כמעט אויפ׳ן פרײַען פעלד. קומט ער צו צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאמד. גײט ער צו, דערזעט ער, אַז זײ שאַרן אַרויס פון אַ גריבל נישט קײן זאמד, נאָר רײן גאָלד. פאַרשטײט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפט. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזל׳דיקע יאָר.

ב.

די צײַט לויפט אָבער פײַל פון בויגן, און זיבן יאָר גײען אַריבער געשווינט. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דײַטשל צו טוביה׳ן אים אָנצוזאָגן, אַז די זיבן יאָר זײַנען אַריבער, און אַז הײַנט פאַרנאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין שטוב און אפילו דאָס גאָלד, וואָס זײ האָבן געקאָנט באַהאַלטן בײַ לײַטן.

טרעפט ער טוביה׳ן, ווי ער שטײט אין מיטן מאַרק, ווי פאַר זיבן יאָר, מיט דיזעלבע פאַרשאַרצטע פּאָלעס אונטער די לענדן און קוקט אוים אויף אַ פאַרדינסט. זאָגט ער צו אים: „הער, טוביה, די זיבן יאָר זײַנען אַריבער!“

ענטפערט אים טוביה: „גײ זאָג דאָס מײַן ווײַב סערל, ווײַל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען בײַ איר.

גײען זײ בײדע אַרוים אונטער דער שטאָט און קומען צום זעלבן לײמענעם הײַזל אויפ׳ן פעלד און טרעפן סערלען פאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרים געקלײדט, ווי אַמאָל, נאָר איר פּנים שמײכלט.

זאָגט אים דאָס דײַטשל מיט דיזעלבע ווערטער, אַז די זיבן גוטע יאָר זײַנען אַוועק.

ענטפערט זי אים, אַז זײ האָבן קײן גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן; אַז זײ האָבען קײנמאָל נישט געהאַלטן דאָס גאָלד פאַר זײער אײגנס. ווײל וואָס אַ מענש פאַרדינט מיט זײַנע צען פינגער, דאָס איז זײַנס; און אַזוי עשירות, וואָס קומט אָן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פּיקדון, וואָס זײַן ליבער נאָמען לאָזט איבער בײַ מענשן אין די הענט פאַר אָרימעלײַטס וועגן... זי האָט נאָר פון גאָלד אויף שכר־לימוד גענומען. דאָס איז גאָטס תורה; מעג מען פאַר זײַן תורה מיט זײַן גאָלד צאָלן, מער נישט! און

אויב זײַן ליבער נאָמען האָט פון הײַנט אָן אַ בעסערן בעל־פּיקדון פאַר זײַן גאָלד, מהיכא תיתא, זאָל ער צונעמען און איבער־געבן אַן אַנדערן!

דאָס דײַטשל, וואָס איז געווען אליהו־הנביא, האָט דאָס אויסגעהערט און איז נעלם געוואָרן.

ער האָט דאָס איבערגעגעבן דעם בית־דין־של־מעלה, און דער בית־דין־של־מעלה האָט גע׳פּסק׳נט, אַז עס איז קײַן בעסערער בעל־פּיקדון נישט פאַראַן. און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט כל־זמן טוביה און זײַן ווײַב סערל האָבן געלעבט.

י. ל. פּרץ.

צווישן פעלזן.

און עס איז אָנגעשטאַנען אַ טרויעריקע צײַט פאַר יהודה. אײן שלעכטער קיניג האָט איבערגעביטן דעם צווײטן, און עס האָט זיך פאַרמערט די צאָל פון די פאַלשע נביאים; און וואו עס איז נאָר געווען אַ פונק אמת, אַ פונק גערעכטיקײט, פלעגט ער גלײַך ווערן אויסגעלאָשן. דאָס לאַנד יהודה איז פול געוואָרן מיט שלעכטס און מיט רויב. און אַלע גרויסע גאָטס שלוחים, די אמת׳ע נביאים, האָבן געהאַט אויסצושטײן די גרעסטע רדיפות. אַ סך האָבן זיך אין גריבער און אין פינסטערע הײלן פאַרבאָרגן. און שטום איז געוואָרן גאָטס וואָרט אין יהודה, און יהודה איז געגליכן געוואָרן צו אַ מדבר אָן וואַסער.

נאָר אויף אײנעם פון די נביאים האָבן די רשעים נאָך אַלץ קײן שליטה ניט געקאָנט באַקומען: דאָס איז געווען אַ גרײַז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, מיט אַ פּאָר פײַערדיקע אויגן, — דער עלטסטער פון אַלע נביאים. אַ באָרוועסער, אין אַ לאַנגן שוואַרצן אויבערמאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברײטן פעל־לענעם גאַרטל, איז ער מיט זײַן שטעקן אין האַנט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן, פון שטאָט צו שטאָט, און אומעטום האָט ער מיט זײַנע ווער־טער די הערצער געוועקט...

ניט אײנמאָל האָבן זיך די פאַלשע נביאים שוין געקלִיגט צו מאַכן אַ סוף צו זײער שונא; אָבער דער בליק פון זײַנע ליכ־טיקע הימל־אויגן פלעגט וואַרפן אַן אימה אויף זײערע זינדיקע

נשמות, און זיי פלעגן זיך מוזן באַלד אַהינטער אַוועקרוקן. און אין אַלע טויערן, אויף אַלע מערק און גאַסן־ווינקלען האָט ער זיינע שטראָף־רייד צווישן די מענשן פאַנאַנדערגעטראָגן.

האָבן זיך איינמאָל די פאַלשע נביאים צונויפגעקליבן אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט און האָבן זיך עצות געהאַלטן, ווי אַזוי פטור צו ווערן פון דעם אַלטן, וואָס שטערט זיי אין זייערע שענדלאַכע מעשים, און האָבן באַשלאָסן אַוועקצורויבן ביי אים זיינע געטלאַכע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען זיין כוח פאַרבאָרגן. און זיי האָבן געדונגען איינעם אַ רשע, און זיי האָבן אים באַצאָלט דרייסיק זילבער־שטיק; און אין איינער אַ פינסטערער נאַכט איז ער פון הינטער אַ ווינקל אָנגעפאַלן אויפ'ן אַלטן און האָט אים אויסגעשטאָכן זיינע ליכטיקע אויגן. איז בלינד געוואָרן דער נביא און האָט שוין מער ניט געקאָנט זען. האָט ער דאַמאָלסט גענומען בעטן ביי גאָט, ער זאָל אים פון די מענשן צונעמען, ווייל זיינע ליידען זיינען גרויס; אָבער גאָט האָט נישט צוגעהערט זיין געבעט און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געגעבן מיין וואָרט אין דיין מויל; גיי און זאָג נביאות, וואָרים אַזוי איז מיין באַפעל!

האָט דער אַלטער אַ וועג־פירער געדונגען, און יענער האָט אים געפירט איבער שטעט און איבער דערפער; און גאָטס געהיימע קראַפט האָט נאָך שטאַרקער געקוועלט אין זיין ברוסט, און זיין וואָרט איז געוואָרן נאָך גליענדיקער.

זיינען זיך ווייטער צונויפגעקומען די פאַלשע נביאים און האָבן אַרומגערינגלט דעם אַלטן און זיינען שוין גרייט געווען אַרויפצוואַרפן זיך אויף אים; אָבער ווי זיי האָבן זיך נאָר צו דעם נביא צוגערירט, האָט ער באַלד אויפגעהויבן זיין שטימע, אַזוי ווי אַ לייב, און עס האָט זיך אַזוי ווי אַ מעכטיקער דונער צעקייקלט איבער די קעפ. און דערשראָקן זיינען געוואָרן די פאַלשע נביאים, און זיי זיינען אָפּגעטראָטן מיט שאַנדע.

און דער אַלטער האָט זיך אָפּגערופן צו זיין וועג־פירער:

— פיר מיך אין די רוישנדיקע שטאָט־גאַסן.

און עס האָבן געזען די פאַלשע נביאים, אַז זיין קראַפט איז זייער גרויס, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אים צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון דעם פאָלק ישראל. און זיי פלעגן לאַכן פון זיינע אויסגעשטאָכענע אויגן, און פון זיינע באָרוועסע מאָגערע פיס פלעגן זיי לאַכן. און איינמאָל האָבן זיי אונטערגעקויפט זיין וועג־

פירער, ער זאָל אָפּנאַרן דעם אַלטן נ ב י א און זאָל גרינג מאַכן אין די אויגן פון פאָלק דעם בלינדן גרייז-גרויען מאַן.

— קום, אַלטער, — האָט זיך צו אים אָפּגערופן איינמאָל זיין וועג-פירער, — איך 'ווייס אַן אָרט, וואו עס האָבן זיך איצט פאַר־זאַמלט די פאַלשע נ ב י א י ם, און אַרום זיי אַ גרויסער, גרויסער ע ו ל ם; איך וועל דיך פירן, וועסטו אויפהייבן מיט שטראָף-רייד דיין שטימע און וועסט די פאַרפירטע צום א מ ת׳ן גאָט אומקערן...

האָט דער אַלטער גענומען זיין שטעקן אין האַנט, און ער איז אַוועק מיט׳ן וועג-פירער הינטער׳ן שטאָט. און זיי זיינען געגאַנגען איבער בערג און איבער טאָלן, און דער אַלטער האָט זיינע באָרוועסע פיס אויף די האַרטע שאַרפע שטיינער געוואונדעט; און זיי זיינען געגאַנגען ש ע ה׳ן לאַנג, ביז זיי זיינען געקומען אויף אַ זאַמדיק פעלד, וואו אַרום זיינען געלעגן נאָר שטיינער, גרויסע פעלזן; און בערג האָבן זיך געזען פון דערווייטן, שטיינערנע בערג, וועלכע זיינען שטום געשטאַנען פון אייביק אָן, און ערגעץ האָט זיך קיין ברעקל גרינס ניט געזען. און דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וועג-פירער און האָט זיך אָפּגערופן צום אַלטן:

— אַלטער! דאָ זיינען זיי, די צוהערער; פון ווייטן האָבן זיי דיך דערזען, זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און גאַרן צו הערן דיין וואָרט. אָט שטייען זיי אַלע אויף די שפּיצן פון די פעלזן און דאָס גאַנצע פעלד איז מיט זיי פול.

און דער אַלטער האָט פּלוצלונג אַזוי ווי צוריק זיינע אויגן באַ־קומען. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט זעט ער אַ פאַרזאַמלונג פון טויזנטער מענשן, און אַלע שטייען זיי מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און מיט אָנגעצונדענע אויגן, און אַלע דאַרשטן זיי נאָך גאָטס וואָרט. און דער אַלטער האָט אויפגעעפנט מיט כ ו ח זיינע ליפּן... דאָ האָט ער צוגעזונגען און האָט אַזוי ווי געגלעט מיט די ליבלאַכע קלאַנגען, און דאָ האָט ער אָפּגעשטויסן; אַמאָל געבענשט, אַמאָל געשאָלטן; אַמאָל געמורמלט, אַזוי ווי אַ שטיל ווינטל צווישן די גראָזן אויפ׳ן ברעג פונ׳ם דרעמלענדיקן טייכל, אַמאָל געשטורעמט, אַזוי ווי אַ שלעכ־טער מ ל א ך, וואָס איז פון די ווייטע הימלען מיט אַ שלעכטער ב ש ו ר ה געקומען צופליען... און פון די פאַלשע נ ב י א י ם האָט ער גערעדט און פון זיינע אומגעבראַכטע ברידער, גאָטס ש ל ו ח י ם, האָט ער גערעדט. און עס איז געוואָרן אָוונט און עס איז געוואָרן נאַכט, און ער איז אַלץ געשטאַנען, און ער האָט אַלץ גערעדט...

— גענוג, אַלטער, — האָט אים פּלוצלונג איבערגעריסן דער וועג־

פירער, — שוויַיג שוין; אלע זיַינען זיך שוין צעגאנגען, און קיינער הערט דיך נישט מער...

און א שפּאטישער געלעכטער איז שוין גרייט געווען ארויסצוריַיסן זיך פון דעם וועג־פירערס מויל. אבער ער האט נאך קיַין ציַיט נישט געהאט דאס מויל אויפצועפענען, די ליפּן אין א שמייכל צו פארקרימען, ווי עס האט זיך פלוצלונג דורכגעטראגן א געמורמל צווישן די פעלזן; און א ציטער האבן אלע פעלזן געגעבן פון זייערע ערטער. און גלייַך נאכדעם האט זיך דערהערט א דונערנדער קול פון אלע שטיינער און פעלזן, וועלכע האבן זיך איינינעם צונויפגעגאסן אין איין שטיינער־כאר און האבען געענטפערט: „אמן, אמן, אמן!“ און וואס וויַיטער, אלץ העכער און העכער... און דער ערשטער אמן האט זיך איבער'ן גרויסן טאל אפגערופן; און דער צווייטער האט די גאנצע ארומיקע געגנט פארקלונגען; און דער דריטער האט זיך ביז דער וויַיטער שטאט דערטראגן און האט זיך אנגעקלאפּט אן די ווענט פון די הויכע טעמפּלען און ריַיכע פּאלאצן, און האט זיך אין די גאסן מיט א שטורעם צעקיַיקלט. און די מענשן האבן זיך מיט פארוואונדערונג און שרעק איינער מיט די אנדערע איבערגעקוקט, צי איז דאס נישט א דונער פון הימל אויף זייערע קעפּ אראפּגעפאלן...

און דער וועג־פירער, וואס האט נאך זיַינע ליפּן קיַין ציַיט נים געהאט אויסצוגליַיכן און האט נאך פון איבערראשונג קיַין ציַיט נים געהאט צו זיך צו קומען, איז א צעשראקענער צו די פּיס פון'ם אלטן געפאלן און האט זיך מיט די ליפּן צום זוים פון זיַין קלייד צוגערירט. און דאמאלסט האט ער דערפילט, ווי עפּעס א הארטס און א שווערס, אזוי ווי א שטיין, איז אין די טיפענישן פון זיַין הארצן צעגאנגען און האט זיך ווי א הייסער, א זודיקער שטראם פון זיַינע אויגן גענומען גיסן. און דערשפּירט האט ער, ווי עמיץ האט אים אויפ'ן קאפּ א האנט ארויפגעלייגט, און גליַיך נאכדעם האט אים עפּעס פאר די אויגן דורכגעבליצט, און די גאנצע וועלט האט אין זיַינע אויגן אן אנדער אויסזען באקומען.

און אז ער האט די אויגן פון דער ערד צום אלטן אויפגעהויבן, האט ער געזען, ווי דער אלטער האט אויף אים מיט אפענע אויגן געקוקט, האט די האנט אויף זיַין קאפּ געהאלטן און האט צו אים אזוי געזאגט:

— איך בין דיר מוחל, מיַין זון, וויַיל איך זע, וואס אין דיַין הארצן טוט זיך.

און אז דער וועג־פירער האט א צווייט מאל זיַינע אויגן צום אלטן

אויפגעהויבן, האָט ער שוין מער קיינעם לעבן זיך ניט געזען, אויסער וואָס פון וויטן איז דעם אַלטנס לאַנגער שטעקן געלעגן אויף דער ערד, און ער איז אייגער אַליין צווישן די וויסטע פעלדער געוועזן.

דער וועג־ווייזער האָט דעם אַלטנס שטעקן אין זיין האַנט גענר־מען און האָט זיך אין אַ שווערן וועג אַריין געלאָזט גיין.

דער גוטער פוקס.

אַ יעגער האָט אַמאָל אַ פייגעלע דערשאָסן.
וואָלט זיך כאָטש צו דעם פייגעלע אַליין
דאָס גרויסע אומגליק אויסגעלאָזן;
איז ניין —
נאָך דרייען מוזן אומקומען מיט אים צוזאַמען:
דריי קינדערלאַך געבליבן זיינען אָן אַ מאַמען,
יתומים, אָן פאַרשטאַנד, אָן כוחות, ערשט פון איי.
זיי ליידן נעבאַך הונגער, קעלט און פרואוון
מיט אַ רחמנות׳דיק געשריי
צוריק צו זיך די מוטער רופן...
— „אַ, וועמען טוט דאָס האַרץ ניט וויי,
און ווער קאָן צוזען גלייכגילטיק אַ יתומ׳ס ליידן?“ —
האָט צו די פייגל דאָ דער פוקס גענומען רעדן,
פאַרטרויערט זיצנדיק אַנטקעגן אויף אַ שטיין. —
„פאַרלאָזט ניט, טייערע, די קינדערלאַך אַליין,
אין זייער צער דערשלאָגן!
צו קערנדלאַך וואָלט איר זיי ברענגען כאָטש צוטראָגן,
אַ פעדערל, אַ שטרוי.
מיר דוכט, אַז נאָר אַזוי
איז מעגלאַך צו פאַרהיטן זיי דאָס לעבן;
און קאָן פון דעם נאָך עפּעס העכערס געבן?

דו, קוקוק, זע, פאַרלירסט דאָך סיי ווי סיי
די פעדערן. וואָס וואָלסטו אָנווערן דערביי,
ווען דו וואָלסט איצטער זיך געלאָזן דאָ
אַ ביסעלע אַ פליק טאָן אין אַ גוטער שעה,
כדי וואַרימער צו מאַכן זיי אין נעסט?

און דו, לערכע, זעסט,
מיר דוכט, אַז איִדער טראָגן זיך און פליען
אין לופטן גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט,
וואָלסטו פאַר די י ת ו מ י ם בעסער זיך באַמיען
און ברענגגען שפּייַז פאַר זיי פון פעלד.

דו, טירקל-טויב,
באַדאַרפסט ניט האָבן דייַנע קינדער מער אין זינען;
זיי זייַנען שוין געוואָרן גרעסער; און איך גלויב,
זיי קאָנען זיך אַליין דאָס עסן שוין געפינען.
דו וואָלסט צו די י ת ו מ י מ'לאָך אין נעסט אַרייַן
און וואָלסט אַ מוטער זיי פאַרביטן,
און גאָט דער האַר וועט דייַנע קינדער היטן...

דו, שוואַלב, וואָלסט כאַפּן פאַר זיי פליגן:
און דו, מייַן ליבע נאַכטיגאַל, וואָלסט זיי פאַרוויגן
אין קאַלטע טעג מיט דייַנע לידער.
דו ווייסט דאָך, ווי עס איז
דייַן שטימע צאַרט און זיס.
איך גלויב און זאָג אייַך ווידער,
אַז ביי אַזאַ באַהאַנדלונג וועלן זיי געוויס
פאַרגעסן אויף דעם שווערן אָנווער באַלד.
איר הערט, מיר מוזן ווייַזן, אַז אין וואַלד
געפינען זיך נאָך גוטע הערצער און עס ווערט"...

נאָר פלוצלונג. ביי די ווערטער,
ניט קענענדיק פון הונגער זיצן אויף די ערטער,
אַראָפּגעפאַלן זייַנען די י ת ו מ י מ'לאָך אויף דר'ערד.
און אונזער פוקס? ער האָט זיי גלייַך דערשלונגען
און האָט זייַן ד ר ש ה נאָך א פ י ל ו ניט דערזונגען.

מען פּרעדיקט אָפּטמאָל גוטס צו טאָן,
ווייַל פון דעם רעדן ווערט מען גאָרנישט אָן;
נאָר פאַלט אַרייַן נאָך הילף צום פּרעדיקער אַליין,
וועט ער באַהאַנדלען אייַך, ווי אונזער פוקס, געמיין...

נחום יערוסאַלימטשיק.

די פרייד פון געבן.

אמאל האט אין דעם וויטן לאנד אינדיען געלעבט א קיניג.

און גאר ניט ווי אלע אנדערע קיניגן, איז ער געווען גוט און איידל און גרויסמוטיק. יעדן טאג פלעגט ער צעטיילן צווישן די ארימע־לייט פון זיין לאנד אלערליי מתנות. און ער פלעגט געבן די נדבות פון פולער האנט. און ער פלעגט ניט לאזן זיינע הארן טאן די דאזיקע ארבעט פאר אים. ער פלעגט אליין יעדן טאג גיין אין דעם „צדקה־הויז“ און מיט די אייגענע הענט אויסטיילן די מתנות.

נאר איין מאל איז ער געלעגן אין דער פרי אויף זיין בעט און געטראכט, וואס ער קאן נאך טאן פאר די מענשן פון זיין לאנד. האט ער דערפילט, אז ער האט אין דער אמת׳ן נאך ביז איצט גארנישט ניט געטאן פאר זיי. ער האט ביי זיך געטראכט:

„איך האב ביז איצט געגעבן צו די ארימע מענשן פון מיין פאלק נאר אויסערלאכע זאכן: זילבער און גאלד, און עסנווארג און קליידער — אלץ אזעלכע זאכן, אין וועלכע איך נייטיק זיך ניט, און אן וועלכע איך קאן זיך באגיין, ווייל איך האב א סך. און ווידער זיינען די אלע זאכן גאר ניט מיינע: אנדערע האבן זיי געמאכט; אנ־דערע האבן געארבעט, כדי איך זאל זיי קאנען האבן און אויס־טיילן. אויסטיילן די דאזיקע אלע זאכן צו מיין פאלק פארשאפט מיר דעריבער גאר ניט קיין פארגעניגן און קיין פרייד.

„אט, ווען איך וואלט געקענט אוועקגעבן מיין פאלק א טייל פון מיר אליין, עפעס א זאך, וואס איז פאר מיר אליין טייער און וויכטיק! ווען איך וואלט נאר אויף אזא אופן געקאנט ארויסווייזן די מענשן מיין ליבע צו זיי! וואס פאר א פארגעניגן דאס וואלט געווען, וואס פאר א גליק און וואס פאר א פרייד!“

און ער האט ביי זיך באשלאסן:

„ווען איינער וועט קומען און זאגן: איך בין שוואך און קאן ניט ארבעטן, וועל איך אראפ פון מיין טראן, וועל ווערן זיין שקלאף און וועל ארבעטן פאר אים. און וועט איינער קומען און בעטן ביי מיר אפילו מיינע אויגן, די טייערסטע מתנה, וואס דער מענש האט באקומען פון דער נאטור — וועל איך זיך לאזן מיינע אויגן ארויסרייסן און זיי אים אוועקגעבן“.

און נאכדעם ווי דער קיניג האט אזוי באשלאסן, האט ער געפילט,

אז עס איז אים געוואָרן גוט אויפ'ן הארצן. און ער איז אויפגעשטאַ־נען, האָט זיך אויסגעבאָדן, האָט זיך אָנגעטאָן, געזעצט זיך אויף אַ שיינעם העלפאַנד און איז אַוועקגעפאָרן אין „צ ד ק ה־הויז". און זיין הארץ איז געווען פול מיט ליבע צו זיין פאָלק.

און ווען ער איז אריין אין „צ ד ק ה־הויז" און געזעצט זיך אויף זיין שטול, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ בלינדער בראַמין, האָט צו אים אויסגעשטרעקט זיינע הענט און געזאָגט:

— גרויסער קיניג! איך האָב געהערט, אַז דו גיסט אַלעמען מ ת נ ו ת פון דער פולער האַנט. אָט בין איך בלינד, און דו האָסט צ ו ו י י אויגן. טאָמער וואָלסטו מיר אַוועקגעגעבן א י י נ ם פון דיינע אויגן, כ ד י איך זאָל ווידער קאָנען זען די ליכטיקע וועלט.

ווען דער קיניג האָט דאָס דערהערט, איז זיין הארץ פול געוואָרן מיט פרייד. און ער האָט געזאָגט:

— ניט איין אויג יועל איך דיר אַוועקגעבן, נאָר ביידע.

און ער האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל אים זיינע אויגן ארויסנעמען און אַוועקגעבן זיי דעם בראַמין.

און די נייעס, אַז דער קיניג לאָזט זיך אַרויסנעמען זיינע אויגן און גיט זיי אָפּ אַ בלינדן בראַמין, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. זיינען צום קיניג געקומען זיין הויפּט־גענעראַל און זיין ערש־טער מיניסטער און אַלע אַנדערע הארן און באַאַמטע און זיי האָבן אים געזאָגט:

— אָ, גרויסער קיניג! צוליב וואָס טוסטו דאָס? וועט דאָס דען פאַרלענגערן דיין לעבן, אָדער צוגעבן דיר שיינקייט און קראַפט? און האָסטו דען ניט קיין אַנדערע מ ת נ ו ת צו געבן דעם בראַמין: גיב אים גאָלד און זילבער, און בריליאַנטן און העלפאַנדן און טייערע קליידער.

האָט דער קיניג געענטפערט:

— איך גיב אים מיינע אויגן ניט צוליב לענגערע יאָרן, ניט צוליב שיינקייט און ניט צוליב קראַפט. איך גיב דאָס אים צוליב דער פרייד און דעם פאַרגעניגן פון געבן.

און ער האָט געהייסן דעם דאָקטער אַרויסנעמען ביי אים זיינע אויגן און אַריינפּאַסן זיי אין די אויגנלעכער פון דעם בלינדן בראַמין. און ווען דער דאָקטער האָט געטאָן די אַרבעט, איז דאָס הארץ פונ'ם קיניג געווען פול מיט פרייד און מיט גליק, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיל געליטן.

נאָך לאַנגע טעג פון ליידן האָבן זיך די וואונדן ביים קיניג פאַר־

הילט, און זיין פייאיקייט צו זען האט זיך אומגעקערט צו אים. אבער ניט די פייאיקייט צו זען די אויסערלאכע זאכן, ווי מיט נאטירלאכע אויגן; דאס האט ער מער ניט געקאנט. נאר ער האט געקאנט זען מיט אנדערע, אינערלאכע אויגן, וואס עס איז אמת און גערעכט.

און ער האט נאך לאנג געקיניגט איבער זיין פאלק מיט ערלאכקייט און יושר, און געלערנט זיין פאלק פון זיין גרויסער חכמה, פון גערעכטיקייט און פון ריינער מענשנליבע.

מ. שערלאק.

ר' יחיאל.

ר' יחיאל איז געווען אן עושר א איד. און איין מידה האט ער גע'ירש'נט פון זיין פאטער — נישט צו פארשעמען קיין שום מענשן! און — עניוות!

ר' יחיאל מישט זיך שטארק אין קהל־זאכן, נאר קיין התמנות. נעמט ער בשום אופן נישט אן; ער איז קיין דאזארצע, קיין גבאי נישט, גארנישט.

צדקה הייסט ביי אים נאר מתן בסתר.

ער גייט ווינטער גאנץ פרי אין גאס ארויין; זעט ער — פויערים פירן האלץ (פון שטיינקוילן האט מען נאך דעמאלט ניט געוואוסט); קויפט ער א פורל האלץ, צוויי־דריי פורלאך האלץ, און זאגט דעם פויער, וואו ער זאל אפפירן: ער ווייס שוין, וואו א געפרוירענער קבצן וואוינט. ער פלעגט פאר יעדן יום־טוב אפשיקן נדבות מיט דער פאסט. א ספרא־רבא איז ער געווען, נאר די אדרעסן פלעגט ער שרייבן מיט דער לינקער האנט, מען זאל זיין כתב־יד נישט דערקענען, ווייל ער פלעגט אמאל שרייבן צו גרויסע שררות וועגן אידישע זאכן...

דערפון האט זיך געמאכט א מאמר, אזדי נדבות דורך דער פאסט שיקט א באהאלטענער בעל־תשובה, וואס האט אוודאי עמיצן בא'גזל'ט און קען די גזלה ניט אפגעבן. ערשט נאך ר' יחיאל'ס טויט איז מען געוואר געווארן, ווער דער „גזלן" איז געוועזן.

און אויסער אין חברה־פושקעס ארײַן, פלעגט ער פון האנט און האנט קיין נדבה נישט געבן. אלץ געבארגט, כשר'ע

הלואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפן, וועסטו אָפּגעבן; מיט אַמאָל, ביסלאַכווייז; מיר אָדער אַן אַנדערן גוטבאַדערפטיקן“...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר׳ יחיאל קומט אַהיים פון גאַס און טרעפט אימיצן ביי זיך אין שטוב. יענער האָט אים דערזען און איז געבליבן ווייס ווי קאַלך.

ר׳ יחיאל קוקט — פון אונטער׳ן אידם פאָלע שטאַרט עפּעס בולט אַרויס.

אין אידם פּנים האָט ר׳ יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פּשוט׳ן גנב נישט. ער שטייסט זיך באַלד, אַז עס איז אַ שיינער אָרימאַן, אַז ער איז געקומען עפּעס בעטן, און אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפן, איז ער נישט בייגעשטאַנען דעם ניסיון, האָט דער יצר־הרע גובר געווען.

גייט ער צו אים צו גאַנץ פריינדלאַך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איר האָט אוודאי געוואָלט לייען אויף אַ משכון? ווייזט נאָר דעם משכון.

דעם אָרימאַן קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס איז די חרפה? — פרעגט ר׳ יחיאל געלאַסן. — דער מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל, געלט איז קיילאַכדיק! היינט באָרגט איר ביי מיר, מאָרגן איך ביי אייך...

און אַזוי רעדנדיק, נעמט ער אים אַפּיר פון אונטער דער פאָלע זיין אייגענע פאַר זילבערנע לייכטער.

און ר׳ יחיאל שטעלט זיי געלאַסן אַנידער פאַר זיך אויפ׳ן טיש, גלייך ער זעט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל און וויל אָפּשאַצן, וויפיל ער מעג אויף זיי באָרגן.

דער איד, נעבאַך, וויל דערווייל אַנטלויפן; זיינען אים אָבער די פיס ווי צוגעשמידט!

— הכלל, ר׳ קרוב, — פרעגט ר׳ יחיאל, — וויפיל ווילט איר באָרגן?

און דער קען, נעבאַך, נישט די צונג איבערדרייען.

— איר זייט, ר׳ קרוב, אַ גרויסער בושת־פּנים... נו, וואָס קאָן מען מאַכן? וועל איך פאַר אייך רעדן. עס גייט צו פּסח. הערט, צי איך בין זיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופק, צי איר האָט אויף מצות... נו, שאָקלט מיט׳ן קאָפּ: יאָ, צי ניין?

יענער, נעבאַך, שאָקלט אויף ניין.

— וואָס דען? מען דאַרף דערצו קיין נביא נישט זיין: דאָס פּנים אייערס מסר׳ט! נאָר איר האָט אפשר נאָך אַ

טאָכטער צו פאַר'קנס'ן? יאָ? נו, שאָקלט מיט'ן קאָפּ — יאָ, צי ניין?

דעם אָרימן אידן האָבן זיך שוין אָבער געעפנט די קוואלן פון די אויגן; ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— נאַרישער מענש! — מאַכט ר' יחיאל. — וואָס וויינט איר? איך האָב דאָך אייך געזאָגט: דאָס רעדעלע דרייט זיך!

דער איד קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטן; ווערט ר' יחיאל מ'כלומר'שט ברוגז, האָט ער פאַריבל:

— על-פּי-דין — זאָגט ער — בין איך אייך, ר' קרוב, מחויב צו העלפן. „העלפן זאָלסטו העלפן!" שטייט, פאַרפאַלן; אָבער וואו שטייט עס, איך בעט אייך, אַז איך בין מחויב אויס-צוהערן אייער געוויין, האָ?

דער איד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות; און ר' יחיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איר וואָס, ר' קרוב, איך וועל אייך געבן לויט דעם משכון. אין מיינע אויגן איז דער משכון עובר לסוחר — אויף פּחות — ווערט ק"ן קערבלאַך. וועל איך אייך באָרגן פינף און זיבעציק, אַכציק! צען רובל אויף יום-טוב, זעכציק אויף נדן פאַר דער טאָכטער און נאָך צען — אָן אָנהייב אויף חתונה-קליידער, חתונה-הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפן!

„און אַז גאָט וועט העלפן, — גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געווען, — וועט איר באַצאָלן... איך בין בטוח, איר וועט באַ-צאָלן!"

י. ל. פּרץ.

ר' איטשע.

דער בית-המדרש איז געווען געפּאַקט. מען האָט גע-שפּרייזט אין די טליתים, אין די תּפילין: טייל מיט פאַר-ריסענע קעפּ, פאַרוואָרפענע הענט; אַנדערע האָבן אַריבערגעוואָרפן די טליתים איבער די פּנים'ער, געקלאַפּט מיט די הענט אָן די גלאַנציקע אָפּגעריבענע ווענט, זיך אויסגע'טענה'ט מיט'ן רבונו-של-עולם אויף פאַרשידענע אופנים, יעדער אויף זיין שטייגער. אַרום די ווענט ביי ברייטע טישן זיינען געזעסן איבער גמרא'ס יונגע לייט, בחורים, אינגלאַך מיט ערנסטע פּני'מ'ער, זיך פאַרגאַנגען מיט אַ בענקשאַפט, געלערנט מיט חתמדה.

די געשריַיען פון די אידן, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווילע געוואָלט באַפרײַען פון ד אג ת - פ ר נ ס ה, זיך אָפּשאָקלען פון דער וואָכעדיקײַט; זייער זיפצן, זייער פּאַטשן מיט די הענט; דאָס שטילע פאַרבענקטע געזאַנג פון די יונגע לײַט, וואָס איבער די ג מ ר א׳ס, — דאָס אַלץ האָט זיך געטראָגן איבער׳ן ב י ת - ה מ ד ר ש ווי אַ ווײ-געשריי, בלויז איבערגעריסן געוואָרן בײַם אויוון, וואו שנאָרערס זײַנען געזעסן מיט אויסגעוויקלטע פּאַפּיראָסן, זיך געקריגט פון נישט האָבן וואָס צו טאָן, זיך געשאָלטן און באַרעדט די גאַנצע וועלט.

ר׳ איטשע האָט גיך, ווי זײַן שטײגער, אָפּגעדאַוונט, אַרײַנגעמאַכט די הענט אין די אַרבל און אַ פּאַר׳מ וח׳טער געגומען שפּרײַזן איבער׳ן ב י ת - ה מ ד ר ש. בײַם אויוון האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ שלעכטער ר י ח האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פ נ י ם אַרײַן, אַז ס׳איז אים אַזש נישט גוט געוואָרן. ר׳ איטשע האָט אַהינטערגעקוקט הינטער׳ן אויוון. אויף אַ צעריבענעם זאַק מיט שטרוי איז געלעגן אַן עלטערער איד און געקרעכצט. דער אַרומיקער ע ו ל ם האָט אים דערציילט, אַז דער קראַנקער איז אַ פרעמדער, אַן א ו ר ח, קומט ערגעץ פון דער ליטע, ליגט שוין דאָ איבער אַ וואָך, טוט אַלץ אונטער זיך, און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים איבערבעטן.

— וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ? — האָט ר׳ איטשע זיך געוואונדערט. — און איר? איר זײַט דאָך אויך אידן! ווי לאָזט מען דאָס ליגן אַזוי אַ קראַנקן?

— וואָס ד ר ש נ׳ט ער? — האָט אַ שנאָרער געלאָזט פאַלן צווישן דער ח ב ר ה אַ וואָרט.

— מ ס ת מ א אַ מ ג י ד. — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— פעטער, איר קענט האָבן ס׳פאַרגעניגן. — האָט אַ שנאָרער, בלינד אויף איין אויג, אײַנגערוימט ר׳ איטשען אין אויער. — ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ מ צ ו ו ה?

אַ באָרוועסער אינגל, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער ח ב ר ה, האָט שוין געהאַט צונויפגעדרייט אַ שמאַטע און זי געוואָלט פון דער זײַט אַ לאָז טאָן ר׳ איטשען אין קאָפּ אַרײַן. האָט פונקט דעמאָלט ר׳ איטשע זיך אויסגעדרייט און צוגערופן זײַן ת ל מ י ד, מ ר ד כ י׳ן:

— הער זיך איין, מען דאַרף קריגן אַ טאָפּ מיט אַ באַליע; טאַקע באַלד. מיר וועלן מאַכן אין אויוון אַ פײַער און אָנוואַרימען ס׳וואַסער. איבריקנס, גיב דעם ש מ ש אַ פּאָר גראָשן, וועט ער אַלץ באַזאָרגן.

די שנאָרערס האָבן זיך איבערגעקוקט, געזען, אַז דאָס איז ניט

קיין מ ג י ד ; און יעדער פון זיי איז געװען װיליק צו ברענגען אַ טאָפּ מיט אַ באַליע.

זיי האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן איינער מיט'ן צװייטן, זיך גע־קריגט, געלאָזט אַלץ ביליקער, ביז איינער, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט אַלעמען אָפּגעטאָן און זיך אונטערגענומען צו ברענגען אַלץ אומזיסט.

אַז דאָס װאַסער האָט זיך אָנגעװאַרימט, האָט ר' איטשע איינער אַליין אויסגעטאָן דעם קראַנקן, אים אַרײַנגעזעצט אין דער באַליע און אים גענומען אָרומװאַשן.

אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש איז מיט אַמאָל געװאָרן שטיל. אַלע זײַנען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער, אַרומגערינגלט דעם אויװן, געקוקט װי ר' איטשע װאַשט דעם קראַנקן. כ מ ע ט אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די נעז, — אַזוי שװער איז געװען די לופט. — גע־שטאַנען און זיך געװאונדערט, װי דער פרעמדער איז אויפגערוימט, פאַרעט זיך אַרום דעם ח ו ל ה, אָטעמט אַרײַן דעם שלעכטן ר י ח און טוט צומאָל קיין קרים נישט מיט'ן פּ נ י ם.

ר' איטשע האָט זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעטאָן, װי קיינער װאָלט נישט געשטאַנען אַרום, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס העמד, די גאַטקעס, זיי אָנגעטאָן דעם ח ו ל ה, אים געבענשט, אויסגעשװאָקלט דאָס גאַנצע געלט פון די קעשענעס, זיי אַװעקגעגעבן דעם קראַנקן און זיך גענומען אָנטאָן.

דער ע ו ל ם איז געשטאַנען פאַרגאַפט, זיך נישט געגלויבט; און איינציקװײַז איז יעדערער צוגעגאַנגען צו מ ר ד כ י'ן:

— ס'איז דײַן פאָטער?

אַלע האָבן געקוקט אויף ר' איטשעס מאָטן פּ נ י ם, אויפ'ן שװאַרצן בערדל, מיט די װײַסע, קרומלאַכע ציינער; געזען דעם שטילן שמייכל אַרום די ליפּן, געזען, װי די גרויסע שװאַרצע אויגן קוקן מיט אַזוי פיל ר ח מ נ ו ת, — האָט יעדערער אַ ציטער געטאָן, װי ער װאָלט אים דערקענט, כאָטש קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געזען.

ר' איטשע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן, געזוכט מיט די אויגן מ ר ד כ י'ן, געװאָלט װאָס שנעלער אַרויס פון ב י ת ־ ה מ ד ר ש, זײַן אַליין. איז פּונקט דעמאָלט אַרײַנגעקומען אַ נידעריק אידל, זיך אײַנגעקוקט אין ר' איטשען, זיך גענומען דורכשטופּן מיט די איילנ־בויגנס צװישן ע ו ל ם און זיך צעשריען:

— ס'איז דאָך ר' איטשע!

דער ע ו ל ם, װאָס האָט איצט געװאוסט װעגן ר' איטשען פּונקט אַזוי פיל װי פריער, האָט מער נישט געדאַרפט. דער ע ו ל ם

האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו ר' איטשען, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, געגעבן שלום, איבערגעבעטן, אָנגערירט זײַנע קלײדער. ר' איטשע האָט זיך פון דער ערשטער מינוט ווי פאַרלאָרן, געבעטן מיט די אויגן, מען זאָל אים צורו לאָזן און בילאַכווײַז זיך באַרואיקט.

מרדכי האָט קײן אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, געזען, ווי ר' איטשע שטײט צווישן עולם אַ צעשטראָלטער, מיט אַזוי פיל ליבע אין די שוואַרצע אויגן, גיט שלום, בענשט. און דער עולם האָט, קוקנדיק אויף אים, פאַרגעסן אָן דער וואָכעדיקײט, און זײערע פאַרחושכ'דיקטע פּני מ'ער האָבן זיך גענומען לײַטערן.

ר' איטשע איז מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צו מרדכי'ן, אַרויפגעלײגט אויף אים אַ האַנט:

— קום, מרדכי, מיר מוזן שוין פאָרן. אָבער באַלד! דער עולם ווערט צו גרויס. קום!

י. אַפּאַטאַשו.

אויב נישט נאָך העכער.

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צײַט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מע פלעגט אים ניט זען אין ערגעץ; ניט אין שול, ניט אין בײדע בתי מדרשים, ניט בײַ אַ מנין, און אין דער הײם אוודאי און אוודאי ניט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; גע'גנב'עט בײַם רבי'ן האָט מען ניט, אָבער קײן לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב ניט געווען.

וואו קען זײַן דער רבי?

וואו זאָל ער זײַן? מן-הסתם אין הימל! ווײניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים-נוראים צו פאַרזאָרגן? אידע-לאַך, קײן עין-הרע, דאַרפן פּרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זײַן; און די זינד זײַנען דאָך גרויס און דער שטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פון אײן עק וועלט ביז דער צווײטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט און מסר'ט...

און — ווער זאָל העלפן, אַז ניט דער רבי?

אזוי האָט דער ע ו ל ם געטראַכט.

אײנמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס; פון מ ו ס ר - ס פ ר י ם האַלטן זײ װײניק, דערפאַר שטאָפּן זײ זיך אָן מיט ש"ס ופּוסקים. װײַזט דער ליטוואַק אַ ב פ י ר ו ש'ע ג מ ר א, — די אויגן שטעכט ער אויס! א פ י ל ו מ ש ה - ר ב נ ו, װײַזט ער, האָט בײַם לעבן ניט געקאָנט אַרויף אויפ'ן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען ט פ ח י ם א ו נ ט ע ר'ן הימל! גײ שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו דען קומט אַהין דער ר ב י?

— מײַן ד א ג ה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל; און ת ו ך - כ ד י - ד י ב ו ר (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מ י י ש ב צו דערגײַן די זאַך.

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מ ע ר י ב, ג נ ב'עט זיך דער ליטוואַק צום ר ב י'ן אין ח ד ר אַרײַן, לײגט זיך אונטער'ן ר ב י'נס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט ס ל י ח ו ת - צײַט.

אַן אַנדערער וואָלט א פ ש ר אײַנגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צײַט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן ע צ ה: לערנט ער זיך אויסווײניק אַ גאַנצע מ ס כ ת א!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מע קלאַפּט צו ס ל י ח ו ת.

דער ר ב י איז שוין נישט געשלאָפן אַ צײַט. ער הערט אים שוין א פ ש ר אַ גאַנצע ש ע ה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווײסט, וויפיל צ ע ר פאַר כ ל - י ש ר א ל, וויפיל י ס ו ר י ם עס האָט געשטעקט אין זײַן יעדן קרעכץ... די נ ש מ ה פלעגט אויסגײן, הערנדיק דאָס קרעכ- צען! אַ ליטוואַק האָט אָבער אַן אײַזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער! דער ר ב י ליגט זיך אויך. דער ר ב י, זאָל לעבן, אויפ'ן בעט, דער ליטוואַק — א ו נ ט ע ר'ן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הײבן אָן סקריפּען... ווי די ב נ י - ב י ת כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן; ווי מען מורמלט אַ אידיש-וואָרט, מע גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער ע ו ל ם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווײַטער שטיל און פינסטער. דורכ'ן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן אַ קלײן ביסל ליכט פון דער ל ב נ ה...

מ ו ד ה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן

אײנער אַלײן מיט'ן רבי'ן, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז אים שיר אויפגעלאָפן פאַר שרעק. די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלײפן ווי די נאָדלען.

אַ קלײניקײט: מיט'ן רבי'ן און סליחות־צײַט פאַרטאָג אַלײן אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט.

ענדלאַך, שטײט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער, וואָס אַ איד דאַרף טאָן... דערנאָך גײט ער צו צו דעם קלײדער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פעקל... עס באַווײַזן זיך פוי־ערשע קלײדער: לײַוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיערמינגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברײטן לאַנגן לעדערנעם פאַס, אויסגע־שלאָגן מיט מעשענע נעגעלאַך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמינגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק...

דער רבי גײט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגײענדיק טרעט אָפ דער רבי אין קיך, בײגט זיך אײַן, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלײגט זי אונטער'ן פאַס און גײט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט ניט אָפ.

אַ שטילער, ימים־נוראי מ'דיקער פחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפט רײַסט זיך אַרויס אַ געשרײ פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענס־טער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זײַטן פון די גאַסן, אין שאָטן פון די הײַזער... פון אײן הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זײַן אײגן האַרץ־קלאַפן מישט זיך צו־זאַמען מיט'ן קול פון רבי'נס שווערע טריט, אָבער גײן גײט ער, און קומט צוזאַמען מיט'ן רבי'ן אויס דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטײט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרײַן. ער מאַכט אַ דרײַסיק פערציק טריט און שטעלט זיך אָפ בײַ אַ בײמל; און דער

ליטוואק ווערט נ ב ה ל ו נ ש ת ו מ ם, זעענדיק, ווי דער ר ב י נעמט ארויס פון פאס די האק און שלאגט אין ביימל אריין.

ער זעט, ווי דער ר ב י האקט און האקט, ער הערט, ווי דאס ביימל קרעכצט און קנאקט. און דאס ביימל פאלט, און דער ר ב י שפאלט עס אויף ליפעס... די ליפעס — אויף דינע שייטלאך; און ער מאכט זיך א בינטל האלץ, נעמט עס ארום מיט'ן שטריק פון קעשענע, ער ווארפט דאס בינטל האלץ איבער די פלייצעס, שטעקט צוריק אריין די האק אינ'ם פאס, לאזט זיך ארויס פון וואלד, און גייט צוריק אין שטאט אריין.

אין א הינטערגעסל שטעלט ער זיך אפ ביי אן ארעם, האלב איינגעבראכן הייזל און קלאפט אן אין פענסטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראקן פון שטוב ארויס. דער ליטוואק דערקענט, אז עס איז א ק ו ל פון א אידענע, פון א קראנקער אידענע.

— יא (איך)! — ענטפער דער ר ב י אויף פויעריש ל ש ו ן.

— קטא יא (ווער איך)? — פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער ר ב י ענטפערט ווייטער אויף מאלארוסיש ל ש ו ן: וואסיל.

— וואס פאר א וואסיל און וואס ווילסטו, וואסיל?

— האלץ — זאגט דער פארשטארבענער וואסיל — האב איך צו פארקויפן! זייער ביליק... ב ח צ י - ח י נ ם האלץ!

און ניט ווארטנדיק אויף א ת ש ו ב ה, נעמט ער זיך אין שטוב אריין.

דער ליטוואק ג נ ב'עט זיך אויך אריין, און ביים גרויען ליכט פון פרימארגן זעט ער אן ארעמע שטוב, צעבראכן, ארעם כ ל י - ב י ת... אין בעט ליגט א קראנקע אידענע, פארוויקלט מיט שמאטעס, און זי זאגט מיט א ביטער ק ו ל:

— קויפן? מיט וואס זאל איך קויפן? וואו האב איך, ארעמע א ל מ נ ה, געלט?

— איך וויל דיר בארגן! — ענטפערט דער פארשטעלטער. — אין גאנצן זעקס גראשן!

— פון וואנען וועל איך דיר באצאלן? — קרעכצעט די ארעמע אידענע.

— נאריש מענש, — מ ו ס ר'ט זי דער ר ב י, — זע, דו ביסט אן ארעמע קראנקע אידענע, און איך געטרוי דיר דאס ביסל האלץ; איך

בין בטוח, אז דו וועסט באצאלן. און דו, דו האסט אזא שטארקן, גרויסן גאט, און געטרויסט אים ניט... און האסט אויף אים, אויף נאַרישע זעקס גראשן פאר'ן בינטל האלץ, קיין ביטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? — קרעכצעט די אלמנה.— איך האב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער ארבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך. — זאגט דער רבי.

און אריינלייגנדיק דאס האלץ אין אויוון, האט דער רבי קרעכצענדיק געזאגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון...

און אז ער האט עס אונטערגעצונדן, און דאס האלץ האט פריילאך געברענט, האט ער געזאגט, שוין א ביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האט ער געזאגט, ווען עס האט זיך אויסגעברענט, און ער האט די בלעך פארמאכט...

דער ליטוואק, וואס האט דאס אלץ געזען, איז שוין געבליבן א נעמיראווער חסיד.

און שפעטער, אויב א חסיד האט אמאל דערציילט, אז דער נעמיראווער הייבט זיך אויף סליחות-צייט יעדן פרימארגן און פליט ארויף אין הימל אריין, פלעגט שוין דער ליטוואק ניט לאכן, נאר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאך העכער!

י. ל. פרץ.

דער טרייער חבר.

זיי זיינען געשטאנען אויף לייטערס אויף הויכע —
צוויי ארימע ארבעטער, דארע און בלייכע,
צעריסן, צעשליסן, נאר ביינער און הויט;
געברענט האט די ארבעט אין זייערע הענט,
אלץ העכער און העכער געוואקסן די ווענט:
זיי האבן א פראכטיקן פאלאץ געבויט.

איז פלוצלונג אַ שרעקלאַכער ווינט אָנגעקומען
און האָט זיך צעוואָרפֿן די ליַיטערס גענומען;
ער רייַסט זיך און ברומט, ווי אַ הונט אויפ'ן קייַט,
און טרייַסלט די ברעטער, פאַרניכטן זייַ גרייַט,
די מויערער דראָט ער, דער א כ ז ר, מיט טויט.

און פלוצלונג — אַ גוואַלדיקער רים און אַ ברום,
דער שטורעם מיט צאָרן די ליַיטערס וואַרפֿט אום;
איַין ליַיסט נאָר אַ גאַנצע געבליבן צום גליק.
אָ, גאָט, האָב ר ח מ נ ו ת, אַ רעטונג זייַ שיק!

עס כאַפּן די בידנע זיך אָן פאַר דער ליַיסט;
דער ווינט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטורעמט און רייַסט;
עס ציטערט די ליַיסט שוין, זייַ האַלטן זיך קוים,
און אונטן — עס וואַרט זייַ אַ שרעקלאַכער ת ה ו ם.

און ס'זאָגט פון זייַ איינער: „די רעטונג איז ווייַט,
מיר וועלן צעברעכן די ליַיסט פאַר דער צייַט;
ווען זי וואָלט כאָטש איינעם נאָך רעטן געקענט!
אָט ביַיגט זי זיך ווידער — ניט לאָז אָפּ די הענט!"

און קרעכצענדיק שטיל, רעדט דער צווייַטער אַרוים:
„עס וואַרט מיך די פרוי און די קינדער אין הויז"...
— „און מיך ערוואַרט קיינער!" — דעם צווייַטן עס האָט
דער ערשטער געענטפערט. — „נו, ס'העלפט דיר איצט גאָט!
דער ג ו ר ל איז קלאָר דאָ... אַזוי איז באַשערט"...
און גלייַך זיך געוואָרפֿן אַראָפּ אויף דער ערד.

ער האָט אָן אַ שטיַין זיך צעבראָכן דעם שאַרבן...
אַזוי קאָנען הייליקע גייַסטער נאָר שטאַרבן.
כאָטש קיינער געדענקט שוין זיַין נאָמען ניט היַינט,
נאָר דאָס איז געוועזן אַן א מ ת'ער פרייַנד!

י. לוקאַווסקי, פון רוסיש.

דרײַ שײנע מעשים.

1.—דאָס זעקעלע ערד.

פון אַ הויך פענסטער שלאָגט אַ פלאַם...

גזלנים זײַנען אַ אידן באַפאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פּנים׳ער. אײנער האַלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און לײַכט; אַ צווײטער שטײט בײַם אידנס ברוסט מיט אַ בליצנדיק מעסער און חזר׳ט אים אַלץ אײנאײנעם איבער: „רירסטו זיך, איד, איז דײַן סוף! גײט דיר די שפּיץ פון מעסער פון יענער זײַט רוקן אַרויס“!... און די רעשט עפנט קאַסטן און שרענק און רויבט.

און דער איד שטײט בײַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קײן ברעם איבער זײַנע קלאָרע אויגן, קײן האָר פון דער װײַסער באָרד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט... נישט זײַן זאַך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער, — געלויבט איז זײַן הײליקער נאָמען!“ „מיט דעם ווערט מען נישט געבאָרן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבר אַרײַן“. — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רואיק צו, ווי מען עפנט די לעצטע שופלאָד פון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלאַך מיט גאָלד און זילבער, זעקלאַך מיט צירונג און אַלערלײ טײַערע כלים,— און ער שווײַגט...

און אפשר איז ער זײ גאָר מפקיר!

נאָר פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציען אַרויס אַ קלײן זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע, — פאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשרײ טאָן:

„ריר נישט!“

נאָר אויפ׳ן אָרט פון אַ געשרײ שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פון רויכערדיק בלוט. — דאָס מעסער האָט זײַנס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פון האַרץ און שפּריצט אויפ׳ן זעקל אַרויף!

ער פאַלט און געשווינט רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל— דאָ ווערט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זײ האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פאַרגאָסן: נישט קײן זילבער, נישט קײן גאָלד און נישט קײן צירונג

איז אין זעקל געווען; גאַרנישט פון דעם, וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישראל ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער איד געוואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגן און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

2. — די שפּילקעס.

עס הערן זיך קולות פון טראָמפּײטן און הערנער...

אַ דײַטשע שטאָט (פאַרשטײט זיך, אַ פאַרצײַטישע); אַלערלײ אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַר׳ן מאַגיס־טראַט. און פול מיט פאַרשידנפאַרביק־געקלײדטע מענשן איז דער פּלאַץ; פול קעפּ אין די פענסטער; מענשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טײל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקן, וואָס שטאַרן אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען...

פאַר׳ן מאַגיסטראַט שטײט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזן און טראָלבן. בײַם טיש זיצן די הערן פון מאַגי־סטראַט, אין סאַמעטענע קלײדער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבל־נע היטלען מיט ווײַסע פעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן־אָן זיצט דער פּרעזידענט אַלײן. אַ פרעסיקער אָדלער ווײט אים איבער׳ן קאָפּ...

אָן אַ זײַט שטײט געבונדן אַ אידיש מײדל. נישט ווײַט האַלטן צען קנעכט אַ ווילד פערד, און דער פּרעזידענט הײבט זיך אויף און לײענט פאַר׳ן אידישן מײדל אַ פּסק פון אַ פּאַפּיר. און ער ווענדט זיך מיט׳ן פּנים צום מאַרק:

„אָט די אידין דאָ, די אידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַ־גאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַלײן, ווי גרויס זײַן באַרמהאַר־ציקײַט זאָל נישט זײַן, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן...

„זי האָט זיך אַרויסגע׳גנבֿ׳עט פון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונזער הײליקן לעצטן יום־טובֿ, אויף אונזערע רײנע גאַסן...

„און זי האָט באַפלעקט מיט אירע אומפאַרשעמטע אויגן אונזער הײליקע פּראָצעסיע; אונזערע הײליקע בילדער, וואָס מיר האָבן מיט לויב־געזאַנג און קעסל־פּויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

„מיט אירע פאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס גע־זאַנג פון אונזערע ווײַס־געקלײדטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פון די הײליקע פּויקן... און ווער ווײס, צי האָט דער טײַוול, דער אומרײנער טײַוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פון

דער אידישער טאָכטער, פון פאַרשאָלטענעם ר ב׳ס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפלעקט אונזערע אַ ריינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוול, דער טייוול אין דער שיינער געשטאַלט? ווארים לייקענען קאָן איך נים — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טייוול קאָן זיך מאַכן. — זעט די ח ו צ פ ה־שטראַלנדיקע אויגן פון אונטער די צ נ ו ע ה׳דיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַל־באַסטער פ נ י ם, וואָס איז אין דער לאַנגער ת פ י ס ה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן! זעט אירע פינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פינגער פון די הענט; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוול? אָפּרייסן אַ נ ש מ ה פון ד ב ק ו ת אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן“:

„ — זעט דאָס שיינע מיידל! — האָט אויסגערופן אונזערער אַ ריטער פון איינער פון אונזערע שענסטע מ ש פ ח ו ת...

„און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס: האַלעבאַרדניקעס האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט, — ער האָט זיך אַ פ י ל ו נים גע־ווערט, דער טייוול, — ווארים ווי אַזוי? ריין זײַנען זיי דאַמאָלט גע־ווען, אָפּגערייניקט פון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין ש ל י ט ה נים געהאַט.

„און דאָס איז דעם טייוולס, אין געשטאַלט פון דעם אידישן מיידל, פּ ס ק: „צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טייוולאָנישע צעפּ, צום ווילדל פון אָט דעם ווילדן פערד...

„זאָל עס לויפן און שלעפּן זי ווי „אַ ה ו ר ג“ איבער די גאַסן, וואָס אירע פיס האָבן געטראָטן געגן אונזער הייליקן געזעץ...

„זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס זי האָט פאַראומריניקט מיט אירע פיס!“...

אַ ווילד פריידן־געשריי האָט זיך אויסגעריסן פון אַלע מיילער אַרום; און אַז די פּאַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פאַר׳מ ש פ ט׳ע צום טויט, אויב זי האָט זיך נים עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינשן.

— איך האָב; — ענטפערט זי געלאַסן; — עטלאַכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז דול פאַר שרעק! — מיינען די הערן פון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפערט זי רואיק און קאַלט. — דאָס איז מיין לעצטער ווילן און פאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן צו מיט ציטערדיקע הענט דעם ר ב׳ס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווייַדל פון ווילדן פערד, וואָס מען קאָן שוין קוים דערהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווייַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפ׳ן פּלאַץ. און עס ווערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו די ווענט פון די הייזער, און אַלע הייבן אויף די הענט, ווער מיט אַ בייַטש, ווער מיט אַ שפּיץ-רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זייַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט, אַלע פּני׳ם רויט, אַלע אויגן בליצן, און אין גערודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פּאָר׳מ שפּ ט׳ע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פונ׳ם קלייד צו די פיס און שטעקט טיף, טיף אַרייַן די שפּילקעס זיך אין לייַב — עס זאָל איר לייַב ניט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן...

— לאָזט דאָס פערד! — קאָמאַנדירט דערווייַל ווייַטער דער פּרעזידענט. און די קנעכט זייַנען דערפון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַמאָל האָט עס זיך אויסגעריסן. און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פון אַלע מייַלער. און עס ווייען און פייַפן אין דער לופט אַלע בייַטשן, שפּיץ-רוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פערד איבער׳ן מאַרק, איבער גאַסן און הינטער-גאַסן אַרויס, אַרויס פון שטאָט...

3. — די יאַרמולקע.

אַ פּלאַץ פאַר אַ תפיסה. אויף די אייַזערנע גראַטעס אין די קליינע פענסטערלאַך ציען זיך שפּילנדיק די שטראַלן פון דער זון... זיי גליטשן זיך אויך אויף די שטיקן פון צוזאַמענגעשטעלט געווער ביי דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרייַן — ריטער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער-מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטראָי“ וועט מען טרייַבן...

וועמען?

עפּעס אַ אידל מיט אַ צעריסן העמד אויפ׳ן מאָגערן לייַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן האַלב-געגאָלטן קאָפּ. אָט פירט מען אים צו.

פאַר וואָס קומט עס אים? ווער ווייס? אַ פּאַרצייַטישע זאַך! אפשר פאַר אַ גנבה, אפשר פאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפשר אַ בלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצייַטן...

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונז אַזוי פיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטן די העלפט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די ש ו ר ו ת אַריין, אָט גייט ער... און ער גייט גלייך און ער שטרויכלט נישט און פאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרימצאָרן כאַפּט אָן דאַמאַלט די סאָלדאַטן! ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פייפן אין דער לופט ווי די ר ו ח ו ת און כאַפּן אַרום דעם לייב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פון מאָגערן ג ו ף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

הו—הא! הו—הא!

אין מיטן טרעפט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פּאַר׳-מ ש פ ט׳ן אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ. נאָך עטלאַכע טריט באַ-מערקט ער עס, דער פּאַר׳מ ש פ ט׳ער... ער גיט זיך אַ ריר, גלייך ער האָט אַ י ש ו ב, און איז זיך מ י י ש ב, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין ב ג י ל ו י - ה ר א ש! און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, וואו די יאַרמולקע ליגט. ער בייגט זיך איין און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אויס און גייט ווייטער, רואיק, רויט פאַר-בלוטיקט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פאַלט...

בלוט און פייער.

א.

צוויי לעשניקעס האָבן אַריינגעפירט אין הויף אַריין אַ פויער מיט געבונדענע אויף אַ הינטער הענט. פון די שייערן, פערד-שטאַלן האָבן זיך באַוויזן פּאַראָבקעס אין שעפּסענע פּעלצן און נייגעריקע אַרומגע-רינגלט דעם אַרעסטאַנט:

— וואָס איז דער מער, סטאַך?

— ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגן?

— זע נאָר ווי געשוואָלן?

— מע זעט דאָך ביי אים קיין אויג נישט אַרויס!

דער געבונדענער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, האָט דאָס אונ-

טערגעשלאָגענע אויג צעקרימט דעם שמײכל און איבער'ן פנים האָט זיך צעלײגט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן בײַם פאַנאַנדער־ווײנען. ער האָט שטיל געפרעגט:

— וואו איז אַנטעק?

— אַנטעק פּיאַסעצקעס?

— יאָ.

— אָט קומט ער!

אַנטעק, אַ ברײטבײניקער שײגעץ, אין אַ רויטן שפּענצער, איז אַרויס פון שטאַל אָן אַ היטל. ער האָט געקנאַלט מיט אַ קורץ בײַטשל. דערזען סטאַכן אַ געבונדענעם, איז ער אונטערגעלאָפן:

— און וואו איז מײַן „אַלטער"?

— זײ האָבן אונז צעשלאָגן!

— פאַרוואָס?

— ג נ ב'עט נישט, וועט מען אײַך נישט שלאָגן! — האָט זיך אַ לעשניק אָנגערופן.

— זאָגסט ליגן! — האָט דער געבונדענער מיט ב י ט ו ל גע־קוקט אויפ'ן לעשניק, אומבאַהאָלפן אַ שלעפּ געטאָן די צוגעבונדענע האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אין האַרץ אַרײַן. — מיר האָבן נישט גע'ג נ ב'עט! מיר האָבן גענומען האָלץ פון אונזער וואַלד, פון פויערשן — — —

— אַ קוויטל האָסטו געהאַט? — האָט דער לעשניק וואוילעריש אַ פרעג געטאָן.

— פאַרמאַך בעסער די געמבע, פאַרמאַך! — האָט אַנטעק אַ גע־שרײ געטאָן אויפ'ן לעשניק און ווידער געפרעגט סטאַכן. — און וואו מײַן „אַלטער" איז, ווײסטו גאָרנישט?

— פרעג זײ, די „פּסר־בראַטעס", — האָט דער פויער געוויזן אויף די לעשניקעס, — זײ האָבן אים געשלאָגן — — —

די לעשניקעס האָבן זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בליקן פון די פאַראַבקעס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק, געוואָרפן מיט די אויגן הין און הער, ווי זײ וואָלטן געוואָלט אויסמײַדן אַ געפאַר און אײנער פון זײ האָט זיך אָנגערופן:

— אַבי איר טשעפּעט זיך! מיר זײַנען נישט שולדיק! איר אויף אונזער פּלאַץ וואָלט אויך נישט בעסער געווען! צו וואָס האַלט מען אַ לעשניק אין וואַלד? ער זאָל לאָזן צעשלעפּן ס'האָלץ? דערצו איז דער פאַן אַלײן געשטאַנען — — — געהײסן שלאָגן — — —

— האָסטו געשלאָגן? — איז אַנטעק אונטערגעגאַנגען.

דער לעשניק האָט נישט געענטפערט און זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק.

אַנטעק האָט אים אונטערגעטראָגן ס'בײַטשל צו דער נאָז:

— אַזאַ הונטצוואָט! בינד גלײַך אויף סטאַכן, הערסט?

— ווער ביסטו דאָס? — האָט דער לעשניק אַ בליִיכער פאַר־וואָרפן דעם פּנים אויף צוריק און עטוואָס אונטערגעהויבן זײַן סענקעוואַטן שטעקן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטײַדיקן.

— ווער איך בין? אָט ווער איך בין! — האָט אַנטעק אים אויס־געהאַקט אַ פּאַטש.

דאָס איז געגאַנג געווען, די פּאַראָבקעס זאָלן זיך אַ וואָרף טאָן אויף די לעשניקעס. מע האָט געשלאָגן, מיט וואָס ס'איז נאָר גע־קומען אין דער האַנט אַרײַן — מיט קלאָניצעס, דישלעס, פּערדישע פאַדקעוועס, מיט די אָפּצאָסן פון די שטיוול. פון די קוֹלוֹת האָבן זיך הינט גענומען רײַסן אויף די קײַטן מיט אַ בילערײַ, שיקסעס האָבן געקוויטשעט, און אין דעם טומל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די געבײַדעס פון הויף, זיך געקײַקלט איבער די שטילע, פאַרשנײַטע פעלדער, האָט זיך געהערט אַ פאַרצווייפלט געשריי:

— אָלאַ באָגאַ, ראַטעוועט, אָלאַ באָגאַ! — — —

ב.

דער שׂרה איז אַנגעריטן פון וואַלד מיט אַ סוויטע. מיט אָנגעשטעלטע ביקסן האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם המוֹן און אָפּגעשטעלט דאָס געשלעג. ס'איז געוואָרן אומאָנגענעם שטיל. די לעשניקעס, פאַרבלוטיקטע, אָן כּוֹחוֹת, האָבן אָנגעוויזן אויף אַנטעקן.

— איך וועל אים אָנלערנען, דעם בונטאָווניק, דעם כאַם! — איז דער שׂרה נישט אײַנגעזעסן אויפ'ן פערד, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין איין דרייען. — פינף און צוואַנציק שמיץ גלײַך אויפ'ן פּלאַץ!

ער האָט אַ טרײַב געטאָן ס'פערד, פאַרבײַגעלאָפן אַנטעקן און אים אָפּגעמאָסטן מיט'ן ראַפּניק איבער'ן פּנים. אַ צעשפּאָלטענע פּאַס באַק איז גלײַך אָנגעלאָפן ווי אַ שטיק קישקע. אַנטעק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק, גענומען לויפן אַרום און אַרום און זיך אויסטערליש צעשריען, אַז בײַ אַלעמען זײַנען דורך דרעשטשעס.

די פּאַראָבקעס האָבן געוואָלט אָפּציען, נישט זען די שאַנד פון אַ ברודער; האָט מען זיי פאַרשטעלט דעם וועג — געהייסן קוקן, ווי מע באַגייט זיך מיט אַ בונטאָווניק.

דער עקאָנאָם האָט אַנטעקן געבונדן הענט און פיס, ווי מע בינדט
אַ ב ה מ ה פאַר דער ש ח י ט ה, און אַז מע האָט געבראַכט די
ריטער, האָט עמיצער אַ צי געטאָן ביים שטריק און אַנטעק האָט אַ
פאַל געטאָן אין שניי אַריין, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. מע האָט
אים אַוועקגעלייגט מיט'ן פ נ י ם אַראָפּ. צוויי פּויערים האָבן זיך
אַוועקגעזעצט אויף אים. איינער אויף די פיס, דער צווייטער אויף די
פּלייצעס. דער עקאָנאָם האָט באַטראַכט די ריטער, זיי גוט איינגע-
ריבן אין שניי, עטלאַכע מאָל מיט זיי דורכגעשניטן די לופט מיט אַ
פייף און אַ צופרידענער איבערגעגעבן דעם שמייסער. די פּאַראָבקעס
האָבן געהאַלטן די אויגן צו דער ערד, נישט געקוקט אויפ'ן פּלאַץ, וואו
אַנטעק איז געלעגן, און אומבאַהאָלפענע געפילט, ווי דער הויף ווערט
פאַר זיי אַלץ ענגער און ענגער. עס האָט זיך דערהערט דעם עקאָ-
נאָמס שטימע:

— פּאַרטיק?

— פּאַרטיק. — האָט געענטפערט דער שמייסער.

דער עקאָנאָם האָט איינטאָניק געציילט:

— איינס — — — צוויי — — — דריי — — — —

די רוט האָט געפייפט איבער די איינגעצויגענע הויזן, זיי דורכ-
געהאַקט, געשניטן מיט'ן פלייש. טראָפּנס בלוט האָבן געטריפט אין
ווייסן שניי אַריין, געטריפט און פאַרגליווערט געוואָרן. אַנטעק
האָט געשריען נישט מיט קיין מענשישן ק ו ל, אַנטשוויגן געוואָרן,
ווידער אָנגעהויבן, און צווישן שווייגן און שרייען איז דאָס איינטאָ-
ניקע ציילן פון עקאָנאָם טעמפּ געפאַלן אויף די פאַרטויבטע אויערן:

— אַכט — — — ניין — — — צען — — — —

ג.

מ ר ד כ י איז אונטערגעקומען, געזען, ווי מע שמייסט אַ דער-
וואַקסענעם מענשן, איז ער אַ פאַרציטערטער געוואָרן. ער האָט גע-
הערט, אַז פּריצים שמייסן פּויערים, שמייסן אידן, עס אויפגענומען
ווי אַ ב ב א - מ ע ש ה, וואָס אַלע דערציילן און וואָס קיינער האָט
עס נישט בייגעוואוינט. איצט האָט ער זיך אָנגעשטויסן דערמיט
אויג אויף אויג.

ער האָט זיך דורכגעשטופּט און איז גלייך צוגעגאַנגען צום שמיי-
סער:

— מענש דו, ווי שעמסטו זיך נישט אויפצוהייבן אויף דיינעם אַ
ברודער אַ האַנט?

מ ר ד כ י'ס דרייסטקייט, דאָס האַלטן זיך, זיין האַרציקייט —

אַלץ האָט געווירקט, געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז דער שמײַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף׳ן ש ר ר ה, אויף מ ר ד כ י׳ן; האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן איבערצוקוקן און די שטילקייט האָט געשניטן די אויערן.

צי דערפאַר, וואָס מע האָט אויפגעהערט שמײַסן, צי דערפאַר וואָס אַ פרעמדער האָט געהאַט די ה ע ז ה אים זיך אַנטקעגנצושטעלן, ווי ס׳זאָל נישט זײַן, האָט דער פאַרדראָס בײַם ש ר ר ה געהאַלטן אין אײַן וואַקסן. אַן אָנגעכמורעטער האָט ער זיך אַרומגערוקט מיט׳ן פערד און געפרעגט מ ר ד כ י׳ן:

— ווער זײַט איר דאָס?

— אַ דורכגײַער. — האָט מ ר ד כ י געענטפערט.

— טאָ גייט ווײַטער, אַז ס׳איז אײַך גוט. — האָט דער ש ר ר ה זיך געבײַזערט. — מישט אײַך נישט אין פרעמדע אינטערעסן!

— לאָז דער „ווירלמאַזשני פאַן“ אַזוי גוט זײַן, — האָט אַ פּאַראָבעק אָנגעהויבן שטאַמלען, זיך פאַרנײַגט מיט׳ן היטל אין דער האַנט און געוויזן אויף אַנטעקן, — די איבעריקע שמיץ גיב מיר!

— וואָס טוט זיך דאָ, צו הונדערט טויזנט טײַוואָלים? — איז דער ש ר ר ה פון כ ע ס נישט אײַנגעזעסן אויף׳ן פערד און אַ געשרײַ געטאָן צום שמײַסער. — קאָלעק, שמײַס ווײַטער! דאָס כאַמסטוואָ וועט מיר נישט דיקטירן, וואָס איך האָב צו טאָן!

— קאָלעק איז אַ קאַטאָליק, ער וועט נישט שמײַסן זײַנעם אַ ברודער. — האָט מ ר ד כ י זיך אָנגערופן.

— ווער איז ער, דער פרעמדער? — האָט אײנער פון דער סוויטע אַרײַנגעוואָרפן.

— וואָס וויל ער?

— ס׳איז אַ „קשאַנדז“?

— ווײַס איך!?

— ס׳איז דאָך אַ איד?

— וואָס דו פּלאַפּלסט!

— פרעג אים!

— פרעג אים דו!

— ס׳איז אַ איד! ס׳איז אַ איד!

— אַ איד? — האָט דער ש ר ר ה אַן איבעראַשטער איבערגעפרעגט.

— יאָ. — האָט מ ר ד כ י געענטפערט.

— טאָ גיב דעם איד די איבעריקע שמיץ! — האָט דער ש ר ר ה

א געשריי געטאָן צום שמייסער און אויסגעשפּיגן. — אזא נישט גלוי־ביקער!

אײדער מ ר ד כ י האָט צײַט געהאַט זיך אומצוקוקן, איז ער שוין געלעגן אויפ׳ן שניי, געפילט ווי אָן אָנגעגליטער קלין שנײַדט זיך אַלץ טיפער אין לײַב אַרײַן, שפּאַלט, דאַכט זיך, די פּלייצעס אין צווייען, צעקרישלט אַ ביין נאָך אַ ביין... די י ס ו ר י ם ווערן אַלץ גרעסער, פאַלן איבער אים, ווי שפּיציקע שטיינער און פון אונטער די קלעפּ הערט זיך דעם עקאַנאָמס איינטאָניק ציילן:

— צוואַנציק — — — איין־און־צוואַנציק — — — צוויי־און־צוואַנציק — — — — — — — — — — — — — — — —

ד.

מ ר ד כ י איז געלעגן אָן כ ו ח ו ת, נישט געזען, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים, בלויז געפילט, ווי מע רײַבט אים די שלייפן מיט שניי. ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט איבער אַ ר ג ע אויף די פּאַראָבקעס, וואָס זײַנען געשטאַנען איבער אים. זיך געכאַפּט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און מיט די לעצטע כ ו ח ו ת זיך אַ שטעל אויף געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט גיין, געזען רעדער פאַר די אויגן און זיך אָנגעהויבן וואַקלען. די פּאַראָבקעס האָבן אים אונטער־געכאַפּט, אַרײַנגעפירט אין שטאַל, וואו אַנטעק איז געלעגן, אָפּגע־וואַשן מיט לעבלאַך וואַסער זײַנע וואונדן און נישט דריייסטע אים געפרעגט, צי ער וועט עפּעס עסן.

— אַ טרונק וואַסער. — האָט מ ר ד כ י זיך געבעטן.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ פולע שעפּ. ס׳וואַסער האָט געקילט זײַן צעפלאַמטן קערפּער, אים אַ ביסל אָפּגעפרישט. מיט מאַטערניש האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפ׳ן בויך און אויפמערקזאַם זיך אײַנגע־הערט, ווי די פּאַראָבקעס, וואָס האָבן זיך צעזעצט אַרום אַנטעקן, האָבן געשמועסט:

— אַז וואָס ס׳קומט אויף אונז, איז אַלץ ווייניק! — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— איך וועל אים ווײַזן, דעם „פּסו־בראַט“, ווי צו שמײַסן! — האָט אַנטעק אַרײַנגעוואָרפן מיט אַ קרעכץ.

— מיר האַלטן אין איין ווײַזן און זיי שלאָגן דערווײַל!

— אַז אַ פּויער און אַ ב ה מ ה איז אַלץ איינס!

— גערעכט! ווײַטעק איז גערעכט! ווען מיר וואָלטן געווען מענטשן, וואָלטן מיר דאָ נישט געזעסן!

— אין פעפלאָווקע, דערציילט מען, האָבן די כלאָפּצעס אונטער־געצונדן דעם הויף.

— מיר דאַרפן אויך אַזוי טאָן!

— איר זינדיקט. — האָט זיך אַן אַלטער פורמאַן אָנגערופן.

— אין קאַרשין האָבן זיי דער׳הרג׳עט דעם שררה!

— מע דאַרף זיי אַלע אוים׳הרג׳ענען!

— אונזערער איז אויך נישט זיכער מיט׳ן לעבן!

— איר זינדיקט, קינדער, איר זינדיקט. — האָט דער פורמאַן זיך אָפּגעצלמ׳ט. — דער נישט־גוטער רעדט פון אייך אַרויס!

— ווי זינדיקן מיר, זיידע, — האָט אַנטעק זיך אויפגעזעצט, — אַז מיר האָבן ביי די פּאַנעס אַ גאַנץ יאָר „פּאָסט“? אונזער שררה איז אַ שוואַכער מענש, ערלויבט אים דער „קשאָנדז“ צו עסן אין “פּאָסט” געבראָטענע קאַטשקעס און אפילו שמייסן פויערים. —

— — הערט, זיידע, מיין נאָמען איז נישט אַנטעק, צי מיר וועלן זיך נישט אָפּרעכענען מיט אים! ווען נישט איר, אַלטע בהמות, וואָלטן מיר שוין לאַנג צוגענומען ביי די פּאַנעס די ערד, אונזער ערד — — — דער „קשאָנדז“ הייסט נישט, האַ? מיר וועלן זען. — —

מרדכי איז געלעגן אין פיבער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די פּאַראָבקעס, נישט געוואוסט, אַז די באַציאונגען צווישן דאָרף און הויף זאָלן זיין אַזוי פאַרשאַרפט, און געקריצט מיט די ציין פון באַליידיקונג. אַ טיפע מרה־שחורה האָט זיך געלייגט איבער אים, זיך איינגעביסן, געעקבערט ווי אַ שרויף; האָבן פינס־טערע מחשבות זיך גענומען וועקן, אים באַפאַלן מיט נעגל און ציין, געשריען — נקמה, נקמה פאַר די שמיץ! אָן אַ שיעור פלענער האָבן אויפגעטוקט און זיך געלאָשן אין זיין הייסן מוח. ער האָט זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַר די שלייפן, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי בלאָז־זעק און געוועזן זיכער, אַז נאָר אַזוי נאָך וועט ער צונויפנעמען די געדאַנקען.

מיט׳ן אָנקומען פון דער נאַכט איז דער פיבער ביי מרדכי׳ן געשטיגן. די שטילע רייד פון די פּאַראָבקעס האָבן מאָדנע געקלונ־גען אין זיינע אויערן און ער האָט געזען, ווי די פערד־שטאַל ווערט פול מיט מענשן. ער האָט זיך אַרויפגערוקט אויפ׳ן זאַק מיט היי, זיך אַ הייב געטאָן, געבליבן שטיין אויף די קניען. די פּאַראָבקעס האָבן אים איינציקווייז אַרומגערינגלט. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו זיי. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, איז זייער אומרואיקייט אַלץ מער געוואַקסן, זיך אַרויסגעריסן מיט אַ קללה, מיט אַ געביילטער

פויסט, זיך געלייגט אויף זייערע אָנגעכמורעטע פּנים׳ער, ווי שווע־רע, פינסטערע וואָלקנס. מרדכי האָט נישט אויפגעהערט צו רײַדן, געשטאַנען אויפ׳ן זאַק מיט היי און זײַנע ווערטער האָבן זיך געקנוילט, געוועקט אין די פויערים דעם באַלײַדיקטן מענטש, געקלונ־גען אַזוי האַרציק און אין דער זעלבער צײַט געשניטן פּאַסן לעבע־דיקערהייט. די רייד זײַנען געקומען פון זיך, נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט ער, מרדכי, און די ווערטער, ווי פונקען, זײַנען גע־פאַלן אויף די פאַרוואָלקנטע מוחות, זיי געצונדן, און אַ פײַער האָט זיך צעפלאַקערט.

ה.

דער הימל איז געשטאַנען אין פלאַמען, אין רויך.

אויף אַ פריער האָבן פיר פויערים געטראָגן אויף שטריק אַ טרו־נע, וואו אַנטעקס פאָטער, פּיאַסעצקי, איז געלעגן אַ דער׳הרג׳ע־טער. פאַראַבקעס מיט קאָסעס, שפּאַדלעס, העק זײַנען נאָכגעגאַנ־גען, זיך גרופּירט לויט די דערפער. בײַם אַרײַנקומען אין דאָרף האָט דער גלאָק אָנגעהויבן קלינגען, ווי ס׳וואָלט אַ פײַער געווען. ס׳פּוי־ערים־פאָלק מיט די ווײַבער און קינדער זײַנען צונויפגעקומען, זיך געשטעלט אַרום און אַרום דער אָפענער טרונע, וואו זייער שכן פּיאַסעצקי איז געלעגן. מרדכי, וועמען קיינער האָט נישט גע־קענט, נישט געוואוסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, איז אויסגע־וואַקסן בײַ דער טרונע. זײַן בלייך פּנים, דאָס האַלטן זיך, די צעפלאַמטע אויגן, האָבן צוגעגעבן עפּעס מיסטעריעזעס צו דער פראָ־צעסיע. אַנטעק האָט אַנידערגעקניט, צעשפּרייט די הענט:

— שכנים, איר ווייסט, ווער ס׳האָט דער׳הרג׳עט מײַן טאַטן?

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָבן די פויערים געענטפערט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען.

— איך וויל איר זאָלט מיר העלפן קריגן גערעכטיקייט!

— מיר וועלן העלפן! מיר וועלן העלפן!

מרדכי האָט מספּיד געווען דעם טויטן, מיטגעריסן די אַרומיקע מיט זײַנע האַרציקע, פּשוט׳ע רייד, אַליין אויך מיטגעריסן געוואָרן. און אַז ער האָט דערזען, ווי די פויערטעס כליפּען, די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון די פויערים האָבן נאָכגעלאָזט, ווייך געוואָרן, און אַ פעסטע האַנט וואָלט איצט געקאָנט פירן די פויערים,

וואוהין זי וואָלט נאָר געוואָלט, פונקט דעמאָלט האָט זיך דערהערט א שטימע:

— קומט אין הויף אַרײַן!
— קומט, ברידער!
— מיר וועלן די פּאַנעס אָפּגעבן אונזערע „כאַלופּעס"!
— און מיר וועלן וואוינען אין שלאָס!
— גערעכט! גערעכט!
— נעמט דעם טויטן!
— נעמט די טרונע!
— קומט!
— לאָזט די טרונע אויף אַ פּריער!
— ווער איז דער פרעמדער?
— כ'ווייס נישט!
— דאָס הייסט גערעדט!
— ווי פון אַ ביכל אַרויס!
— רעדט בעסער ווי דער קשאָנדז!
— דערמאָן נישט זײַן נאָמען!
— ווער האָט אים דער׳הרג׳עט!
— פּיאַסעצקין?
— יאָ.
— כ'ווייס נישט.
— מע זאָגט דער פּאַן.
— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אים!
— דו וואָלסט געקאָנט אויפהייבן אַ האַנט אויפ'ן פּאַן?
— איך נישט!
— איך נישט!
— ס'גייט אויף בײַנאַכט אַ פראָסט!
— וואָס אַרט עס דיך? אין דײַן שאָפּן-פוטער וועסטו נישט גע-פרוירן ווערן.
— ווי אַ חזיר האָט דאָס אידל געקוויטשעט! אוי, געוואַלט! אוי, גע־וואַלט! נישט געלאָזט אַראָפּציִען פון זיך דעם פעלץ!
— צינדט אָן די שטיקער קין! — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זײַטן.
— ס'איז דאָך נאָך טאָג!
— צינדט אָן, זאָגט מען אײַך!
דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ קנאַקערײַ שטיקער

קין, זיך געריסן צום פאַרפלאָמטן הימל. די פּאַראָבקעס מיט די בלאַנקענדע קאָסעס אויף די אַקסלען האָבן געשפּריזט אַרום דער טרונע מיט געבויגענע קעפּ.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שלאָס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזענער, אַזוי שטיל איז געווען אַרום. דער המון האָט געשריען, געליאַרעמט, גערופן דעם שררה. דער עקאָנאָם איז אַרוים אויפ'ן גאַניק מיט אַ ביקס:

— צעגייט איַיך מיט גוטן!

— אַ טשו! אַ טשו! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— מיט אַ ביקס?

— אַזאַ חזיר'שער עק!

— אַזאַ חזיר'שער אויער!

— פאַרטרייבט אים!

— מיר ווילן דעם שררה!

— אַ טשו! אַ טשו!

— אין שטאַל אַריין!

פון אַלע זייטן האָבן גענומען פליען אויף אים שטיינער, פלעשער, שטיקער האָלץ, און ס'איז געוואָרן אַזאַ געשריי, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. דער שררה איז נישט אַרוים. פון עטלאַכע פענסטער האָט מען אויסגעשאָסן מיט אַמאָל, געוואָלט איבערשרעקן דעם המון, געסטראַשעט אויפצוכאַפּן יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן אונטערצוקומען צום שלאָס. דער כעס איז געוואַקסן. אַ פּאַראָבאָק האָט איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי איינער, וואָס האָט מורא ער וועט כאַפּן קלעפּ, און זיך געלאָזט צום שלאָס. אַ קויל האָט אים אַוועקגעלייגט. דאָס איז גענוג געווען. דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם צום שלאָס, שיקנדיק אויף אַ פריער אַ האָגל מיט שטיינער, פלעשער און העלצער. פון אַלע פענסטער האָט מען געשאָסן. דער המון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געשפּרונגען איבער די געפאַלענע, אויפגעבראָכן מיט העק די טירן, געקראָכן אין די קעלערס, אַרומגערינגלט דעם שלאָס פון אַלע זייטן. מע האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן פון די קעלערס קאַשן מיט וויין, מיט אָקעוויט, זיך געריסן איבער די פלעשער, אָפּגעהאַקט די העלזער, און געטרונקען. דאָס געשריי איז געוואַקסן, פון אַ קעלער האָט אַ געדיכטער רויך זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקנוילן, מיטגעריסן מיט זיך אַ פלאַם, איז דער המון ווילד געוואָרן פון שמחה, זיך געהאַלזט, געטרונקען ברודערשאַפט, געקניט אַרום דעם טויטן פּיאַסעצ-

קין און געשריען וואָס כ ו ח נאַר: — דער שלאָס ברענט! דער שלאָס ברענט!

ז.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער אַלטער פורמאַן, געהאַלטן די היליקע „מאַמע", וואָס האָט ש ל י ט ה איבער פייער, זיך געצלמ'ט און שטיל געפּרעפּלט:

— איר זינדיקט, קינדער, איר זינדיקט!

דער ה מ ו ן האָט אָן אַלעם פאַרגעסן, זיך געשטופּט אַרום די קאַשן מיט שנאַפּס, זיך געקריגט, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן, געכאַפּט, וויפיל איינער האָט געקאָנט, און די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דערשטופּן, האָבן געדעוועט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים משוגע ווערן. די ח י ה אין מענשן האָט זיך געוועקט, אָנגעשטעקט קליין און גרויס, האָט מען געוואָרפן פלעשער בראָנפן אין פייער אַריין, געלאָפן איבער'ן הויף ווי פאַר'ס מ'טע מייז.

דער ש ר ר ה האָט זיך באַוויזן אין אַ פענסטער, עפּעס גערעדט, געמאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געבעטן. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געוואָלט הערן, בלויז געשריען:

— לאָזט אים נישט אַרויס!

— פאַרברענט אים!

— צום טייוול מיט דער שלאַכטע!

— ווער גייט אין שענק אַריין?

— קומט, כלאַפּצי, מיר וועלן אויפהענגען דעם שענקער פאַר די פּ א ו ת.

— קומט!

מ ר ד כ י איז געשטאַנען אין אַ זייט, פאַרלוירן געקוקט, וואָס עס טוט זיך אַרום, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, און ח ר ט ה געהאַט. ער האָט מער נישט געגלויבט אין ה מ ו ן. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שענקערס נאָמען, אים עטלאַכע מאָל איבערגע'חזר'ט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען און אַ גלייכגילטיקער זיך געלאָזט מיט דער צווייטער זייט פעלד.

— די טרונע האָט זיך גערירט פון אָרט. די שטיקער קין האָבן געפלאַקערט אין דער נאַכט, זיך אָפּגעשפּיגלט אין די בלאַנקענדיקע קאָסעס, וואָס האָבן זיך באַוואויגן איבער אַקסלען, און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער טויט, אַ פיל-קעפּיקער, שפּרייזט איבער די וועגן און לאָזט אַלץ אַוועק מיט'ן רויך.

יוסף אָפּאַטאָשו.

ביים גוסס צוקאפּנס.

1.

דער שמש פון גן־עדן — א ליכטיקער מלאך — אן אפּגלאַנץ פון זיין ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער געגאַד, קומט איינמאַל פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרוים און עפנט, צערודערט און פאַרזאָרגט, אַ פענסטערל פון הימל, בייגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטערדיקער שטימע צו דער אונ־טערגייענדיקער זון און פרעגט:

— ווייסטו ניט, זון, וואָס ביי לייבל קאַנסקיוואָלער טוט זיך? די זון שווייגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אומרואיקער ציט דער מלאך זיין שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק. און נישט אומזיסט איז אומרואיק דער מלאך.

שוין פון פילע יאָרן רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאַנסקיוואָלערס „שמע ישראל“...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זיין „אח———ד“ צו־פוסנס ביים כסא־הכבוד... און עס קאָלערט זיך דער „אחד“ און זשומעט, און ברומט, און זידט, ווי אַ מחנה זומער־פייגעלאך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגן צו איר און ברייט זיך און ברענט אין איר מיט׳ן גרעסטן תענוג פון „יסורים של אהבה“...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שחרית געהערט.

צו מנחה האָט ער שוין געפעלט!

אין בעט און לויב־געזאַנג פון אַלע וועלטן איז דעריבער אַ פּגימה געווען...

אין אָרקעסטער איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן אַ כלי; אַ סטרו־נע ביי אַן ערשטער פידל האָט געפּלאַצט און איז פאַרשטומט געוואָרן.

צי האָט לייבל קאַנסקיוואָלער פאַרגעסן צו דאַוונען מנחה?

וועט ער זאָגן צוויי שמונה־עשרה׳ס ביי מעריב?

נידעריקער לאָזט זיך דערוויייל אַראָפּ די זון.

לבנה און שטערן בלאַנקען שטיל־שווייגנדיק אויף און נעמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאַכט... און זייי שפּינען און וועבן זייער פאַר׳כ ישופ׳ט שפּינוועבס — אַ זיל־בער־דינע נעץ איבער דער פאַרמאַטערטער ערד...

עס דויערט ניט לאַנג, און מע הערט, ווי מע קלאַפּט אונטן צו חצות...

אַ דינער, רויטלאַכער שטראַל וועקט זיך פון מזרח-זײַט...

דער גן-עדן שמש וועקט זיך, ווי פון אַ טיפן חלום, גײט צו און עפנט נאָך אַמאָל אַ פענסטערל אין הימל, בײגט אַרויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגנדיק:

— לבנה און שטערן, אײדער איר פאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לײבל קאָנסקיוואָלער פּאַסירט?

און דאַמאָלט האָט זיך גאָלדן-צעפלאַקערט אַ קלײן שטערנדל פון ווײַטן, איז צוגעשוואומען צום פענסטערל און האָט געענטפערט:

— איך ווײס, ליכטיקער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקיוואָליע געשוואומען און האָב אין זײַן פענסטערל אַרײַנגעקוקט... ער שטאַרבט, לײבל קאָנסקיוואָלער... אַן אַלטער מאַן... זײַן ווײַסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט, ווי רײן זילבער... נאָר דאָס פּנים איז אײַנגעשרומפּן און געל... איך האָב געזען, ווי מע האָט אים אַ פּעדער אונטער די נאָזלעכער געלײגט; איך האָב אָבער ניט געזען, זי זאָל זיך רירן.

און דער מלאך, דער שמש פון גן-עדן, האָט בײַ קײנעם קײן רשות ניט גענומען, אַלײן איז ער אַראָפּגעשאָסן אויף דער ערד נאָך לײבל קאָנסקיוואָלערס נשמה. —

„עס וועט אַן אומגעריכטע פרײד זײַן אין גן-עדן.“

אַזוי האָט ער געטראַכט.

פלינק פליען מלאכים, נאָר — די שוואַרצע ווי די ווײַסע...

און אַז דער ליכטיקער מלאך איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן אַ פינסטערן מלאך בײַם גסס צוקאָפּנס...

צי איז דער פינסטערער פריער אַרויס, צי האָט ער צו אונז אַ קירצערן וועג? ווער ווײס?

— וואָס טוסטו דאָ? — וואונדערט זיך דער ליכטיקער מלאך דערשראָקן. — עס איז דאָך לײבל קאָנסקיוואָלער!

— איז וואָס? — לאַכט דער שוואַרצער, און צווײ שורות ווײַסע צײן בליצן אים אַרויס פון אויסגעקרימטן מויל...

— דאָס איז מײַן נשמה! איך בין שמש פון גן-עדן.

— זײער אַנגענעם! — מאַכט דער שוואַרצער אַ האַוויע. — איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פון גיהנום, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט אַ שאר מיט אַ פוס אונטער'ן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק?

— ט ל י ת ו ת פ י ל י ן. — ווייל דער גוטער מ ל א ך טרעפן.

— אונטער'ן בעט באַהאַלטן? ע ב ר ו ת באַהאַלט מען.

און ער בייגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיט'ן פוס. אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט אים נאָך — גאָלדענע רענדלאַך שיטן זיך אויס...

— ג נ ב ה - געלט, ג ז ל ה - געלט! — רופט אויס דער שוואַר־צער מ ל א ך. — אויסגענאַרט ביי נישט-קלוגע, גערויבט ביי א ל מ נ ו ת, גע'ג ז ל'ט ביי י ת ו מ י ם, פון צ ד ק ה - פּוש־קעס אַרויסגענומען... מיט בלוטיקע טרערן זיינען זיי געוואַשן און האַרציקע בלוט-פלעקן קלעפּן אָן זיי... און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מע רירט זיין גאָלד!

מיט פאַרשלאָסענע אויגן וואַרפט זיך דער ג ו ס ס...

פאַרציטערט בלייבט דער ווייסער מ ל א ך און פאַרשטעלט זיך דאָס פ נ י ם מיט דער ערשטער פּאָר פליגל... דורך אַ שפּאַלט פון לאָדן רייסט זיך אַריין אַ שטראַל פון דער מאָרגנדיקער זון, ער פאַלט איבער'ן ג ו ס ס'עס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפנט ער האַלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? — פרעגן די פאַרשוימטע, פאַרגעלטע ליפּן מיט אַ שאָרך פון אַ פאַרפוילטן בלאַט...

— איך, — ענטפערט דער שלעכטער מ ל א ך, — איך, וואָס איך בין נאָך דיין נ ש מ ה געקומען... קום!

— וואו אַהין?

— אין ג י ה נ ו ם אַריין!

פאַר שרעק פאַלן דעם ג ו ס ס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאָט! — רופט דער גוטער מ ל א ך. — טו ת ש ו ב ה... עס איז נאָך צייט... זיי מ פ ק י ר דיין גאָלד...

— ש מ ע... — הייבט דער ג ו ס ס אָן.

— ער וועט ניט מ פ ק י ר זיין! — זאָגט דער שלעכטער מ ל א ך און לייגט זיין שווערן, שוואַרצן פליגל איבער'ן ג ו ס ס'עס פ נ י ם, און אונטער'ן פליגל ווערט דער ק ו ל צוזאַמען מיט'ן ג ו ס ס דער־שטיקט.

דער ווייסער מ ל א ך רוקט זיך צוריק אָפּ פאַרשעמט.

.2

אין אַ פינסטערער, פאַרגאַסענער האַלבער נאַכט, צווישן געוויש, געשרייַ און געפילדער אין גיהנום, שנייַדט זיך דורך אַ שאַרף־שנייַדנדיקער באַפעל:

— נחמנ׳קע פון זבאַראַש גייט אויס. ער פלעגט זיך שנייַדן די נעגל ניט איבערגעהיפערט, אָוועקוואַרפן... נישט איינמאָל פאַר־געסן מנחה צו דאַוונען. ווער גייט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופט זיך אָן אַ מלאך־חבלה.

— גרייט דערווייל צו אַ קאַכעדיקן קעסל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פליט אַרויס פון גיהנום...

געשווינט פליען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זיינען אפשר וויַטער פון אונז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי.

אַז דער מלאך־חבלה איז צום בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ ווייסן גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרימער מענש, פאַר׳ן טויט. עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרענעץ צווישן פינסטערקייט און ליכט... פון זאָרג און אומרו אַן איבערגאַנג צו רו און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פאַרטראַגן, און די פלאַמענדע אויגן בלאַנדזשען אַרום אויף די ווענט.

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט פאַרוואונדערט.

— האָסט ניט קיין טעות, חבר? — פרעגט ער דעם ליכ־טיקן מלאך.

— ניין, — ענטפערט דער גוטער, — איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער, באַרמהערציקער נשמה; דו קאָנסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי־דין די נעגל געשניטן!...

— איך ווייס, — האָקט אים איבער דער גוטער מלאך, — נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט, נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אלמנות און יתומים, פאַר פאַר־פינסטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע.

— ביי אונז איך בוך איז פאַרשריבן, וויפיל מאָל ער האָט מנחה פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצן

העלפן. קיינמאל נישט פארגעסן צו טרייסטן, צו הארציקן, צו קרעפטיקן דארט, וואו די פליגל זיינען אראפגעפאלן מיד, וואו די גאל האט געזאלט די ריינסטע נשמה פארגיסן, וואו די לעצטע האפענונג האט זיך געדאכט, איז פארשוואונדן... ער האט זיך קיין הויז נישט געבויט, דעם דאך איבער׳ן קאפ נישט פארריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאפט, נאר אלץ פאר אנדערע, ווייל אלע אנדערע האט ער געהאלטן בעסער פאר זיך.

שווארצע וואלקן ציען זיך אין דרויסן איבער׳ן הימל. אויף א רגע שניידט זיי דורך א בליץ, נאר ער ווערט פארלאשן; און נאך פעסטער ציען זיך, נאך ענגער שליסן זיך צוזאמען די דיקע, פינסטערע וואלקנס.

דער בליץ האט צום לעצטן מאל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דא ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאפנס? — פרעגן די פארברענטע ליפן.

— איך, איך, א ליכטיקער מלאך פון זיין ליבן נאמענס ליכטיקער פמליא, און פון זיין ליבן נאמען נאך דיין נשמה געשיקט. קום מיט מיר!

— וואו אהין? — פרעגט דער קראנקער.

— צום הימל ארויף, אין גן־עדן אריין!

— הימל, גן־עדן... — שטאמלט נאך דער גוסס אין היץ.— און ווי אזוי לעבט זיך דארט אין הימל, אין גן־עדן דארט?

— גוט. פון גאטס גענאד באשטראלט, אין גלאנץ פון כסא־הכבוד... מיט גאלדענע קרוינען אויף די קעפ...

— גלאנץ... גאלד... קרוינען... — שטאמלט דער גוסס נאך. — וואס וועל איך דארט טאן?

— וועסט ניט דארפן טאן, דארט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער נחת, אן אויפהער שטראלנדיק גליק... קום!

— אבער וואס וועל איך דארט טאן? — דרייט זיך מיט׳ן לעצטן כוח דער גוסס אוים צום מלאך. — איז דארט דא וועמען צו העלפן, געפאלענע אויפצוהייבן, קראנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דארשטיקע די ליפן צו נעצן, פארלארענע צו זוכן און געפינען? דאס איז דאך מיין גליק געוועזן!...

— ניין, דאס נישט! ענטפערט מיט א נישט־זיכער קול דער מלאך. — דאס איז דארט נישט פאראן, דארט וועט קיינער ניט דארפן דיין הילף...

— און וואס וועל איך דארט טאן, מלאך? דארט וואו קיינער

ברויכט מיין נ ש מ ה נישט, מיין הארץ נישט; נישט מיין רחמנות'דיקע טרער אין אויג, נישט מיין ווארט צו טרייסטן פון מויל און נישט מיין האנט אויפגעהויבן צו ווערן פון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט ארויס די צונג און באלעקט זיך. א חוזק-שמייכל לייגט זיך אים איבער'ן מויל פון אויער צו אויער. ער עפנט דאס מויל, און צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אויף אין דער פינסטער פון שטוב.

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און ווייס נישט, וואס צו ענטפערן דעם גוסס...

— וואס פארט, מלאך! וואס פארט?

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אויס צום פענסטער און קוקט ארויס צום הימל און ווארט פון דארט אן עצה און א ראט... נאר פארשלאסן איז דער הימל — אן א ווארט, אן א שטראל, אן א פונק... און עס יאגן אן אלץ נייע און נייע, אלץ שווערערע און שווערערע וואלקנס. א שאטן פאלט איבער'ן ליכטיקן מלאכ'ס פנים. דער הימל זעט אויס הארט און בייז, אן רחמנות זעט ער אויס; ער האט אים נאך קיינמאל אזוי נישט געזען.. ער בלייבט פארציטערט.

מיט דער ווילע באנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר. — רוימט ער איין דעם גוסס.

— וואו אהין?

— דארט וואו דיין הארץ געלוסט: צו די אומגליקלאכע, הונגעריקע, לעכצנדיק-דורשטיקע; צו די פאר'חלש'טע און פארמאטערטע, צו די פארלארענע, פארשאלטענע, צו די פון גאט פארגעסענע... העלפן וועסטו נישט קאנען; אבער צוזאמען ליידן, מיטפילן...

— איך גיי, איך גיי! — רופט דער קראנקער אויס מיט קראפט.

און דער ווייסער מלאך איז אוועק מיט לייזיקע הענט.

י. ל. פרץ.

רב עקיבא.

דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, בר כוכבא איז שוין טויט;
דער לעצטער שטראַל יהודה׳ס טונקלט און פאַרגייט;

די לעצטע פעסטונג ביתר שטירצט, אין בלוט דערטרונקען;
עס ליגט דאָס הייליקע לאַנד צום דעספּאָטס פיס געזונקען.

עס טראָגט דער אָדלער רוימס פאַרוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרויס דער שווערד בײַם מוטיקן פון האַנט.

דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפן זיך באַהאַלטן
אין וועלדער און אין היילן און אין פעלזן־שפּאַלטן.

און ווילד און ווילדער אַלץ, פון בלוט און ראַכע שיכור,
דער תליון רײַסט זײַן לײַב און צופּט און פליקט אויף שטיקער.

עס בלײַבט נאָר רב עקיבא — איינער אין דעם פעלד:
עס לויפט ניט פאַר דעם פײַנד דער אַלטער תנא־העלד!

עס קומט צוגיין דער פײַנד און נעמט דעם גרײַז געפאַנגען;
עס הייסט דער רשע רופוס רײַסן אים מיט צוואַנגען.

דאָך רואיק קוקט דער גרײַז בײַם תליון אין די הענט,
און ווילד און ווילדער אַלץ דעם זיגערס כעס ברענט.

„די ערגסטע שווערסטע מיתה!“ — איז דער רשע גוזר. —
„יהודה׳ס גרעסטן מאַן זאָל זײַן דער סוף וואָס ביזער!“

דאָך מונטער קוקט דער גרײַז; עס רײַסט דער צוואַנג פון אים
קיין איינציק וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ, קיין זיפץ, קיין קרים.

דער תליון בלײַבט דערשטוינט, פאַרוואונדערט בלײַבט דער פײַנט.
דאָך פריילאַך קוקט דער גרײַז און שטראַלט מיט גליק און שײַנט.

און זעלבסט דער רשע רופוס קוקט אים אָן דערשראָקן,
דעם בלוטנד־שטראַלנדן, דעם גרויסן וואונדער־זקן.

„ווער ביסטו, זאָג, ווער ביסטו, שטאָלצער גרײַז־רעבעל?
צי ביסטו אַ מכשף, צי גאָר אַ שד פון העל?“

און מיט אַ מילד־אַנטציקטער, הימליש־העלער מינע,
געלײַטערט אין דעם טויט־שמערץ, לויכטנד ווי די שכינה,

דער תנא טוט אַ בליק, און ווי אַ הייליק־שײַן
עס גיסט זיך שטיל זײַן וואָרט און דרינגט אין האַרץ אַרײַן:

„אַ, שוואַרצן כישוף, רופוס, שוואַרצע שדים־טומאה
געפינסטו ניט אין מיר, געפינסט ניט אין מײַן אומה!

„אַ, ניט גהינום־פײַער, אַ הימליש־זיסע גלוט
דורכפלאַמט מײַן לעצטע שעה, מײַן לעצטן טראָפּן בלוט!

„עס גליט אין מיר דער וואונש, עס פלאַמט אין מיר דאָס שטרעבן,
אין קדושה פאַר מײַן גאָט מײַן נפש אָפּצוגעבן.

„איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצן לעבן לאַנג,
געטרוימט פון אָט דער שעה, פון תליון און פון צוואַנג.

„געוואָלט האָט אָבער גאָט באַלאָדן מיך מיט יאָרן
און מאַכן מיך דעם עדות פון זײַן גרויסן צאָרן.

„איך האָב געזען דעם חורבן אונטער טיטוס'ס האַנט;
„איך האָב געזען דעם מקדש קראַכנדיק אין בראַנד.

„איך האָב מײַן פאָלק געמונטערט, דאָך אין האַרצנס־ברומען
גערופן צו דעם טויט: דער טויט איז ניט געקומען.

„איך האָב געזען אין רוים דעם ווילד־טריאומף און גלאַנץ —
דעם מערדער פון מײַן פאָלק אין פּראַכט און לאָרבער־קראַנץ.

„עס האָבן אַלע זקנים וויסט די הענט פאַרבראָכן;
איך אײנער האָב געשמײכלט, שטאַרק אין מײַן ביטחון.

„איך האָב געזען די חורבות אויף דעם הר־הבית;
איך האָב געזען אין מקדש וואוינען ווילדע חיות.

„עס האָבן אַלע זקנים ביטערלאַך געקלאָגט;
איך אײנער האָב געשמײכלט, טרייסט־ווערטער געזאָגט.

„דאָך האָב איך טיף געפילט אַ קנאה צו די שטײנער,
וואָס ליגן אויסגעמישטע מיט די קדושים'ס בײנער.

„גאָטס ווילן איז געווען — איך האָב געלעבט, געלעבט,
ווען טויזנט טויטן האָבן איבער מיר געשוועבט!

„איך האָב געלעבט צו זען דעם בלוט־מאַרשרוט דעם רויטן,
דעם וועג פון גלות־פאָלק, וואָס רײַסט זיך פון די קייטן.

„איך האָב געלעבט צו זען בר־כוכבא'ן אין זײַן קאַמף,
צו זען מײַן פאָלק גײט אויס אין לעצטן פרײַהייטס־קראַמף!

„איך האָב געערדט צום פאָלק, געוועקט זײַן גלויבן, האָפן,
ווען ענדלאַך האָט מיך דאָ דער תליון אָנגעטראָפן.

„אָ, זײַ געגריסט דו ת ל י ו ן, זײַ געגריסט, דו ליִיד!
איך האָב אויף אײַך געוואַרט, איך נעם אײַך אויף מיט פריִיד!

„אָ, זײַ געגריסט, דו מ י ת ה, זײַ געגריסט, באַשערטע!
איך גיב זיך איבער דיר, געווינשטע און באַגערטע!

„וואָס הער איך? ל ו ו י י ם-קלאַנג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זע איך? ל ב נ ו ן-שניִי? עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט!

„דאָס רופט מען מיך, איך גיי, דערפילט איז מײַן פאַרלאַנגען.
געבענשט זײַ גאָט, א ח ד!"
דער גרייז איז אויסגעגאַנגען.

א. ליעסין.

דער העלד.

אין דיקער פינסטערניש פון נאַכט
האָט זיך געהערט זײַן ק ו ל: „זאָל ווערן טאָג!"
נאָר ס'האָט די פינסטערניש געלאַכט
אים גלײַך אין אויער אַרײַן
און צערײַצט נאָך מער זײַן פּײַן.
און העכער אַלץ און שטאַרקער אַלץ
האָט זיך געטראָגן פון זײַן האַלז
דער ווייטיק פון זײַן פלאָג: „זאָל ווערן טאָג!"
און ס'האָט די שוואַרצע נאַכט
געוויזן אים איר מאַכט
און פעסטער אים געשטיקט.
זײַן בליק געבליצט האָט פײַער-פונקען,
נאָר ס'האָט די נאַכט זיי גלײַך דערטרונקען.
און ער — אין ווײַט האָט נאָר געבליקט
און געדונערט האָט זײַן ק ו ל: „זאָל ווערן טאָג!"
און ווען ער איז פאַרשמאַכט
אוועקגעפאַלן,
האָט אַנגעוואָרן דאַן איר מאַכט די נאַכט.
און ווען פאַרשטומט געוואָרן איז זײַן קלאָג,
באַהעלט די וועלט האָט — טאָג!

י. א. ראַנטש.

פון לעבן.

דער זייגער.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן דרײַצן (13)...

מיינט נישט, אַז איך שפּאַס. איך דערצייל אײַך גאַנץ ערנסט אַ מ ע ש ה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין מאַזעפּעווקע, בײַ אונז אין שטאָט טאַקע, און וואָס איך אַליין בין דערבײַ געווען.

מיר האָבן געהאַט אַ זייגער, אַ וואַנט-זייגער, אַן אַלטן-אַלטן י ר ו ש ה-זייגער פון דעם זיידן נאָך, וואָס דער זיידע האָט אים געהאַט פון'ם עלטער-זיידן, עטלאַכע ד ו ר ו ת כ ס ד ר, נאָך פון פאַר כמעלניצקעס צײַטן. אַן ע ב י ר ה כ'לעבן, וואָס אַ זייגער איז נים קיין לעבעדיקע זאַך, אַ שטומע צונג און קאָן נישט רעדן: ער וואָלט דאָס געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן!... אין שטאָט האָט אונזער זייגער געהאַט אַ ש ם פאַר'ן ערשטן זייגער, „ר ב נ ח ו מ'ס זייגער“. מענשן פלעגן קומען אָנשטעלן אויף אים זייערע זייגערס, וואָרום זײַן גאַנג איז געווען דער א מ ת' ע ר, ריכטיקער גאַנג. איר קענט פאַרשטיין, אַז א פ י ל ו ר ב לייבוש ח ק ר ן, אַ איד אַ פילאָסאָף, וואָס איז געווען קלאָר אין „ש ק י ע ת - ה ח מ ה“ פון דער זון אַליין און איז געווען קלאָר דעם ל ו ח אויף אויסנווייניק, — האָט ער אַליין געזאָגט (איך האָב דאָס געהערט פון זײַן מויל), אַז אונזער זייגער איז... א פ י ל ו קעגן זײַן זייגערל אַ גרויסע שמאַטע, נישט ווערט קיין שמעק טאַביקע; נאָר ווערליק ס'איז פאַראַן זייגערס, איז אונזער זייגער אַ זייגער... און אַז ר ב לייבוש ח ק ר ן אַליין האָט געזאָגט, האָט מען געמעגט שטעלן אויף זײַנע רייד, וואָרום ר ב לייבוש האָט זיך נים געפוילט אַלע מיטוואָך פאַרנאַכט ב י ן מ נ ח ה ל מ ע ר י ב, אַרויפקלעטערן פון אויבן אויף דער ווײַבערשער שול, אָדער אויפ'ן שפּיץ באַרג וואָס לעבן אַלטן ב י ת - ה מ ד ר ש און גוט נאָכקוקן, כאַפּן די מינוט ווען די

זון זעצט זיך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן זייגערל, אין דער אַנדערער האַנט — דעם לוח; און בשעת די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענער זײַט מאַזעפּעווקע, האָט רב לײַבוש געמאַכט צו זיך אַליין: „געכאַפּט!" אָפּטלאָך פלעגט ער קומען צו אונז אויסגלײַכן זיך מיט די זייגערס. אַרײַנגעקומען צו אונז אָן „אַ גוטן אָוונט!", האָט ער נאָר אַ קוק געטאָן אויף אונזער וואַנטזייגער, אויף זײַן זייגערל און אויפ'ן לוח, עטלאַכע מאָל — און נישטאָ מיך.

נאָר איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז רב לײַבוש איז אַרײַנגעקומען צו אונז אויסגלײַכן די זייגערס מיט'ן לוח, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד:

— נחום! גיכער! וואו ביסטו?

דער טאַטע, נישט טויט נישט לעבעדיק, קומט צולויפן.

— האַ, וואָס איז געשען, רב לײַבוש?

— רוצח, דו פרעגסט נאָך? — מאַכט צו אים רב לײַבוש און טראָגט אים אונטער זײַן זייגערל גלײַך אונטער דער נאָז און טוט אים אַ ווײַז אויף אונזער וואַנטזייגער און שרײַט אויס מיט אַזאַ קול, ווי אַ מענש וואָס מען האָט אים אָנגעטראָטן סאַמע אויפ'ן קראַנקן פינגער:

— נחום! וואָס שווײַגסטו? סטײַטש, ער לויפט דאָך אויף אַנדערהאַלבן מינוט, אויף אַנ-דערהאַלבן מינוט! וואַרף אים אַרויס!!

דעם טאַטן פאַרדריסט די מעשה: וואָס הייסט — מע הייסט אים אַרויסוואַרפן דעם זייגער?!

— פון וואַנען — זאָגט ער — איז געדרונגען, רב לײַבוש, אַז מײַן זייגער לויפט אויף אַנדערהאַלבן מינוט? טאָמער וואָלטן מיר געלערנט דעם אײַגענעם פּשט פאַרקערט, אַז אײַער זייגערל גייט אײַנגעהאַלטן אויף אַנדערהאַלבן מינוט? אַ קשיה אויף אַ מעשה?

רב לײַבוש טוט אַ קוק אויפ'ן טאַטן מיט אַזעלכע אויגן, ווי אויף אַ מענשן, וואָס האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז עס קען געמאָלט זײַן דרײַ טאָג ראש-חודש, אָדער אַז ס'איז מעגלאַך, אַז שבעה-עשר-בתמוז זאָל פאַלן אום ערב-פּסח, אָדער כדומה אַזעלכע משונהדיקע ווילדע געדאַנקען, וואָס אַז מען זאָל נאָר וועלן זיך צולאָזן צום הארצן, קאָן מען דעם שלאָג באַקומען!... רב לײַבוש ענטפערט נישט דאָס אַנדערע וואָרט; ער טוט אַ טיפן זיפץ, דרייט זיך אויס אָן אַ „זײַ-געזונט!", טוט אַ זעץ מיט דער טיר און — נישטאָ מיך! נאָר עס מאַכט נישט אויס; רב לײַבושן קען די גאַנצע שטאָט, אַז ער איז אַזאַ איד, וואָס אים געפעלט נישט קיין זאַך אויף

דער וועלט. אויפ'ן בעסטן ח ז ן וועט ער אײַך זאָגן, אז ער איז אַ קאַטשאַן, אַ שײַט האָלץ; און אויפ'ן גלײַכסטן מ ש ל, אַז עס קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. אָט אַזאַ איד איז זיך געווען ר ב לײַבוש ת ק ר ן.

נאָר איך קער זיך אום צוריק צו אונזער זײגער. דאָס איז שוין געווען, זאָג איך אײַך, אײַן מאָל אַ זײגער! זײַן קלינגען האָט מען געהערט אין דער דריטער שטוב: באָם!... באָם!... באָם!... אויף זײַן קלינגען האָט כ מ ע ט אַ האַלבע שטאָט געלעבט: אויפגעשטאַנען צו ס ל י ח ו ת, פרײַטאָג צו דער ח ל ה, ע ר ב - ש ב ת געבענשט ליכט, ש ב ת - צו נאַכטס אָנגעצונדן פײַער, געזאַלצן פלײש ו כ ד ו מ ה נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען ש י י ך צו אידישקײט; ה כ ל ל, אונזער זײגער איז געווען אַ שטאָט-זײגער. ער האָט נעבאַך געדינט זײער, זײער געטרײַ; ער האָט זיך קײנמאָל נישט געפּרואווט שטעלן א פ י ל ו אויף אַ מ ע ת - ל ע ת. ער האָט אויף זײַן לעבן נישט פאַרזוכט דעם ט ע ם, וואָס הײסט אַ זײגערמאַכער. דער טאַטע איז אַלײן געווען איבער אים דער מײַסטער. (ער האָט געהאַט אַ י ד י ע ה אין'ם „ש כ ל הזײגערמאַכערײַ"). אַלע ע ר ב - פ ס ח האָט ער אים פּאַוואָלינקע אַראָפּגענומען פון דער וואַנט, דורכגערײניקט די געדערים מיט אַ פלעדערוויש, אַרויסגענומען פון אינווײניק אַ פּאַק שפּינוועבס מיט גע'מ מ י ת'טע פליגן, וואָס שפּינען האָבן אַהינצו פאַרנאַרט, פאַרפּלאָנטערט און אָפּגעריסן די קעפּלאַך, מיט טויטע טאַראַקאַנעס, וואָס האָבן אַלײן פאַרבלאָנדזשעט אַהין און געהאַט דאָרטן אַ מ י ת ה - מ ש ו נ ה... אויסגערײניקט און אויסגעפּוצט, האָט ער אים אויפגעהאָנגען צוריק אויף דער וואַנט און ער האָט געשײַנט, דאָס הײסט, זײ האָבן בײדע געשײַנט: דער זײגער האָט געשײַנט דורך דעם, וואָס מע האָט אים אויסגעצוואָגן און אויסגעפּוצט, און דער טאַטע האָט געשײַנט, וואָס דער זײגער שײַנט.

ב.

ו י ה י ה י ו ם האָט זיך געטראָפן אַ מ ע ש ה. דאָס איז געווען אײנמאָל אין אַ שײנעם נישט קײן כמאַרנעם טאָג. מיר זײַנען אַלע געזעסן בײַם טיש און געגעסן אָנבײַסן. איטלאַכס מאָל, ווען דער זײגער האָט געשלאָגן, האָב איך ליב געהאַט צו צײלן און ד ו ו ק א אויף אַ ק ו ל:

— אײנס, צווײ, דרײַ... זיבן... עלף, צוועלף, דרײַצן... אוי, דרײַצן!!

— דרייצן? — רופט זיך אָן דער טאַטע און צעלאַכט זיך. — ביסט אַ שיינער ב ע ל ־ ח ש ב ו ן, קיין ע י ן ־ ה ר ע ניט! האָסט אַמאָל געהערט זייגער דרייצן?

— דרייצן, — זאָג איך, — ווי איך בין אַ איד, אַז דרייצן!

— דרייצן פּעטש וועסטו פון מיר כאַפּן! — מאַכט דער טאַטע צו מיר מיט כ ע ס. — זאָלסט דאָס אַנדערע מאָל נישט איבער־ח ז ר׳ ן אַזאַ נאַרישקייט, ג ו י! אַ זייגער ק ע ן נ י ש ט שלאָגן קיין דרייצן!

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר דערציילן, נ ח ו ם? — מישט זיך אַריין די מאַמע אין מיטן. — איך האָב מ ו ר א, אַז דאָס קינד איז גערעכט. מיר דאַכט, אַז איך האָב אויך איבערגעציילט דרייצן.

— שוין! אַט האָסטו דיר די אַנדערע טעג י ו ם ־ ט ו ב! — מאַכט דער טאַטע, און עס ווייזט אויס, אַז ער אַליין פאַלט אויך אַריין אין אַ שטיקל ס פ ק. נאָכ׳ן עסן גייט ער צו צום זייגער, שטעלט זיך אויף אַ בענקל, טוט אַ פאָרקע אינווייניק עפּעס אַ רעדל און דער זייגער הייבט אָן צו קלינגען. מיר אַלע זאָלבאַדריט ציילן, שאָקלען צו ב ש ע ת מ ע ש ה מיט׳ן קאָפּ נאָך יעדן קלונג: „איינס, צוויי, דריי... זיבן... ניין... צוועלף, דרייצן!“

— דרייצן?! — זאָגט דער טאַטע און קוקט אויף אונז ביידן מיט אַזעלכע אויגן, ווי ביי אַ מענשן, וואָס זאָל דערהערן פלוצים, אַז די וואַנט האָט באַקומען ל ש ו ן און רעדט ווערטער. ער טוט נאָכאַמאָל אַ פאָרקע דאָס רעדל און דער זייגער קלינגט ווידער אַמאָל דרייצן! דער טאַטע קריכט אַראָפּ פונ׳ם בענקל מיט אַ זיפץ, בלאַס ווי די וואַנט און בלייבט שטיין אין מיטן שטוב, קוקט אויף דער סטע־ליע, קייט די באָרד און רעדט צו זיך אַליין:

— געשלאָגן דרייצן... וואָס הייסט דאָס?... וואָס זאָל דאָס באַ־טייטן? ער זאָל זיין קאַליע, וואָלט ער זיך געשטעלט... א ל א וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּ ש ט און זאָגן — אַ שפּריזינקעלע?...

— דאַרפסטו זיך ח ק י ר ה ׳ ן אַ שפּריזינקעלע? — זאָגט אים די מאַמע. — אַמער נעמט מען אַראָפּ דעם זייגער און מען מאַכט אים צורעכט, ביסט דאָך עפּעס אַ מייסטער.

— שאַ, א פ ש ר ביסטו אויך גערעכט! — ענטפערט איר דער טאַטע און נעמט אַראָפּ דעם זייגער און פּאָרעט זיך מיט אים; ער שוויצט, האָרעוועט אָפּ אַ גאַנצן טאָג און הענגט אים אויף צוריק אויף זיין אָרט. דאַנקען גאָט, דער זייגער גייט ווי עס געהער צו זיין; און אַז עס קומט אַרום האַלבע נאַכט, שטייען מיר שוין אַלע אַרום אים און ציילן אָפּ צוועלף. דער טאַטע קוועלט.

— האַ? קלינגט שוין ניט קיין דרייצן? אַז איך זאָג אַ שפּריזינקעלע, ווייס איך וואָס איך זאָג.

— איך זאָג שוין לאַנג, אַז דו ביסט אַ ב ר י ה. — מאַכט צו אים די מאַמע. — איך פֿאַרשטיי נאָר ניט איין זאַך: ל מ א י כריפּעט ער? ער פּלעגט, דאַכט מיר, קיינמאָל נישט כריפּען, ווי ער כריפּעט.

— עס ווייזט זיך דיר אויס! — זאָגט דער טאַטע און הערט זיך צו, ווי דער זייגער כריפּעט, ב ש ע ת עס קומט צום קלינגען. ווי אַן אַלטער מאַן, איידער ער באַדאַרף זיך אויסהוסטן, מאַכט ער: כיל-כיל-כיל-טררר... און ערשט נאָכדעם: „באָם!... באָם!... באָם!... און א פ י ל ו דער „באָם“ אַליין איז שוין אויך גאָר נישט דער „באָם“ וואָס פריער; דער פריערדיקער „באָם“ איז געווען אַ פריילאַכער „באָם“, אַ לעבעדיקער, און איצט האָט זיך אַרייננגע׳ג נ ב׳עט אין אים עפּעס אַ מין אומעטיקייט, אַ טרויעריקייט, ווי אין דער שטימע פֿון אַן אַלטן, אויסגעדינטן ח ז ן י ו ם - כ פּ ו ר צו נ ע י ל ה... וואָס ווייטער ווערט דאָס כריפּען גרעסער און דאָס קלינגען שטילער און אומעטיקער, און דער טאַטע ווערט מ ר ה - ש ח ו ר ה׳דיקער; מע זעט, אַז עס קרענקט אים, ער האָט דערפֿון שטילע י ס ו ר י ם, עס עקט זיך אים דאָס ח י ו ת, און ער קען דערצו גאָר ניט העלפֿן. עס דאַכט זיך, אַז אָט-אָט וועט זיך דער זייגער גאָר אין גאַנצן אַנידערשטעלן; דער אומרו הייבט אָן צו מאַכן עפּעס מ י א ו ס ׳ ע ת נ ו ע ו ת, שיטערע גענג, ער הוידעט זיך אין אַ זייט, פֿאַרטשעפּעט זיך אַלע מאָל, ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס עס שלעפּט זיך אים נאָך אַ פֿוס. מע זעט, אַז דער זייגער פֿאַרקאַטשעט זיך אַנידערצושטעלן זיך אויף ת מ י ד, אויף אייביק! אַ גליק, וואָס דער טאַטע קוקט זיך אַרום באַצייטנס און פֿאַרשטייט, אַז דער זייגער איז דאָ נעבאַך גאָט די נ ש מ ה שולדיק; שולדיק איז די וואָג: ווינציק וואָג! און ער טשעפּעט צו צו דער וואָג דאָס אויבערשטע פֿונ׳ם שטייסל (אַ מ ש א פֿון אַ פּאָר פֿונט). דער זייגער גייט אַוועק ווי אַ מ ז מ ו ר, און דער טאַטע ווערט פֿריילאַך, אַ נייער מענש.

ווי אַ גוטער דאָקטער אַ מ ו מ ח ה, וואָס איז זיך מ פ ק י ר פֿונ׳ם ח ו ל ה ׳ ס וועגן, ווענדט אָן אַלע כ ו ח ו ת, טראַכט צו וואו ס׳איז פֿאַראַן אַ מיטל אויף דער וועלט, כ ד י צו ראַטעווען דעם קראַנקן, נישט לאָזן אים שטאַרבן, אַזוי האָט זיך דער טאַטע גענומען ראַטעווען דעם אַלטן זייגער מיט אַלע מעגלאַכקייטן.

— ווינציק וואָג, ווינציק ח י ו ת! — זאָגט דער טאַטע און הענגט אָן אויף דער וואָג אַלע מאָל נאָך און נאָך מ ש א: פֿריער אַן אייזערנע סקאָווערדע, נאָכדעם אַ קופּערנע קוואָרט, שפּעטער אַ

פרעסל אן אײַזערנס, אַ זעקעלע זאַמד, אַ פּאָד ציגל, — דער זײַגער ציט דערפון אַלע מאָל פריש חיות און גײַט, מיט צרות טאַקע, מיט אַנגסטן, נאָר ער גײַט. ביז עס האָט זיך געטראָפן אײן מאָל בײַנאַכט אַ גרויס אומגליק.

ג.

דאָס איז געווען ווינטער, פרײַטאָג צונאַכטס. מיר האָבן אָפּגע־געסן די שבת׳דיקע וועטשערע: די געשמאַקע געפעפערטע פיש מיט כרײַן, די הײסע יויך מיט לאָקשן, דעם פלומענצימעס, און אָפּגע־בענטשט, ווי עס געהער צו זײַן. די שבת׳דיקע בענשליכט האָבן נאָך געצאַנקט. די דינסט האָט דערלאַנגט פונ׳ם אויוון פרישע, וואַ־רימע, גוט אויסגעטריקנטע סעמעטשקעס, און עס קומט אַרײַן די מומע יענטע, אַ שוואַרץ־ח נ׳עוודיק ווײַבל אָן צײַן.

— גוט שבת! — זאָגט די מומע יענטע. — איך האָב געוואוסט, אַז ס׳איז בײַ אײַך דאָ פרישע סעמעטשקעס; דער חיסרון, וואָס ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו קנאַקן. ווי געפעלט דיר, מלכה, די הײַנטיקע פיש, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ זײ? איך פרעג אים, מנשה, דעם פּיליער, וואָס אַזאַ יקרות אויף אײַך? שפּרינגט אונטער שר־ה־פּערל די נגידית: „גיט מיר, גיכער, וועגט מיר אָפּ אָט דאָס העכטל!“ „וואָס אַזאַ היץ אויף אײַך? — זאָג איך. — דער טײַך ברענט ניט, און מנשה וועט צוריק די פיש ניט פירן; בײַ די נגידים, זאָג איך, איז אַ פּנים געלט וואָלוול און שכל טײַער?“... גײַט זי דאָך מסתמא און עפנט אויף מיר אַ מויל: „קבצנים, זאָגט זי, האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן... אַן אָרימאַן, זאָגט זי, טאָר זיך נישט גלוסטן“... וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ הולטײַקע?

די ליכט הײבן אָן אויסגײן. דער שאָטן אויף די ווענט קלעטערט, דראַפּעט זיך העכער און העכער. די סעמעטשקעס טרישטשען, דער עולם שמועסט, דערצײלט מעשות, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אײנע צו דער אַנדערער געהער זיך ניט אָן. נאָך מער פון אַלע רעדט די מומע יענטע.

— שאַ! — רופט זיך אָן די מומע יענטע. — למאי אָט האָט זיך ניט לאַנג געטראָפן נאָך אַ שענערע מעשה. ניט ווײַט פון יאַמפּעלע, אַ ווערסט דרײַ, זײַנען גזלנים באַפאַלן אַ אידישע קרעטשמע, אויסגעקוילעט אַ גאַנצע שטוב מיט מענשן, אַ פּיצעלע קינד אין וויגעלע אויך געקוילעט, איבערגעלאָזט נאָר אײן דינסט־מײדל, וואָס איז געשלאָפן אין קיך אויפ׳ן אויוון. זי האָט דערהערט—

מע שרײַט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען, דאָס דינסטמײדל, פֿונ׳ם אויוון. זי טוט אַ קוק דורך דער שפּאַרינע פֿון דער טיר, זעט זי, דאָס דינסט־מײדל, עס ליגט אויף דער ערד דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע גענקוילעטע, און בלוט אַ גאַנצער טײַך. איז זי זיך מישב, דאָס דינסטמײדל, און שפּרינגט אַרויס דורך אַ פֿענס־טער, און לויפֿט אַוועק גלײַך אין שטאָט אַרײַן מיט אַ גוואַלד: „אידי־שע קינדער, ראַטעוועט, גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!!!“...

פּלוצים, אַזוי ווי די מומע יענטע גוואַלדעוועט דאָ, הערן מיר: טררראַך — טאַ־ראַראַך — באָם — דזין — דזין — באָם!... פֿאַר־טיפֿט אין דער מעשה, האָבן מיר גאָר געמײנט, אַז גזלנים זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף אונזער שטוב און האָבן אויסגעשאָסן פֿון צען האַרמאַטן, אָדער ס׳איז אײַנגעפֿאַלן דער דאַך, אָדער ס׳איז ערד־ציט־טערניש, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק געשען. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט רירן פֿון די ערטער; אַ מינוט האָבן מיר געקוקט אײנס אויף דאָס אַנדערע אָן ווערטער און אַלע מיט אַמאָל האָבן מיר אָנגעהויבן צו שרײַען: גוואַלד! גוואַלד! — פֿון גרויס אימפּעט כאַפּט מיך די מאַמע אַרום, קוועטשט מיך צו צום האַרצן און שרײַט:

— מײַן קינד, מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר, ווי איז מיר!

— האַ? וואָס? וואָס איז אים? וואָס איז געשען? — שרײַט דער טאַטע.

— גאָר נישט, גאָר נישט! שאַ, שאַ! — שרײַט די מומע יענטע און מאַכט מיט די הענט; און דאָס דינסטמײדל לויפֿט אַרײַן פֿון קיך אַ טויטע.

— ווער שרײַט דאָ? וואָס איז? עס ברענט? וואו ברענט? וואו?

— ווער ברענט! וואָס ברענט? — שרײַט די מומע יענטע אויפֿ׳ן דינסטמײדל. — אָט איז זי אויך דאָ, טאָמער איז קאַרג! נאָ דיר גאָר סע ברענט! האָסטו געהערט אַן אַנטיק! וואָס שרײַט איר, וועלכע גוטע יאָר? וואָס גוואַלדעוועט איר? טפֿו אויף מײַנע שונאימ׳ס קעפּ! מע האָט זיך דאָס אַביסל איבערגעשראָקן! טאָמער ווײסט איר וואָס? פֿאַר אַ קלאַפּ! ניטאָ פֿון וועמען צו לאַכן! גאָט איז מיט אײַך: דאָס איז דער זײגער, דער זײגער אַראָפּגעפֿאַלן. הײַנט ווײסט איר שוין? מע האָט אָנגעהאַנגען אויפֿ׳ן זײגער פֿון כּל מאַמינים שהוא, דרײַ פֿוד משא, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן. וואָס איז דער חידוש? להבדיל אַ מענטש וואָלט אויך ניט בעסער געווען! האָסטו געהערט אַביסל?

ערשט דעמאָלט קומען מיר צו זיך. אויפֿגעשטאַנען אײנציקווײַז פֿונ׳ם טיש, גײען מיר צו צום זײגער און באַטראַכטן אים, ווי ער ליגט

נעבאך מיט'ן פ נ י ם אראפ, א דער'הרג'עטער, א צעבראכענער, א צעשאטענער, א סקאליעטשעטער אויף אייביק!

— אוים זייגער! — מאכט דער טאטע, טויט ווי די וואנט, אראפ־געלאזט דעם קאפ, ווי ב ש ע ת מע גייט צו א מ ת, צו א ב ר־מ י נ ן; ער ברעכט די הענט און טרערן שטייען אים אין די אויגן. איך קוק אויפ'ן טאטן; עס גלוסט זיך מיר וויינען.

— שא, זע נאר, וואס דארף מען זיך אזוי אפעסן דאס הארץ? — זאגט די מאמע. — מ ס ת מ א אזוי באשערט, אז היינט אין דער דאזיקער מינוט באדארף זיין דער ס ו ף זייגער, ווי ל ה ב ד י ל א מענש. א כ פ ר ה פאר מיר, פאר דיר, פאר אונזערע קינדער, פאר אלע אונזערע ליבע און געטריישע און פאר כ ל י ש ר א ל, א מ ן ס ל ה...

א גאנצע נאכט האבן זיך מיר געפלאנטערט זייגערס. עס האט זיך מיר פארגעשטעלט — אונזער אלטער זייגער ליגט אויף דער ערד, אנגעטאן אין ווייסע ת כ ר י כ י ם. עס האט זיך מיר פארגע־שטעלט, אז דער זייגער לעבט, נאר אויפ'ן ארט פונ'ם אומרו ווארפט זיך הין און צוריק א לאנגע צונג, א צונג פון א מענשן; און דער זיי־גער קלינגט ניט, נאר ער קרעכצט, און איטלאכער קרעכץ נעמט ביי מיר צו א שטיק געזונט... און אויפ'ן ציפערבלאט, דארט וואו איך בין געוואוינט צו זען ת מ י ד דעם XII, דערזע איך מיט אמאל א ציפער XIII, טאקע דרייצן — איר מעגט מיר גלויבן אויף נ א מ נ ו ת!...

שלום־עליכם.

מ יי ן ע ר ש ט ע ר ד ע פ א ז י ט.

איך ווייס ניט, ווי אזוי דאס איז געשען. ווי אזוי ס'איז מיר גאר איינגעפאלן אזא געדאנק — צו נעמען מיינע בלוטיקע געלדער און זיי אנגעטרויען א באנק! אבער עס איז געשען. מ ו צ א י ־ ח נ ו כ ה פון היינטיקן יאר האב איך גענומען מיינע שווער פארהארעוועטע געלדער — מיינע צוואנציק דאלער — און זיי אוועקגעטראגן אין באנק אריין, און אנשטאט געלט, לעבעדיק געלט, וואס מען קאן דער־מיט קויפן, וואס מען וויל, האב איך געקראגן עפעס א גרין ביכעלע צו־נויפגעלייגט אין א געל קאנווערטל, און — דאס אלץ. אז איך האב

דאָס דערזען, איז מיר איינגעפאַלן ס׳האַרץ, און איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן ענין.

ערשטנס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן דאָס בחור׳ל וואָס שטייט ביים פענסטערל און נעמט צו ס׳געלט. אַ יונג בחור׳ל, נישט קיין פאַרהייראַטס. וואָס טו איך אים, אַז ער נעמט צו ס׳געלט און אַנטלויפט? און צווייטנס, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, ווי אַזוי ער האָט מיך באַהאַנדלט: צוגענומען ס׳געלט, אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אַ ביכעלע, אַריינגעשריבן דאָרטן וואָס-נישט איז, דערלאַנגט דערמיט אַ קנאַק אויפ׳ן פענסטערל און אַ זונג געטאָן: „נעקסט!“...

אַזוי גיך ווי איך האָב געקראָגן ס׳ביכעלע, האָב איך אַ קוק געטאָן אינווייניק און... ס׳איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן וואו איך האָב געהאַט אַ טראָפּן בלוט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געשריפטס? און ווי אַזוי וועט ער עס קאָנען איבערלייענען? און פון וואַנעט ווייס ער, אַז עס מאַכט צוואַנציק?... „עי!“ — האָב איך געטראַכט. — „עפּעס געפעלט מיר ניט דער גאַנצער עסק!“... און איך בין צוגעלאָפן צום פענסטערל, אָוועקגעשטופּט דעם אידן, וואָס איז געשטאַנען אין ליין, און אַריינגעשריגן צו דעם בחור׳ל דאָרטן אינווייניק: „העי!“ — האָב איך אים אַריינגעשריגן. — „איך האָב אייך אָקאָרשט אָוועקגעגעבן צוואַנציק דאָלער!“

— וואָס-זשע ווילט איר?“ — מאַכט צו מיר דאָס קאַסירערל און פאַרשניצט זיך אַ בלייפעדער.

— איך וויל, אַז איר זאָלט ניט זיין אַזאַ עזות-פנים! — זאָג איך.

מאַכט ער צו מיר: „מיסטער, וואָס ווילט איר? איך האָב אייך געגעבן אַ ביכל? דאַצאָל!“

— איצע נאָך! — זאָג איך. — איך וויל מיט דיר מער ניט רעדן, דו בלוטזויגער — זאָג איך — וואָס דו ביסט. איך זע שוין, — זאָג איך, — אַז איך בין דאָ אַריינגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט. גיב מיר צוריק — זאָג איך — ס׳געלט און לאָמיר — זאָג איך — זיין אוים מחותנים.

מאַכט ער צו מיר: „צימפּאָסיבל!“

זאָג איך: איך וועל דיר באַלד געבן אַ צימפּאָסיבל, אַז דער גוטער יאָר וועט דיך צונעמען. שווינדלער — זאָג איך — וואָס דו ביסט. מיט מיר — זאָג איך — וועסטו ניט מאַכן אַזעלכע שטיק. גיב אַהער דאָס געלט, — זאָג איך, — אײַדער — זאָג איך — איך רוף פּאָליציייסקע און אײַדער — זאָג איך — איך שריי גוואַלד. ג׳וו-אַל-ד! — צעשריי איך זיך אויפ׳ן קול — ג׳וו-אַ-ל-ד!

דערהערט, אַז איך שרײַ גוואַלד, איז ער שוין געוואָרן אַ ביסל ווײכער — דער ב ח ו ר — און מיר גענומען געבן צו פֿאַרשטײן, אַז איצט קאָן ער מיר ניט צוריקגעבן ס׳געלט, אַז איך מוז וואַרטן צוויי וואָכן.

זאָג איך: אויב אַזוי, טאָ לײענט זשע מיר איבער, וואָס איר האָט אַרײַנגעשריבן אין ביכעלע. לאָמיך זען, — זאָג איך, — צי איר ווײסט, וואָס איר האָט דאָרטן אַרײַנגעשריבן. עפּעס — זאָג איך — האָט איר עס מיר געמאַכט צו שנעל. עס גלויבט זיך מיר ניט, — זאָג איך, — אַז מען זאָל אַזוי גיך קענען פֿאַרשרײַבן אַזויפֿיל געלט.

נעמט ער בײַ מיר צו דאָס ביכעלע און לײענט איבער: צוואַנציק טולער.

זאָג איך: אָלרײַט. געדענקט זשע! ס׳איז צוואַנציק טולער! און זאָלן די אידן, — זאָג איך, — וואָס שטײען לעם פֿענסטערל, זײַן ע ד ו ת. אידן! — זאָג איך, — זײַט ע ד ו ת, אַז איך האָב דאָ אין באַנק צוויי קנאַקנדיקע צענערלאַך!

און איך גײ אַהײם מיט׳ן ביכעלע.

מ י ל א, פֿאַרשטײט זיך, אַז פֿון שלאָפֿן איז געווען אָפּגערעדט; אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר גע׳ח ל ו מ׳ט, אַז רויבער זײַנען באַפֿאַלן די באַנק און אויסגערויבט וואו אַ פּעני. עטלאַכע מאָל דורך דער נאַכט האָב איך זיך אויפֿגעוועקט און געשריען גוואַלד. און אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, האָב איך די ערשטע זאַך געכאַפּט די קאַר און אַוועקגעלאָפֿן צו דער באַנק.

זי איז געווען גאַנץ, ניט אויסגערויבט. אַ שטײן איז מיר אַראָפּ פֿון האַרץ.

נאָר אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען בײַ דער באַנק און באַטראַכט דאָס פֿענסטער, איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז די גראַטקעס זײַנען צו שוואַך, און אַז מען דאַרף האָבן נײַע גראַטקעס.

בין איך שוין אַזוי געשטאַנען מיט׳ן לאַנטש־קעסטל אין האַנט און געוואַרט, ביז דער פּרעזידענט פֿון באַנק וועט אָנקומען.

אַז דער פּרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך אים פֿאַרנומען אָן אַ זײַט און אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן נײַע גראַטקעס פֿאַר דער באַנק און נאָך מײַן מײנונג — זאָג איך — איז די גאַנצע געבײַדע אַ שוואַכע און מען דאַרף זי איבערבויען. מען דאַרף זען — זאָג איך, — די גאַנצע געבײַדע זאָל זײַן פֿון סאַמע מערמלשטײן, ווײל מערמלשטײן — זאָג איך — איז האַרט.

מאַכט ער צו מיר: אָלרײַט. איך דאַנק אײַך פֿאַר דער ע צ ה.

זאָג איך: געדענקט זשע, ל מ ע " ה ! אַ נײַע געבײַדע פֿון

מערמלשטײַן! און נײַע גראַטקעס... און סע זאָל זײַן — זאָג איך — גוט באַוואָרנט... איך בין עקסטרע — זאָג איך — געקומען צולויפן פון בראָנזוויל, ווײַל ס'האָט זיך מיר — זאָג איך — געחלומט, אַז מען האָט אונז באַגנבֿעט...

און איך לויף אַוועק צו דער אַרבעט.

פאַרנאַכט, אַז איך דאַרף אַהײמפאָרן, טראַכט איך: איכ'ל פאַרבײַגײן די באַנק, זען, וואָס סע הערט זיך. מען קען קײנמאָל ניט וויסן, — טראַכט איך, — ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך. ס'אַמעריקע! — טראַכט איך.

איך קום אַזוי צו דער באַנק און גיב אַ קוק, זע איך: עפּעס אַ איד פליט אַרויס פון דער באַנק און — הײבט אָן לויפן.

הײב איך אָן שרײַען „גוואַלד!" און — איך לויף אים נאָך... אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אַ פּאָליסמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט. און וואָס, מײנט איר, האָט זיך אַרויסגעוויזן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איד איז אָנגעשטעלט אין באַנק, און ער איז געלאָפן כאַפּן אַ קאַר, ווײַל די ווײַב איז אים קראַנק געוואָרן.

האָב איך מיך אַ קאַפּעלע פאַרשעמט און אַהײם געפאָרן.

אָבער שלאָפן האָב איך ווידער ניט געקענט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס קאַסירערל, וואָס האָט מיר געגעבן ס'ביכל, האַלט אין דער האַנט אַ זעקל מיט געלט און לויפט, און איך נאָך אים... און איך האָב ווידער עטלאַכע מאָל געשריען גוואַלד פון שלאָף און געוואָרפן מיט די הענט, און שיר ניט דער'הרג'עט די בײביבי...

צומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו אַ לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט גראַד אַנטקעגן דער באַנק, און איך האָב אים צוגעזאָגט דרײַסיק פּראָצענט פון דעם פּאַרלוסט, אַבי ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף דער באַנק און ער זאָל זי היטן.

„היט! — האָב איך געבעטן. — זײַ און היט! לאָז ניט אַראָפּ — זאָג איך — אַן אויג פון דער באַנק, און אַזוי גיך, — זאָג איך, — ווי גאָט וועט מיר העלפן, אַז די צוויי וואָכן וועלן בשלום אַריבער, כאַפּ איך גלײַך אַרויס — זאָג איך — די צוואַנציק טולער, און לאָזן זיך — זאָג איך — אָנצינדן אַלע בענק. מער — זאָג איך — טרעט איך דאַרט ניט אַריבער די שוועל!"

דערווײַל גײען אַוועק נאָך צוויי טעג; לײען איך אין די פּײפּערס, אַז מען האָט באַגנבֿעט אַ באַנק, ערגעץ אין די בראָנקס. לויף איך אַוועק צום פּרעזידענט פון מײַן באַנק און זאָג אים:

— ס'איז ביטער!

מאַכט ער צו מיר: „וואָס איז דער מער?"

זאָג איך: „מען האָט באַ'ג נ ב'עט!"

זאָגט ער: ביי מיר וועט מען ניט ג נ ב'ענען! מיין באַנק איז באַוואָרנט."

זאָג איך: „נו, און וואָס טוט איר, ל מ ש ל, אַז אַיער קאַסירערל כאַפּט דאָס געלט און אַנטלויפט?"

זאָגט ער: „מיסטער, איר ווייסט ניט, וואָס איר רעדט!"

זאָג איך: „נו, מ י ל א... ווייס איך ניט, וואָס איך רעד... ס'איז מיר ניט געלעגן... אָבער נייע גראַטעס האָט איר געמאַכט?..."

זאָגט ער: „ניין!"

זאָג איך: „נו, און די געביידע האָט איר איבערגעבויט, צי אויך ניט?"

מאַכט ער: „פּליז, הערט אויף באַדערן."

זאָג איך: „אויב איר האָט ניט געמאַכט קיין נייע גראַטקעס, און די געביידע ניט איבערגעבויט, און דאָס שיינע קאַסירערל אייערס האָט איר ניט אָפּגעשאַפט, טאָ גיט זשע מיר אַהער — זאָג איך — דאָס געלט!"

זאָגט ער: „איר מוזט וואַרטן, ביז עס וועט זיין פולע צוויי וואָכן."

זאָג איך: „אָלרייט. איך וועל וואַרטן. אָבער ווייסט איר, וואו איך וועל וואַרטן? אָט דאָ אין דרויסן, פאַר דער באַנק, וועל איך וואַרטן. איר וועט ביי מיר — זאָג איך — קייען די ערד, און קיין סאַטיספעקשן — זאָג איך — וועט איר ביי מיר ניט אויספירן. איך זאָל אַ פ י ל ו ווּיסן, אַז מיינע קינדער זאָלן בלייבן אָן אַ טאַטן, וועל איך מיך ניט רירן פון דרויסן, ביז וואַנען איך וועל ניט האָבן צוריק ס'געלט. איכ'ל ניט איבערלאָזן — זאָג איך — די באַנק אויף ה פ ק ר. איך — זאָג איך — וועל היטן און מיין לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט קעגנאיבער, וועט היטן... ס'עט זיך טאָן — זאָג איך — ח ו ש ך! אָט אַזאַ מין איד בין איך!... איכ'ל דאָ שטיין אין דרויסן— זאָג איך — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיך זען, — זאָג איך, — טוט מיר עפּעס. דו מי סאַמטינג."

מאַכט ער צו מיר: „איר זייט אַ מאָדנער מענש; קומט אַראָפּ מיט מיר אונטן אין באַנק, וועל איך אייך היייסן אויסצאָלן — זאָגט ער — אייערע צוואַנציק דאָלער."

זאָג איך: „נאָ, סער! אַזעלכע מאַנקי־ביזנעס גייען ביי מיר ניט, און ווייל — זאָג איך — איר ווילט מיר צוריקגעבן ס'געלט, וויל איך

עם ד ו ק א ניט נעמען. איר קענט מיך — זאָג איך — ניט צווינגען דערצו“...

זאָגט ער: „אָלרייט, נעמט ניט אַרויס ס׳געלט.“

זאָג איך: „נעווערמייַנד, „נעמט ניט אַרויס ס׳געלט“, אַז איכ׳ל וועלן, וועל איך אַרויסנעמען.“

זאָגט ער: „פּליז, גייט אַרויס און הערט אויף נודיען!“

זאָג איך: „אָלרייט, איך גיי, אָבער איכ׳ל שטיין אין דרויסן. אין די גרויסע פּרעסט וועל איך שטיין אין דרויסן און היטן מייַנע געלדער. און מייַן אומשולדיק בלוט — זאָג איך — און דאָס בלוט פון מייַנע אומשולדיקע י ת ו מ י ם וועט פאַלן — זאָג איך — אויף אייַערע קעפּ. באַנדיטן — זאָג איך — וואָס איר זייַט! דער לעקטרי-טשער — זאָג איך — איז פאַר אייַך ווייניק... היצעל! מערדער! גוואַלד!“

און איך נעם שרייַען מיט אַלע כ ו ח ו ת.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ס ו ף איז געווען, אַז מען האָט מיר אָפּגעגעבן די צוואַנציק דאָלער, און ווען איך בין אַהיים געגאַנגען פון דער באַנק, האָט מען זיי בייַ מיר אַרויסגע׳ג נ ב׳עט פון קעשענע.

און פון דעמאָלט אָן (אַזוי ענדיקט דער איד, וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע) פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געגעבן אַ ש ב ו ע ה, אַז מייַן פוס זאָל ניט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. ס׳איז רעגעלע באַנדיטן איז דאָס! קעשענע-ג נ ב י ם! לאָזן זיי זיך אָנצינדן!

משה נאַדיר.

אַ פּ י ק נ י ק.

1.

דאָס איז געווען אַ ש ב ת אין די לעצטע טעג פון אויגוסט. ש מ ו א ל איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט און האָט געזאָגט צו זייַן ווייַב:

— ש ר ה לעבן!

— וואָס מייַן מאַן? — האָט ש ר ה געפרעגט.

— איך וואָלט זיך וועלן עפּעס פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן. — האָט ש מ ו א ל געענטפערט עפּעס ווי האַלב דערשראָקן.

— וואָס איז? דו ווילסט מאָרגן אין אַ וואַנע גיין? — האָט ש ר ה ווידער געפרעגט.

— עט! וואָס איז די וואַנעס!

— נו, וואָס דען? אַביסעל אײַז־וואַסער צו סאָפּער ווילסטו דער־קאַזען?

— אויך ניט.

— אַ סיפאָן נעמען?

ש מ ו א ל האָט געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ: ניין.

— וואָס דען־זשע? — האָט ש ר ה געפרעגט האַלב פאַרוואונ־דערט. — אַ פיינטל ביר אַ פ ש ר ברענגען?

— וואָס איז ביר?

— אויפ׳ן רוף שלאָפן?

— ניט דאָס.

— נו, וואָס דען, אַ טעלערל פון הימל, פויגל־מילך? — האָט שוין ש ר ה בייז געזאָגט. — וואָס האָט שוין דער קאָפּ דיינער אויסגע־טראַכט? זאָג!

און ש מ ו א ל זאָגט:

— ש ר ה, דו ווייסט דאָך, אַז מיר באַלאַנגען צו אַ לאָדזש.

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסן? — קוקט אים ש ר ה אָן האַלב פאַרוואונדערט און האַלב דערשראָקן. — איך ווייס שוין גוט, אַז דו האָסט פאַרטראַכטאָגן אָפּגעריסן זיך אָן א ב ר און אָוועקגעשלעפּט אַהין אַ טאָלער. נו, וואָס, מען דאַרף שוין ווידער געלט האָבן?

— נאָך עפּעס?

— טאָ וואָס דען־זשע?

— איך וואָלט וועלן, ש ר ה, — זאָגט ש מ ו א ל, — אַז מיר זאָלן פאָרן אויפ׳ן פּיקניק.

— מער ווי פּיקניקעס, ש מ ו א ל׳קע, — שרייט ש ר ה, — פעלט דיר שוין ניט?

— מיר אַרבעטן, פּראַצעווען — רעדט ש מ ו א ל — אַ גאַנצן יאָר. מער ווי געשמאָלצענע צ ר ו ת זעט מען אין די אויגן ניט... ווייסן מיר דען פון אַ לעבן? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָבן מיר?

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? — זאָגט שוין ש ר ה שטילער אַביסל.

— דער זומער וועט באַלד אַריבער און מיר האָבן א פ י ל ו אַ גרין גרעזל אין די אויגן ניט געזען; מיר זיצן דאָ טאָג אַזוי ווי נאַכט און שוויצן אין דעם ח ו ש ך.

— אָך, אָך, אָך! — זיפצט ש ר ה... און ש מ ו א ל רעדט מיט אַ העכערן ק ו ל:

— לאָמיר פאָרן, ש ר ה, לאָמיר עפּעס אַ ה נ א ה האָבן

פון לעבן; זאָלן אונזערע קינדער פאַרזוכן אביסל פרישע לופט; לאָמיר כאַטש איין מינוט אויסלופטערן די אויגן.

— וואָס דאַרף דאָס קאָסטן? — פרעגט פּלוצלונג ש ר ה.
און ש מ ו א ל גיט באַלד אַ ריכטיקן רעכענונג:

— אַ פאַמיליע-טיקעט קאָסט בלויז 30 סענט; פאַר יאָסעלען, פאַר ריוועלען, פאַר ח נ ה'צקען, פאַר בערעלען, פאַר רייזעלען, און פאַר דאַלעטשקען דאַרף מען דאָך קיין קאַר-געלט ניט צאָלן. וואָס דען פאַר מיר און פאַר דיר צוויי סענט אַהין און צוויי סענט צוריק — האָבן מיר פופציק סענט. ווייטער רעכן איך, אַז ביי דרייסיק סענט דאַרף קאָסטן אויף צו נעמען מיט זיך צו קוויקן זיך: אַ פיין-עפּל אַ צוגע-לעגענע קאָן מען קריגן פאַר פינף סענט, עטלאַכע באַנאַנעס, אַ שטיקל וואָטער-מעלאָן, אַ באַטעלע מילך פאַר די קינדער, אַ פאָר זעמעלאַך... אַן ע ר ך פון אכציק סענט דאַרף דאָס קאָסטן דער פאַרגעניגן.

— אַכציק סענט! — האָט ש ר ה אַ פאַטש געגעבן מיט די הענט. — אַכציק סענט! פאַר אַכציק סענט קען מען דאָך צוויי טעג לעבן! אויף אַכציק סענט דאַרפסטו כ מ ע ט אַ טאָג האָרעווען. אַכציק סענט? פאַר אַכציק סענט קאָן מען קויפן אַ צוגעניצטן איינ-באַקס. פאַר אַכציק סענט קענסטו זיך קויפן אַ פאָר נייע הויזן, אַכציק סענט!...

— גענוג דיר שוין מ ש ו ג ע ת! — האָט איר ש מ ו א ל איבערגעשלאָגן. — מיט אַכציק סענט וועלן מיר דעם ד ל ו ת ניט פאַרשטאָפּן, ווי מיט זיי, אַזוי אָן זיי. אָבער מען מוז כאַטש איין טאָג אין יאָר לעבן ווי אַ מענש. ש ר ה, לאָמיר פאָרן; מיר וועלן זען, ווי לייט פאַרברענגען... וועסט זיך אַביסל דורכפאָרן, וועסט זען אַ וועלט. נו, זאָג, ש ר ה, האָבן דיינע אויגן ווען עס איז געזען אַ רעכטע זאַך דאָ אין אַמעריקע? דו ווייסט פון אַ ברוקלין ברידזש, פון אַ סענטראַל פאַרק?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — שלאָגט אים איבער ש ר ה.— איך האָב דען צייט אַרומצוגיין?! מער אַז פון דאַנען אין ח ז י ר-מאַרק ווייס איך טאַקע דעם וועג ניט.

— און וואָס מיינסטו, — רופט זיך אָפּ ש מ ו א ל, — איך וואָלט אויך געוועזן 'אַזאַ גרינהאָרן ווי דו, ווען איך וואָלט ניט געדאַרפט טרייען וועגן אַרבעט. איצט ב"ה ווייס איך שוין, אַז אַמעריקע איז אַ גרויסע מ ד י נ ה. די סלעק-טיים, ניט היינט געדאַכט, האָט מיר באַוויזן, וואו עס געפינט זיך אַן אַכטע סטריט, אַ הונדערט און דריי-סיקסטע סטריט מיט אַ בלעך-פעקטאָרי, אַ פיר און אַכציקסטע סטריט מיט אַ מעש-פעקטאָרי. איך ווייס שוין יעדעס געסעלע אַרום די

„וואלד בילדינג". איך ווייס, וואו די קייבל־קאר סטאפּט... אָבער דו, מיין ווייב, ווייסט דאָך פון גאָרנישט, ביסט דאָך ווי אַט ערשט פון שיף אַראָפּ... לאָמיר האָפן, ש ר ה ! דיך וועט דאָס א ס ו ר פאַר־דריסן.

— איך ווייס, — זאָגט ש ר ה, שוין מיט אַ שמייכל, — זאָל מען פאָרן...

און אַזוי האָט ש מ ו א ל מיט זיין ווייבל באַשלאָסן מאָרגן צו פאָרן צום פּיקניק פון לאַדזש.

2.

אויף מאָרגן פרי איז מען ביי ש מ ו א ל ׳ ן אויפגעשטאַנען פיל פריער, ווי אַ געוויינלאַכן זונטאָג. שוין גאַנץ פרי איז דאָרטן געווען אַ מ ה ו מ ה : ש ר ה מיט׳ן מאַן האָבן אָן ר ח מ נ ו ת געריייניקט זייערע קינדער. ש ר ה האָט געמאַכט אַ וואַנע דער דאַלעטשקען, און די דאַלע האָט געשריען אויף וואָס די וועלט שטייט. ש מ ו א ל האָט גענומען יאַסעלען אויסוואַשן די פּיסלאַך, אָבער מ ח מ ת יאַסעלע פלעגט שטענדיק אַרומלויפן אַ באָרוועסער, איז געווען אוממעגלאַך צו דערגייין אַ גרונט, און ש מ ו א ל האָט גע־נומען יאַסעלעס פּיסלאַך און אַריינגעשטעלט אין אַ בעקן מיט וואַסער ווייקן זיך... און יאַסעלע האָט געשריען... ערשט אַזייגער צוועלף זיי־נען שוין געווען די קינדערלאַך פיקס און פאַרטיק צום פאָרן, און ש ר ה האָט זיך גענומען פאַר איר מאַן: פאַרריכט די הויזן, אויסגע־ריבן די פלעקן פון דעם רעקל מיט קעראָסין, איינגענייט קנעפּלאַך אין וועסט. נאָכדעם האָט זי זיך אַליין צוגעקליבן: אָנגעטאָן די הײמישע אַטלעסענע ח ו פ ה־קלייד... אַזייגער צוויי האָט זיך ש מ ו א ל׳ס געזינדל ב ש ל ו ם אין וועג גערירט. מען האָט זיך געזעצט אין קאַר.

— גאָר נישט פאַרגעסן ? — האָט ש ר ה געפרעגט.

ש מ ו א ל האָט באַלד איבערגעציילט זיין ביסל בלוט און האָט באַלד געזאָגט:

— גאָר נישט, ש ר ה !

די דאַלעטשקע איז אַנטשלאָפן געוואָרן. די קינדערלאַך זיינען גע־זעסן גאַנץ רואיק. ש ר ה האָט אויך געכאַפּט אַ לייכטן דרעמל, אַזאַ דרעמל, ווי מען כאַפּט ב ע ת מען הערט אַ רעדנער, און עס ווילט זיך שלאָפן. זי איז געווען זייער מיד פון צוגרייטן זיך צום וועג. אַלץ איז געגאַנגען רואיק און שטיל, ביז מען איז אַריינגעפאָרן טיף „אַפּ־טאַון". דאָ האָט זיך ש ר ה פלוצלונג אויפגעכאַפּט.

— מיר איז עפּעס אַזוי ניט גוט... דער קאָפּ שווינדלט. — האָט זי געזאָגט צו שמואל'ן.

— איך פיל זיך אויך ניט אין גאַנצן. — האָט שמואל אומרואיק געענטפערט. — הפנים ווי די פרישע לופט האָט אונז פאַרשאַדט.

— הפנים, — האָט שרה געזאָגט, — איך האָב מורא פאַר די קינדער.

אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: די דאַלעטשקע האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אָנגעהויבן צו שרייַען און צו ברעכן. יאָסעלע האָט זיך אויף איר קוקנדיק אויך צעוויינט. דער טאַטע האָט זיך אויף אים צעבייזערט, האָבן די איבעריקע קינדער גענומען וויינען. דער קאָנדוקטאָר האָט אויף שמואל'ן אויסגעשטעלט אַ פּאָר טאַטערישע אויגן; ביי דעם אָרימן שמואל'ן איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט דאָס האַנט-בייטל מיט דעם עסנוואַרג. שמואל האָט געוואוסט, אַז דאָרטן האָט געמוזט טרעפן אַ גרויסער חורבן און זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. שרה האָט גענומען איינגעמען די קינדער. שמואל'ן האָט זי גאָרנישט געזאָגט, אָבער איר פּנים האָט געפלאַקערט פון כעס, און שמואל האָט שוין גוט געוואוסט, אַז קוים גייט זי אַראָפּ פון קאַר, וועט ער שוין לייזן אַ חלק. און אַזוי איז טאַקע געוועז: ווי שמואל מיט זיין געזינדל זיינען אַראָפּ פון קאַר, האָט שרה גלייך אויסגעשאָסן:

— פּיקניקעס האָט זיך פאַרוואָלט דעם שרה! ביסט אַן אַרבעטער, דאַרפסטו ליגן אויף אַן אָרט!

שמואל'ן האָט שוין טאַקע אין גאַנצן פאַרדראָסן אויף דער גאַנצער מעשה און ער האָט געשוויגן. נאָר דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט.

אויף איין האַנט האָט ער גענומען יאָסעלען, אויף דער צווייטער — ריוועלען, און דערביי האָט ער געטראָגן די האַנט-בייטל מיט'ן חורבן.

— שטיל, מיינע קינדערלאַך, שטיל, מיינע בעבעלאַך, שטיל. די מאַמע וועט באַלד געבן צוקער מיט ברויט, שטיל! — האָט שמואל ניט אויפגעהערט צו לאַשצען די קינדער, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געוויינט.

שרה האָט געטראָגן אויף די הענט די דאַלעטשקע און זי געוויגט, און פון אירע ביידע זייטן זיינען געגאַנגען בערעלע און חנה'לע.

— די יאָרן האָט ער מיר אָפּגעריסן. — האָט שרה געזאָגט מיט כּעס.

און שמואל׳ס געזינדל איז גלײַך אין פּאַרק אַרײַן.

— לאָמיר אויסזוכן אַ בוים און זעצן זיך. — האָט שמואל געזאָגט צו זײַן ווײַב. — קום, שרה!

— איך האָב ניט קײן כּוח צו שלעפּן זיך, גזלן! — האָט שרה געענטפערט און האָט זיך ווי אַ שטײן אַוועקגעזעצט בײַם רעכטן אַרײַנגאַנג. שמואל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אַ בליק געבנדיק אויף שרה׳ס פּנים, האָט ער דערזען, אַז זי איז פאַרמאַטערט... אַלײן איז ער אויך געווען מיד, און ער האָט זיך שווײַגנדיק געזעצט לעבן זײַן ווײַב. שרה האָט געגעבן זויגן רײַזעלען. די קינדערלאַך האָבן זיך גענומען קײַקלען אין גראָז, שפּילן און לאַכן, און שמואל האָט גענומען אָטעמען אַביסל גרינגער.

3.

איבער׳ן פּאַרק האָבן אַרומגעשפּאַצירט יום־טוב׳דיק צוגעפּוצטע מײדלאַך, און ערטערווײַז אונטער בײמער איז מען געזעסן גאַנצע קאָמפּאַניעסווײַז.

ווײַט ערגעץ פון אונטער אַ בוים האָט זיך איבער׳ן פּאַרק געטראָגן אַ טרויעריקער געזאַנג פון אַן אַרבעטער־ברוסט. ניט ווײַט האָט אײנער געשפּילט אויף אַ פידל. שרה האָט דאָס אַלץ באַקוקט און באַטראַכט. איר כּעס איז אָפּגעגאַנגען... דאָס האַרץ האָט אַפילו איר עפּעס אָנגעפּאַנגען ווײ צו טאָן... אָבער דאָס איז געווען אַ ווײטיק ניט פון כּעס. זי האָט עפּעס אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוקלײַבן איר לעבן... און איר איז געוואָרן ביטער... איר האָט אָנגעפּאַנגען צו קלעמען, קוקנדיק אויף שמואל׳ן.

שמואל איז אויך געבליבן זיצן פאַרטראַכט... ער האָט עפּעס געטראַכט וועגן די בײמער, וועגן די גראָז, וועגן דעם פידעלע, וואָס האָט געשפּילט... אים איז עפּעס אויך געוואָרן שווער אויפ׳ן האַרצן...

— אָ, באָבעלע מײַנע! — האָט ער אַ זיפץ געטאָן... ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן צו שרה׳ן... נאָר דאָ האָט אָנגעפּאַנגען צו טריפּן אַ רעגן. שמואל האָט ניט קײן צײַט געהאַט פון אָרט זיך אויפצוהײבן, ווי עס האָט אַ גאָס געגעבן אַ שלאַגס־רעגן... עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע אין פּאַרק... שמואל איז געבליבן שטײן ווי אַ צעטומלטער...

— שלימאַזל, נעם די קינדער! — האָט שרה אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. שמואל האָט געכאַפּט אַ פּאָר קינדערלאַך, שרה אַ

פּאַר, און מען איז אַנטלאָפן אין אַ הויז. די דאַלעטשקע האָט זיך ווידער צעשריען...

— מאַמע, עסן! — האָט אָנגעפאַנגען צו שרײַען בערעלע...

— עסן, עסן, — האָט געוויינט יאָסל, — איך וויל עסן.

ש מ ו א ל האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן האַנט־בײַטל, אָבער דאָ האָט ער דערזען דעם ח ו ר ב ן... די פלאַש האָט זיך צעבראָכן און די מילך האָט זיך אויסגעגאָסן אין בײַטל, די באַנאַנעס מיט די זעמל זײַנען צעקראָכן אין די מילך... די פּײַן־עפּל האָט געקראָגן אַ פּ נ י ם פון אַן אָפּגענעם געשוויר... ש ר ה האָט עס באַמערקט... פון כ ע ס האָט זי אַליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט איר מאַן. שרײַען, שילטן האָט זי זיך געשעמט פאַר לײַטן. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און האָט אים אויפ׳ן אויער אַ ס ו ד געזאָגט:

— אַזאַ ח ו ר ב ן זאָל דיר זײַן, מײַן מאַן!

די קינדער האָבן ניט אויפגעהערט בעטן עסן.

— איך וועל גיין צום בופעט קויפן אַ גלאָז מילך מיט אַ פּאָר זעמל. — האָט ש מ ו א ל געזאָגט צו זײַן ווײַב.

— געלט האָסטו דען? — האָט ש ר ה געפרעגט. — דאַכט זיך אויסגעבײַטלט זיך אין גאַנצן איבער דײַן פּיקניק.

— פאַראַן בײַ מיר אַקוראַט פינף סענט איבעריקע.

— נו, טאָ גיי שנעל. — האָט ש ר ה געזאָגט. — זעסט דאָך, אַז די קינדערלאַך שטײַען נעבאָך פאַרשמאַכטע.

ש מ ו א ל איז צוגעגאַנגען צום בופעט און האָט אַ פרעג געטאָן, וויפיל עס קאָסט אַ גלאָז מילך מיט אַ פּאָר זעמל.

— צוואַנציק סענט, מיסטער! — האָט דער בופעטשיק געענטפערט.

ש מ ו א ל איז אָפּגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. ער איז צוגעגאַנגען צו ש ר ה׳ן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— נו, וואָס שלימאַזל, וואו איז די מילך? — האָט ש ר ה געפרעגט.

— ער בעט צוואַנציק סענט...

— צוואַנציק סענט פאַר אַ גלאָז מילך מיט אַ זעמל... וואָס ביסטו עפּעס מאַנטעפיאָר? — האָט שוין ש ר ה ניט אײַנגעהאַלטן זיך. — מען וועט דאָך אונז ב ד י ל ה ד ל שטעלן! פאַר נאָך אַמאָל אויף אַ פּיקניק, וועלן מיר מוזן די איבעריקע בעבעכעס פאַרקויפן.

די קינדער האָבן ניט אויפגעהערט בעטן עסן...

— אָבער וואָס זאָל מען טאָן? — האָט געפרעגט דער פאַרלאָרענער ש מ ו א ל.

— ווי הײסט, וואָס? — האָט שוין געשריען שרה. — אהיים!

שמואל האָט גלײַך גענומען די װײנענדיקע קינדער אויף די הענט, און מען איז אַרויס פון פּאַרק... פאַרנדיק צוריק האָט שרה דעם מאַן געזאָגט, אַז קומענדיק אהיים וועט זי זיך מיט אים אָפּ־רעכענען.

— איך וועל דיר באַצאָלן — האָט זי געזאָגט — פאַר דעם אַטלעסענעם קלײד, פאַר דעם האַנט־בײטל, פאַר דעם פײַן־עפּל, פאַר די באַנאַנעס, פאַר די מילך, פאַר דעם גאַנצן פּיקניק, פאַר דעם גאַנצן ביטערן לעבן...

— שרײַ, שרײַ, מײַן ווײַב! — האָט שמואל געענטפערט. — דו ביסט גערעכט! שדים ווייסן, וואָס מיר האָט זיך פאַרוואָלט... אַ פּיקניק!... פרעג וואָס, ווען?... איך בין אַ פינסטערער, אַ ביטערער אַרבעטער, דאַרף איך מער ווי וועגן דעם שאַפ ניט טראַכטן...

קומענדיק אהיים, האָט שרה מקיים געווען אירע ווערטער. שמואל'ן האָט זיך געוואָלט עסן, אַקוראַט ווי אין סלעק־צײַט, נאָר אים איז שוין ניט געווען צום עסן. ער האָט זיך אַוועק־געלײגט אין בעט אַ הונגעריקער און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער פון שלאָף גערעדט:

אַ פּיקניק, אַי, אַ פּיקניק!

ז. ליבין.

אברהם דער שוסטער.

1.

אברהם דער שוסטער איז אַ הויכער, דאַרער זקן, מיט אַ לאַנגער באָרד, נאָך לענגערע פאות'ן און מיט אַ גרויסן שטערן; ווען אַ פרעמדער מענש זאָל אים באַגעגענען אַמאָל אין דער פרי פון דאַוונען מיט'ן גרויסן טלית־זאַק אונטער'ן אָרים, וואָלט ער זיכער געמײנט, אַז דאָס גײט דער רב פון'ם שטעטל, אָדער אַזוי אַ שײנער באַלעבאָס.

אמת, א'ברהם אַלײן האָט זיך טאַקע געהאַלטן גאַנץ גרויס און מיט זײַן מלאכה זיך כלל נישט געשעמט; און זײַט ער האָט געהערט פון אַ מגיד, אַז ר' יוחנן, דער גרויסער תנא ר' יוחנן, איז געווען אַ שוסטער, איז ער ווי שטאָלץ מיט זײַן מלאכה געוואָרן.

דאָך פלעגט א ב ר ה מ׳ען ווייניק העלפן זײַן פאַרטײדיקן די שוסטערײַ: קײַן כ ב ו ד, נאָך וועלכן ער האָט זיך געיאָגט, האָט ער קײנמאָל ניט געהאַט. א פ י ל ו דאָס „שנײַדערשע קלײַזל״, וואָס איז געווען שטענדיק טאָלעראַנט מיט אַלערלײ ב ע ל י - מ ל א כ ו ת, האָט אים קײנמאָל קײַן רעכטע „ע ל י ה״ ניט געגעבן, אויסער אַמאָל, ע ל פ י ט ע ו ת, האָט מען אים געגעבן א ח ר ו ן. נאָר דאָס איז געווען ניט דערפֿאַר, ווײַל ער איז אַ שוסטער, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ האַלבער שוסטער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל: „א ב ר ה ם דער לאַטוטניק״. ד. ה. קײַן גאַנצע שיך און שטיוול פלעגט ער נישט נײען; ער פלעגט נאָר לאַטעס לײגן. ער האָט א פ י ל ו זיך באַרימט, אַז אַמאָל, אַמאָל פלעגט ער גאַנצע שיך אויך נײען, נאָר זינט עס איז אַרוים די וויסטע מאָדע מיט די „שמאָלע נעזער״ האָט ער אויפגעהערט — ער וויל זיך ניט נאַריש מאַכן... א מ ת, לאַטעס פלעגט ער לײגן אײנס אין דער וועלט! א פ י ל ו די שטעטלשע שוסטער, וואָס פלעגן שטענדיק „רײדן״ אײנער אויפ׳ן צווייטן, האָבן אויך נישט געהאַט אַ ה ע ז ה אויסצוזעצן ח ס ר ו נ ו ת אין א ב ר ה מ ׳ ס אַ לאַטע. נאָר דאָך פלעגן אַלע אין שטעטל פון אים קײַן גרויסן פ י ר ו ש נישט מאַכן. פאַרקערט, בײַ אַ געלעגנהײַט פלעגט מען פון אים אָפּלאַכן. זײַן שטאָלץ האָט דערפון געליטן און בײַ אַ צײַט פלעגט ער זיך אָן די אַלע נ ו ק ם זײַן.

די צײַט פלעגט ער אַלע יאָר ערוואַרטן מיט גרויס אומגעדולד. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט קומען, זי מוז קומען! דער אײבערשטער וועט נישט מ ש נ ה זײַן דעם ס ד ר פון דער וועלט! אָסיען מוז זײַן אַלע יאָר, און רעגנס וועלן גײן. אָסיען, ווײס א ב ר ה ם, מוז רעגענען. ער האָט שוין אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן, און עס האָט נאָך קײנמאָל נישט געטראָפן, אַז עס זאָל נישט רעגענען; און פון רעגן, ווײס א ב ר ה ם, ווערט אין שטעטל אַ גרויסע בלאָטע, אַזאַ בלאָטע, וועלכע ער דאַרף האָבן, אויף וועלכער ער בעט גאָט, ווי דער פויער בעט גאָט דעם רעגן אויף ברויט, אַזוי בעט ער אויך גאָט, נאָר נישט אויף ברויט אַלײן; ער זאָל זיך אויך קענען רעכענען מיט די שטעטלשע באַלעבאַטים, וועלכע לאַכן אָפּ פון אים.

און אַז א ב ר ה ם זיצט ס ו כ ו ת אין ס ו כ ה און עס הייבט אָן גיסן אַ קאַלטער הערבסט-רעגן, אײַלט ער זיך ניט צו גײן אין שטוב, ביז וואַנען זײַן אַלטע פּעשע רופט אים ניט אַרײַן מיט גרויסע ק ל ל ו ת:

— מ ש ו ג ע׳נער אײנער! ווער זיצט עס אין אַזאַ גאָס-רעגן אין

סוכה! דו ווילסט זײַן פרימער פאַר׳ן רב! די יויך ווערט אַן דעם טעם פון דעם רעגן.

— נישקשה, נישקשה! — טרײסט ער זיך צופרידענערהײט, שוין אַרײַנגײענדיק אין שטוב. — איך האָב נישט קײן מורא פאַר הײַנטיקן רעגן. פון אַזאַ רעגן וועט זיך „שטעלן״ די בלאָטע, נאָ־רעלע, די בלאָטע...

— נו, דאַנקען גאָט טאַקע פאַר דער בלאָטע! — ענטפערט פעשע מיט אַ פרום פנים; זי דערמאָנט זיך, אַז די גאַנצע חיונה האָבן זײ טאַקע פון דער אָסיען־בלאָטע.

און אברהם ענדיקט דאָס עסן אין שטוב. די אויגן אָבער קוקן דורכ׳ן פענסטער אין גאַס אַרײַן און זײַן האַרץ וואַקסט פאַר פרײד, זעענדיק, ווי די ערד ווערט שוין ווײכלאַך; ער דערקענט שוין די סימנים פון זײַן ליבער בלאָטע...

און אַז עס גיט אַ שײַן די זון, ווערט אברהם דערשראָקן צום טויט! אים דאַכט זיך, אַז זי וויל אים אַוועקנעמען דאָס ברויט... נאָר נישט לאַנג שײַנט די הערבסט־זון; אַ וואָלקן פאַרשטעלט זי באַלד און אברהם ווערט ווײַטער פרײלאַך און זינגט פאַראָ־דירנדיק דאָס קינדישע לידל:

גאָט, גאָט גיב אַ רעגן
פון אברהם שוסטערס וועגן.

און גאָט הערט צו אברהמ׳ס געבעט: אַ גאַנצן סוכות רעגנט, אידישע קינדער טרויערן, וואָס זײ האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב. קענען נישט אַרויסגײן אויפ׳ן גאַס אַ ווײַלע. אברהם אָבער איז שטאַרק צופרידן; אין גאַס האָט זיך שוין אויסגעבילדעט די באַוואוסטע אָסיענדיקע בלאָטע. פרויען בלײַבן אָפט שטײן אין דער מיט׳ן גאַס, פאַרצווײפלט, לאָזנדיק אָמאָל די שיך; קלײנע קינדער טראָגט מען איבער אויף די הענט, און מאַנסבילן ראַטעווען זיך אַרויס מיט גרויס בריה׳שאַפט...

דאָ לאַכט שוין אברהם פון דער זון! אַזאַ קלײנער טעלער וועט ניט זײַן ביכולת אויסטריקענען אַזאַ גרויסע בלאָטע, און אפילו אַז מער קײן רעגן זאָל נישט גײן, וועט זי אויך שטײן נאָך אַ פאָר חדשים שטאַרקע. נאָר אברהם טרײסט זיך, עס וועט נאָך רעגענען, ער האָט דערויף זײַן כלל: אָסיען מוז רע־גענען!

איבער יום־טוב רוט ער זיך אויס און קלײַבט כוחות; ער ווײס, אַז נאָך יום־טוב וועט ער מוזן אַרבעטן ביז שפעט אין דער נאַכט אַרײַן, ער וועט זײַן פאַרוואָרפן מיט מלאכה.

און אויף מאָרגן נאָך ס ו כ ו ת הייבט זיך טאַקע אָן ביי אים אין שטיבל אַ יאַריד, וועלכער שטייט גאַנצע דריי ח ד ש י ם און אַמאָל מער. מען טראָגט אים שיך פון אַלע זייטן. די בלאָטע איז גרויס, און יעדערער וויל זיך פאַרזאָרגן מיט גאַנצע שיך. אויסער דעם רייסט זיך אין בלאָטע מער ווי אַ גאַנץ יאָר.

א ב ר ה ם האָט גוט אין זינען, אַז פון דעם יאַריד לעבט ער אַ גאַנץ יאָר. א מ ת, עס מאַכט זיך אין אַ טרוקענער צייט אויך לאַטעס צו לייגן, אָבער דאַמאָלס איז ער נישט אַזאַ י ח ס ן ; די געהויבענע שוסטער פון די „שמאָלע געזלאַך" זיצן דאַמאָלסט אָן אַר־בעט און שעמען זיך נישט אונטערצושלאָגן אים פ ר נ ס ה. און דעריבער באַנוצט ער זיך מיט זיין איצטיקער „יחסנות" און „רייסט" פון טויט און פון לעבעדיק. ער מאַכט שרעקלאַכע טאַקסעס. ווער רעדט פאַר אַ פּאָר זוילן אונטערשלאָגן, קען מען שוין ביי אים נישט אָפדינגען קיין גראָשן, עס מעג זיין ווער עס איז, א פ י ל ו אַ נאָ־ענטער, אָרימער ש כ ן ; און אַז יענער פרואווט זיך צו דינגען:

— סטייטש, ר' א ב ר ה ם, פאַר וואָס קומט אייך אַזוי פיל?

ענטפערט א ב ר ה ם קאַלט:

— איך נייט אייך דען ח ל י ל ה? אייך לוינט נישט, טראָגט אייך אַריין צו בערל דעם שוסטער, ער איז אויך אַ גאַנץ גוטער שוס־טער, ער מאַכט דאָך עפּעס „שמאָלע געזלאַך"...

די לעצטע ווערטער פלעגט ער אויסלאָזן מיט אַן איראָנישן טאָן, ווי ער וואָלט געזאָגט: נישט אַלע מאָל טויג פאַר אייך בערל דער שוסטער, איר דאַרפט מיך אויך האָבן... ער וויל זיין זיכער, צי דאַרף מען אים טאַקע האָבן; און ער גיט אַ קוק אין פענסטער און ער ווערט נאָך שטייפער ביי זיך: די גאַס איז פאַרפלייצט מיט שיטערן קויט, כאָטש טרענק זיך! — אוי, דאַרפט איר מיך! — שמייכלט ער און גיט א פ י ל ו נישט אַ קוק אין יענער זייט, וואו דער קונד שטייט מיט די שיך און וויל אַראָפּדינגען אַ צענערל. א ב ר ה ם פילט, אַז איצט איז די צייט צו אָפּרעכענען זיך מיט זיינע ש ו נ א י ם, וואָס לאַכן פון אים, און ער איז זיך נ ו ק ם מיט האַרטע מ ק ח י ם...

2.

אָט אַזוי האָט זיך א ב ר ה ם דער לאַטוטניק אָפּגעלעבט ביז אין טיפער עלטער, אַלץ געצויגן די ה י ו נ ה פון שטעטלשער בלאָטע און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט באַשאַפן קלוג די וועלט, אַז עס מוז זיין אַ צייט אין יאָר, ווען אין שטעטל ווערט אַ בלאָטע און זיינע לאַטעס גייען שטאַרק אָן. דערפאַר האָט אין זיינע אויגן די

בלאָטע דעם שענסטן ח ן געהאַט. א פ ש ר א ס ך מער ח ן, ווי דער בלאָער י ם ביי אַ פּאַעט... און אַז ער פלעגט דורכגיין אַמאָל אין מאַרק קויפן שטיקלאַך רימען אין די פעל־קראָמען, פלעגט ער מיט שטאָלץ באַטראַכטן די מיט קויט פאַרגאָסענע גאַסן און דעם מאַרק, וואו עס פלעגן טרעטן די שענסטע באַלעבאַטים מיט פאַרקאַ־שערטע פאָלעס, אונטערברומענדיק:

— נגנגנו, אַ בלאָטע, זאָל מען באַהיט ווערן!...

„א ו ד א י געפעלט זיי נישט. — פלעגט ער דעמאָלט טראַכטן.— זיי קענען לעבן אָן איר און פאַר מיר אַרט זיי דען?"

און אַז איינער פון זיינע קונדן, קומענדיק צו אים, פלעגט זיך אַמאָל קלאָגן, אַז פון דער בלאָטע איז שוין נישט אויסצוהאַלטן, גאָט וואָלט שוין עפּעס ר ח מ נ ו ת האָבן, עס זאָל טרוקן ווערן, פלעגט דאַמאָלסט א ב ר ה ם ווערן מ ל א כ ע ס; באַווייזן דעם כ ע ס האָט ער נישט געקענט, נאָר דעם „קונד" האָט ער שוין גע־ק נ ס'נט מיט אַ צווייטער העכער אויף יעדער לאַטע. טראַכטנדיק ביי זיך:

— רעד נישט קיין נאַרישקייט!...

ו י ה י ה י ו ם, אין מיטן זומער — עס איז נאָך געווען אַ שטיק צייט צו א ב ר ה מ'ס „לאַטעס־סעזאָן", איז ער דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און האָט דערזען אַ גרויסע קופּע שטיינער ליגט סאַמע אין מיטן מאַרק. אים איז די זאַך ק ש ה געוואָרן. וואָס זאָל עס באַדייטן? און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קרעמער פרעגן: אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שטיינער?

— אַזוי פיל? — האָט נאָכגעקרימט איראָניש דער קרעמער. — דאָס איז ביי אייך אויך אַ פולע?! וואַרט נאָר, וועט איר זען, ווי עס וועט זיין צען מאָל אַזוי פיל, הונדערט מאָל אַזוי פיל.

— אָבער אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שטיינער? — האָט זיך א ב ר ה ם נאָך מער געוואונדערט.

— איר זייט אַ היגער צי ניט? — האָט זיך דער קרעמער גע־כ ע ס'ט. — איר ווייסט דען ניט, אַז מען וועט אין גיכן ברוקירן דאָס שטעטל, ל כ ת ח י ל ה דעם מאַרק, נאָכדעם די גאַסן.

— ברוקירן... ברוקירן? — וואָס הייסט ברוקירן? — האָט א ב ר ה ם זיך אָנגעהויבן קראַצן אין פּאַטיליצע, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען עפּעס אַ שרעקלאַכע זאַך.

— מען זאָגט טאַקע: „גרויסע ווי קליינע!" — האָט דער קרע־מער געשמייכלט. — וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? מען וועט אויס־

ברוקירן דאָס שטעטל מיט אַט די שטײַנער אַט — עס זאָל מער קײַן בלאָטע נישט זײַן.

מער קײַן פּירושים האָט שוין אברהם נישט גע־דאַרפט. די לעצטע ווערטער: „עס זאָל מער קײַן בלאָטע נישט זײַן" האָבן אים ווי אַ דונער געטראָפן.

דאָך אין גאַנצן האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען, און גײַענדיק צוריק אַהײַם ווי אַ דערשלאָגענער, האָט ער צו זיך אַלײַן גערעדט, מאַכנדיק מיט די הענט: וואָס הײַסט, עס זאָל מער קײַן בלאָטע נישט זײַן? קען דאָס זײַן, דאָס שטעטל זאָל פּלוצים אויסגעטריקנט ווערן?...

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, וואָס אײַנער, אַ קונד זײַנער, האָט אים אַמאָל דערצײַלט, אַז עס זײַנען פאַראַן אין דער וועלט „אַזעלכע גרויסע שטעט, וואָס זײַנען געברוקירט, און דאָרטן איז שטענדיק טרוקן". — ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, ווי צעמישט.

— אוים בלאָטע! — האָט ער געברומט. — מען דאַרף שוין טיך נישט!

זײַן „אַלטע" פעשע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט, און האָט געמײנט, אַז ער איז משוגע געוואָרן.

— וואָס שרײַסטו? — האָט זי זיך געבײזערט. — וועלכע בלאָ־טע? אין מיטן זומער ווילסטו בלאָטע, קאַרג איז דיר דער אָסיען.

— הערסט דאָך! די גזלנים ווילן, אַז אין אָסיען זאָל אויך קײַן בלאָטע נישט זײַן, פאַרשטײסט? ! זײ ווילן אונז זעצן צו דער עלטער אָן ברויט.

— וועלכע גזלנים, וואָס פּלוידערסטו? — האָט זיך שוין פעשע דערשראָקן אויף אַן אמת.

אברהם האָט אַלײַן נישט געוואוסט, ווער זײַנען דאָס די גזלנים, נאָר זײַן כעס האָט אין אים געברענט, און ער האָט אויסגעלאָזט אײַלנדיק:

— „זײ" געפעלט נישט די בלאָטע! פאַרשטײסט? גרויסע פּרי־צים זײַנען זײ! זײ גלײַכן זיך אויך צו די גרויסע שטעט און האָבן זיך מישב געווען ברוקירן די גאַסן. וואָס זאָגסטו צו זײערע יאָרן?

— אַ קויל איז מיר געשען! — האָט פעשע פאַרבראָכן מיט די הענט. — מיר זײַנען דאָך אומגליקלאַך. פון וואַנען וועלן מיר איצט לעבן?

— גײ פרעג זיך בײַ זײ! — האָט ער גיפטיק געענטפערט. — זײ אַרט דען עפּעס פאַר אונז? ! דו מײנסט, אַז גאַנץ שטעטל טראַגט מיר פון נאָך סוכות אַן אַרבעט פאַר רחמנות אויף מיר?

אז זיי וועלן קענען אויסקומען אָן מיר, וועלן „זיי" א ו ו ד א י זײַן צופרידן, די ג ז ל נ י ם.

— און דו רעכנסט, אַז מען וועט שוין גאָר נישט רײַסן די שיך ?— האָט פּעשע געפרעגט מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס איז נאָך גַעלעגן אַ שטיקל האָפנונג.

— ב ה מ ה ! רײַסן וועט מען רײַסן, אויף ברוק רײַסט זיך אויך, אָבער ניט אַזוי ווי פריער. אויף שטײַן טרעט זיך אָפּ נאָר די פּאָדעשווע אַלײן, און אין בלאָטע אָבער ווערט צעפּוילט דער לעדער, און דאָס איז בײַ מיר דער ע י ק ר...

3.

אַלע טאָג פלעגט א ב ר ה ם אַרויסגײַן אויפ'ן מאַרק זען, וואָס הערט זיך עפּעס מ כ ו ת דעם ברוק און גלײַך מיט דער קופּע שטײַנער פלעגט וואַקסן זײַן וואונד אין האַרצן, און ער איז אומגעגאַנגען ווי אַ קראַנקער.

דאָך האָט ער געהאָפט, אַז ניט אַזוי גיך וועט מען ברוקירן. ו ה א ר א י ה, ער געדענקט, אַז צו דער באָד האָט מען אויך אַזוי אַמאָל אָנגעהויבן פירן שטײַנער און ציגל, און אַלע טאָג, דאַכט זיך, פלעגט מען אָנהײַבן צו מויערן, פון דעסטוועגן האָט זיך עס געצויגן שײַנע עטלאָכע יאָר. און ער פלעגט זיך טרײַסטן, אַז דער ברוק וועט נאָך אויך געדויערן ביז זײַן לעצטן טאָג...

נאָר זײַן האָפענונג איז געווען אומזיסט !

אין דעם זעלבן זומער, אין אַ שײַנעם פרימאָרגן, דורכגײַענדיק דעם מאַרק, האָט ער דערזען אין מיטן שטײַט אַ רעדל מענשן. דאָס האַרץ האָט ווי געזאָגט, דאָס איז נישט צו גוטן. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן רעדל, און הענט און פיס האָבן אים אָנגעהויבן צו טרײַסלען: ער האָט דערזען קאַצאָפּעס שטײַען מיט גרויסע האַמערס אין די הענט און צעקלאַפּן די שטײַנער, אַזש עס הילכט אין דער לופט. דער אַרומיקער ע ו ל ם שטײַט און פרײַט זיך:

— איצט וועט זײַן אַ לעבן ! — זאָגט אײַנער.

— ש י י ך אַ לעבן ! — האַלט אונטער אַ צווײַטער. — אַ ווערטעלע צו זאָגן: פּ ט ו ר ווערן פון דער בלאָטע !

אײַנער פון רעדל, אַ שטעטלשער ל ץ, האָט באַמערקט א ב ר ה מ'ען שטײַענדיק און האָט אָנגעהויבן טרײַבן שפּאַס מיט אים:

— איר זעט, ר' א ב ר ה ם, וואָס מען טוט ? איר ווײַסט, אַז אײַך וועט עס זײַן אַ ה י ז ק צו דער פּ ר נ ס ה !

— אַ ס מ י כ ת ה פּ ר ש ה ! — האָט זיך א ב ר ה ם נע-

מאכט כ ל ו מ ר'שט נישט פארשטייענדיק. — וואס געהערט דער ברוק צו מיין ארבעט?

— עס האט א גרויסע ש י י כ ו ת! — האט דער ל ץ נישט אויפגעהערט צו שפאסן. — אין דער טריקעניש וועלן זיך ביי אונז די שטיוול אזוי נישט רייסן, און איר וועט האבן ווייניקער לאטעס צו לייגן.

— וועט ער נייען נייע! — האט זיך געפונען צווישן ח ב ר ת נאך א ל ץ.

— קיין נייע קען ער נעבאך נישט. ווי קומט ער דערצו, דאס איז א געבוירענער לאטוטניק.

— נ י ש ק ש ה, ער וועט זיך אויסלערנען! ער האט א גרויסן שטערן.

אלע האבן געלאכט.

דא האט זיך שוין א ב ר ה ם נישט געקענט איינהאלטן. מען האט אים אנגעגריפן אין בײן אריין, און ער האט זיין גאל ארויסגע־גאסן:

— ליידאקעס, וואס מיינט איר אייך? איר וועט די וועלט אי־בערמאכן?! אזוי לאנג קרענקט איר, ווי לאנג עס וועט נאך זיין בלאטע. איר וועט נאך אנקומען צו מיר מיט אייערע צעפוילטע שטיוול פארריכטן, די הויט וועל איך פון אייך דאמאלסט שינדן, די הויט!...

— הורא! — האט עפעס איינער א יונגאטש אויסגעשריען.

און דער צופרידענער ע ו ל ם האט פריילאך אונטערגעהאלטן און דער ל ץ האט געשריגן העכער פאר אלעמען.

— ר' א ב ר ה ם! אוים בלאטע, עס וועט נישט זיין מער קיין בלאטע. אוים בלאטע!... ה ו ר ר ר א!

אין דעם קומענדן אסיען איז דער ברוק נאך נישט פארטיק גע־ווארן; די בלאטע איז געווען די זעלבע, נאר א ב ר ה ם'ען איז שוין נישט באשערט געווען קלויבן נ ח ת פון איר און פארדינען צענער־לאך. די לעצטע סצענע אויפ'ן מארק האט אויף אים זייער שלעכט געווירקט. ער איז נאך דעם ארומגעגאנגען א פאר וואכן א קראנ־קער, האט זיך אוועקגעלייגט אין בעט און איז געשטארבן. און זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען:

— ג ז ל נ י ם! אוים בלאטע!...

א. רייזען.

קוואַס.

א

פאַר אײן רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער אײנציקער, װער עס װעט זיך באַקאָנען מיט'ן אינהאַלט פון אונזער בוך, װאָס קאָסט ס ך - ה כ ל 1 רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט — איר װעט פאַרשפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלײענט ערגעץ אויף די בלעטער מײַן ברודער א ל י ה ו, באַלד װי ער איז אַראָפּ פון קעסט. װי ער איז אַראָפּ פון קעסט, װעל איך אײַך ניט דערצײלן, װײל איך בין זײער פאַרנומען. איך פאַרדין געלט. איך טראָג אַרום אַ געטראַנק, װאָס מײַן ברודער א ל י ה ו מאַכט אים אַלײן מיט זײַנע אײגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן דאָס פון דעם בוך, װאָס קאָסט ס ך - ה כ ל 1 רובל און פאַרדינען קאָן מען מיט דעם פאַרדינען הונדערט רובל אַ ח ו ד ש און מער. מײַן ברודער א ל י ה ו, װיבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלײענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער װעלט, אַזוי האָט ער באַלד אַװעקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ ב ש ו ר ה, זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפן. מיט פ ר נ ס ה זײַנען מיר שוין פאַרזאָרגט אָט אַזוי װײַט (ער װײַזט מיט דער האַנט אויפ'ן האַלז).

— װאָס איז דען? — פרעגט די מאַמע. — האָסט געקראָגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע. — ענטפערט איר מײַן ברודער א ל י ה ו, און די אויגן בײַ אים לײַכטן, א פ נ י ם פון גרויס ש מ ח ה. ער הײסט איר װאַרטן נאָך עטלאַכע טעג, ביז דאָס בוך װעט אים אָנקומען.

— װאָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין אײנמאָל אַ בוך! — זאָגט איר מײַן ברודער א ל י ה ו און פרעגט זי, אויב זי װעט זײַן צופרידן מיט הונדערט רובל אַ ח ו ד ש? לאַכט פון אים די מאַמע און זאָגט אים, אַז זי װאָלט געװען צופרידן מיט הונדערט רובל אַ יאָר, אַבי זיכערע. ענטפערט איר דערויף מײַן ברודער א ל י ה ו, אַז בײַ איר איז צו אַ קלײנע ה ש ג ה, און ער לאָזט זיך גײן אויף דער פּאָסט. אַלע

טאָג גײט ער אויף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אויפ'ן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אַוועקגעשיקט דאָס קערבל און קײַן בוך איז נישטאָ! דערווײַל דאַרף מען לעבן. „די נ ש מ ה אויסשפּײַען קאָן מען ניט.‟ אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטײ ניט, ווי אַזוי שפּײַט מען דאָס אויס די נ ש מ ה?

ב

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער א ל י ה ו זיך אַוועקגעזעצט לײענען דאָס בוך. ווײ־ווײ, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלײענט! וויפיל ס ג ו ל ו ת אויף צו מאַכן געלט דורך פאַרשידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ ח ו ד ש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ ח ו ד ש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שו־וואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פראַדינען הונ־דערט רובל אַ ח ו ד ש דורך אַרויסטרײַבן מײַז, טאַראַקאַנעס, און אַנדערע מ י א ו ס'קײַטן. אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ ח ו ד ש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראַנפנס, לי־מאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע גע־טראַנקען.

מײַן ברודער א ל י ה ו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן לעצטן רעצעפּט, אויף קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גײט אַ ס ך. ב פ ר ט נאָך אין אַזאַ הײסן זומער ווי הײַנט. פון קוואַס, דאַרפט איר וויסן, איז בײַ אונז ב ר ו ך דער קוואַסניק געוואָרן אַ ג ב י ר. ער מאַכט „בוטל־קוואַס.‟ זײַן קוואַס האָט אַ ש ם אויף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער, ווי פון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער ש כ ל וואָס עס שיסט, ווײס קײנער ניט. דאָס איז ב ר ו כ'ס ס ו ד. מען זאָגט, אַז ער לײגט אַרײַן אינווײניק עפּעס אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגן — אַ ראָזינקע, אַנדערע זאָגן — האָפּן. קומט דער זומער, האָט ער ניט קײַן הענט. אַזוי פיל לײזט ער געלט!

אונזער קוואַס, וואָס מײַן ברודער א ל י ה ו מאַכט נאָכ'ן רע־צעפּט, איז ניט קײַן בוטל־קוואַס און שיסט ניט. אונזער קוואַס איז אַן אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט, קען איך אײַך ניט זאָגן. מײַן ברודער א ל י ה ו לאָזט קײנעם ניט צו, ב ש ע ת ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, ניט די מאַמע, ניט די שוועגערן בר כ ה, קײנער האָט ניט די

זכיה צו זײַן דערבײַ. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זײַן א סוד, קאָן איך אײַך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך ווײַס דאָך, וואָס ער גרײַט צו. דאָרטן געפינט זיך שאָלאַכץ פון לימענע, שיטערע האָניק (מעלים), א זאַך, וואָס מען רופט דאָס קרימע־טאַרטערום און וואָס איז זויערער פון עסיק, און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פון אַלצדינג. וואָס מער וואַ־סער, מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט א פראַסטן שטעקן (אַזוי שטײַט געשריבן אין בוך), און דאָס געטראַנק איז פאַר־טיק. נאָכדעם ווערט ער אַרײַנגעגאָסן אין א גרויסן קרוג און מען וואַרפט אַרײַן אַהין א שטיק אײַז. אײַז איז דער עיקר. אָן אײַז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף תשעה נײַנציק כפרות. דאָס זאָג איך אײַך ניט פונ'ם בוך, נאָר איך האָב אײַנמאָל אַלײן פאַר־זוכט א ביסל קוואַס אָן אײַז, האָב איך געמײנט, אַז ס'איז אַן ענדע פון מײַן לעבן!

ג

געמאַכט דאָס ערשטע פּעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פאַרקויפן אים אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מײַן ברודער אליהו'ן פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין א באַ־ווײַבטער. דער מאַמען אוודאי ניט. מיר וועלן גאָרניט דער־לאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגײן מיט א קרוג איבער'ן מאַרק און שרײַען: „קוואַס! קוואַס! אידן, קוואַס!" אַלע האָבן געפּסק'נט, אַז דאָס דאַרף זײַן מײַן אַרבעט. איך אַלײן האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב זיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נײַעס. מײַן ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין אײן האַנט, און בכדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט א ניגון, אָט אַזוי:

> אידן א געטראַנק!
> א קאָפּיקע א גלאָז!
> קאַלט און זיס —
> א דערקוויקעניש!...

א קול, האָב איך אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב א שײנס, א סאָפּראַנאָ־שטימע, בירושה פון מײַן טאַטן עליו־השלום. איך האָב געגעבן א זינג אויס אויף א קול און האָב איבערגעדרײט דעם פּסוק מיט די פיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ איד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געוועזן אַזוי גוט? צי אפשר ווייל דער טאָג איז געוועזן זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויס־פאַרקויפט אין איין האַלבער שעה און בין געקומען אַהיים מיט כמעט פינף גילדן פדיון. מיין ברודער אליהו האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פינף־זעקס מאָל דורכ'ן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַר־דינט פונקט הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געטראַנק קאָסט אונז זייער וואָלוול. מען קאָן זאָגן, כמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפ'ן אייז. דעריבער דאַרף מען זען וואָס גיכער אויספאַרקויפן דעם קרוג מיט'ן געטראַנק, בכדי דאָס שטיקל אייז זאָל צוניץ קומען אויפ'ן צווייטן קרוג און אויפ'ן דריטן קרוג און אַזוי ווייטער. דעריבער דאַרף מען מיט'ן געטראַנק גיין גיך, טאַקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך אינגלאַך, שקצים, אַ גאַנצע טיטש־קע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיט'ן קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפיל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מיין ברודער אליהו מיט מיין שווענערן ברכה מיט מיין מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן אַ שטיק דיניע מיט אַ שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אונגערישע. פון קוואַס שמועסט מען ניט. קוואַס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַר'ן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט וויי חלילה די פיס. מיין ברודער אליהו לאַכט פון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ אינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט וויי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך. — אַ סימן, אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיט'ן קרוג אין מיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דריי צעלאַכן זיך פון מיין בריה'שאַפט. נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער כלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן, אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מיין מאַמע?

ד.

עס גייט אונז קיין עין-הרע דורך מיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונ'ם אנדערן. עס ברענט! מענשן גייען אויס פאר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען ניט דאָס גלעזעלע קוואַס, וואָלט מען פארברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיט'ן קרוג בלי-גוזמא צען מאָל אַ טאָג! מיין ברודער אליהו קוקט אריין אין פאס אריין מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פאָלט ער אויף אַן עצה און גיסט נאָך צו אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפאַלן פריער פון אים. איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלאַכע מאָל. כמעט אַלע טאָג כאַפּ איך זיך אריין צו אונזער שכנה פּעסי און גיב איר פארזוכן אַ גלעזל פון אונזער איינענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דעם אייבינדער, גיב איך צוויי גלעזלאַך; ער איז אַ גוטער מענש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלאַך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. אַלע מיינע באַקאַנטע גיב איך קוואַס אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און בכדי ס'זאָל ניט זיין קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַ-סער. אויף איטלאַכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער. דאָס איינענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל, מיין ברודער אליהו טרינקט אויס אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. ער איז גערעכט. ס'איז אַן עבירה אַ קאָפּיקע. מיין שוועגערן ברכה טרינקט אויס אַ פּאָר גלעזלאַך קוואַס (זי האָט ליב מיין ברודער אליהו'ס קוואַס — סכנות!) דערגיסט זי באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פארזוכט אַמאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי ניט נעמען!) דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. הכלל, עס גייט ניט חסר קיין טראָפּן און מיר מאַכן קיין עין-הרע פיין געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאָלט מיט אַ סך חובות. אויסגעלייזט אַ פּאָר נייטיקע משכנות. אין שטוב האָט זיך באַ-וויזן אַ טישל, אַ בענקל. אויף שבת האָבן מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט מערצעשעם אויף ימים-טובים אַ פּאָר שטיוועלאַך נייע. מיר דאַכט, אַז קיי-נעם איז ניט אַזוי גוט, ווי מיר!

ה

גייט זייט אַ נביא און טרעפט, אַז ס'וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק און אונזער געטראַנק וועט ווערן פּסול, כאָטש נעמט

און גיסט אים אַרויס אין פּאַמוניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך ניט פאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מ ע ש ה! איינמאָל האָב איך פאַרבלאָנדזשעט מיט'ן קרוג קוואַס צו אונזער ש כ נ ה פּעסי. דער גאַנצער ע'ו ל ם האָט גענומען צו גלעזלאַך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלאַך צוועלף־דרייצן געטראַנק, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן וואו דאָס וואַסער שטייט ביי זיי. אַנשטאָט דער דזשע מיט וואַסער האָב איך אַ פ נ י ם געטראָפן צו דער באַליע, וואו מען וואַשט גרעט, און האָב אַריינגעפּליאָסקעט אַ 15—20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם נ י ג ו ן, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

> אידן, אַ געטראַנק!
> ט ע ם ג ן ־ ע ד ן!
> אַזאַ יאַר אויף מיר,
> אויף אייך און אויף אונז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ איד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזעלע קוואַס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

— אינגעלע! וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ געטראַנק?

איך הער אים אין טראַק. עס שטייען נאָך צוויי אידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנ־דערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּייען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּן. ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז סע שמעקט מיט זייף און ס'איז, דאַכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפ'ן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס ביי דיר?

— אַ געטראַנק. — זאָג איך.

— נו, אַ געטראַנק! — מאַכט ער צו מיר.

איינער גייט צו, פאַרזוכט, און טוט אַ פּליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלייך מיר אין פ נ י ם אַריין. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט אידן, ווייבער און קינדער. אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט אַ י ו ו ן, אַז מע קלייבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַריין צו מיר אין קרוג אַריין און הייסט זיך געבן פאַרזוכן. גיס איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער י ו ו ן טוט אַ טרונק אָפּ און שפּייט אויס און ווערט מ ל א ר צ י ח ה.

— וואו האסטו געגומען אזעלכע פּאמאיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאס איז פון א בוך, — זאג איך אים, — מיין ברודערס מ ל א כ ה, מיין ברודער אליין מאכט דאס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער א ל י ה ו. — זאג איך אים.

— וואסער א ל י ה ו? — פרעגט ער מיך.

— ד ב ר ניט, דו נארישער יאלד, אויף דיין א ח י! — זאגן צו מיר עטלאכע אידן אלע אויף אמאל. עס ווערט א טומל, א ר ע ש, א מ ה ו מ ה. אלע מינוט קומען צו נייע מענשן. דער י ו ו ן האלט מיך פאר א האנט און וויל אונז אפּפירן (מיך מיט'ן געטראנק) גלייך אין פּאליציי אריין. דער טומל ווערט גרעסער: „א י ת ו ם! נעבאך, א י ת ו ם!“ — הער איך פון אלע זייטן. דאס הארץ זאגט מיר, אז איך האלט שמאל. איך קוק אויפ'ן ע ו ל ם, וואס ארום מיר: „אידן, האט ר ח מ נ ו ת!“... מען וויל אריינרוקן דעם י ו ו ן א מ ט ב ע. דער י ו ו ן נעמט ניט. רופט זיך אן צו מיר אייי־נער, אן אלטער איד מיט ג נ ב'ישע אויגן, פארשטעלט אויף ל ש ו ן־ ק ו ד ש:

— מאטל! רייס ארויס דעם י ד פון דעם י ו ו ן און הייב אויף די ר ג ל י ם און מאך פ ל י ט ה!

איך טו זיך א רייס אויס, נעם די פיס אויף די פּלייצעס און מארש אהיים! ניט טויט ניט לעבעדיק פאל איך אריין אין שטוב אריין.

— וואו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מיין ברודער א ל י ה ו.

— אין פּאליציע! — ענטפער איך אים און פאל צו צו דער מא־מען מיט א געוויין.

שלום־עליכם.

א מ ע ש ה מ י ט א מ א נ ט ל.

א.

דער מאנטל האט באלאנגט צו אייבי דעם שוסטער, און מיט אים האט פּאסירט א גאנצע געשיכטע. דער מאנטל איז שוין אלט געווען ת ר ח' ס יארן. אייבי האט אים באקומען א י ר ו ש ה פון זיין טאטן, אונז צו לאנגע יאר. דא אין אמעריקע איז ער שוין אויך געווען א יאר ניין.

א בליק געבנדיק אויף אט דעם אלטינקן ב ג ד, וואלט יעדער איינציקער געזאגט, אז עס איז שוין צייט, ער זאל זיך גיין צו זיין

רו. יעדע לאַטע זײַנע, יעדער גוואַלדרים, זײַן אױסגעמאַטערטער אױס־זען — דאָס אַלץ האָט דײַטלאַך געצײַגט, אַז ער האָט שױן דורכגע־מאַכט אַ לאַנגן, לאַנגן לעבנס־קאַמף. איציבי, נאַטירלאַך, װײס דאָס אױך גאַנץ גוט. יעדעס מאָל װען ער טוט נאָר אָן אױף זיך זײַן אַלטן מאַנטל, פילט ער זײער גוט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן גיכער מיט אַן אױסגעצונצטער שמאַטע אײדער מיט אַ בגד. ער פילט עס טאַקע, אָבער צו דערזעלבער צײַט פילט איציבי, אַז ער איז אַ פײַנער אָרימאַן, אַז ער האָט ניט פאַרװאָס צו קױפן אַ נײַעם מאַנטל, און ער מאַכט זיך פון דער מעשה ניט װיסנדיק.

איציבי׳ס װײַב, יאַכנע זאָל לעבן, אָנערקענט אױך דעם פאַקט, נאָר װאָס צו גאָט — איז צו גאָט, און װאָס צו לײַטן — איז צו לײַטן; אָט איז שױן דרײַ יאָר זינט זי איז אַרױס אין אַ קאַמף מיט איר מאַן, און זי האָט זיך אָפּן דערקלערט געגן זײַן אַלטן אױסגעעלטערטן מאַנטל.

— גוואַלד, איציבי, — האָט יאַכנע כסדר גע׳טענה׳ט, — מאַך אַ סוף פון דער טראַנטע. עס פאַראומערט מיר דאָס לעבן. טוסט דאָס אָן — איז עס אַ סם־המות; מע מײנט, אַז דו ביסט ערשט פון הקדש אַרױס.

אירע רײד האָבן איר װײניק געהאָלפן. איציבי פלעגט בלױז אַ מאַך געבן מיט׳ן האַנט, עפּעס אַזױ װי אײנער װאָלט געזאָגט: רעד מיט אַ אידענע, װאָס װײס זי? און ער פלעגט זיך טאָן זײַנס: אַרױפגע־שלעפּט אױף זיך די טראַנטע און װײַטער געטראָגן.

יאַכנע האָט אָבער ניט פאַרלױרן איר מוט, און זי האָט פעסט באַשלאָסן אױסצופירן איר קאַמף און געבראָכן זאָגאַר גוואַלט־מיטלען, װען עס װעט זײַן נױטװענדיק.

דאָס איז געװען אַ זונטאָג, אין דעם אָנפאַנג פון זומער. איציבי מיט זײַן אידענע זײַנען געװען זײער ביזי: זײ האָבן געהאַלטן אין אַרױסנעמען דעם װינטער פון הױז.

יאַכנע האָט געהאַט צוזאַמענגעקליבן אַ גרױסע קופּע מיסט אין קיך און האָט געהײסן איציבי׳ן, אַז ער זאָל דערמיט מאַכן עפּעס אַ טאָלק. איציבי האָט ברײט פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מױל, געשטאַנען און געקוקט אױף די מיסט און האָט ניט געװאוסט, װאָס מיט דעם צו טאָן. יאַכנע האָט זיך צו דערזעלבער צײַט מתעסק געװען מיט עפּעס אין שלאָפצימער.

— װאָס דענקסטו צו טאָן מיט דײַן װינטערדיקן מאַנטל? — האָט זיך דערהערט יאַכנעס קול פון שלאָפצימער.

— מיט מײַן פאַלטאָ? — האָט איציבי איבערגעפרעגט.

— יע, יע.

— וואָס זאָל מען טאָן? — האָב איִיבי געענטפערט. — זאָל ער הענגען; עס וועט ווען־עס־איז קומען נאָך אַ ווינטער.

יאַכנע האָט ניט געענטפערט, נאָר ווי איִיבי איז אַזוי געשטאַנען לעבן די מיסט, האָט עפּעס אַ „מעלקאַיע“ געגעבן אין זײַנע אויגן, און אַ שוואַרצע זאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די מיסט.

ווען איִיבי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען לעבן זיך זײַן יאַכנען און אין די מיסט — זײַן מאַנטל.

— פֿאַרריקטע! — האָט ער אויסגעשריען. — וואָס הוליעט זיך דיר אַזוי? — וואָס וואַרפֿסטו זיך? ווייסט נאָך ניט, אויב דו וועסט האָבן אויף אַ בעסערן... וואַרפֿט זיך!...

יאַכנע האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר איר טאַט, און זי איז אײַניקע סעקונדן געבליבן שטיין שטיל; באַלד איז זי אָבער געקומען צו זיך.

— אויף מײַן אַ ח ר י ו ת, — האָט יאַכנע געענטפערט, — ער איז מער ניט ווערט.

— מאַך זיך ניט נאַריש. — האָט איִיבי בייז גערעדט. — וואָס ביסטו אַזוי געהויבן? דערווײַלע זײַנען נאָך די קינדער באָרוועס, און דו האָסט ניט אויף אַ קלייד.

— מיך אַרט ניט, איך דאַרף ניט... איך קען ניט צוזען ווי דו טוסט אָן אויף זיך די טראַנטע. עס איז צו שרײַען „ש מ ע י ש ר א ל!“

— וואָס אַרט עס אָבער דיך?

— ווי הייסט, וואָס אַרט עס מיך? — האָט יאַכנע געענטפערט.— זאָג מיר אַקאָרשט, ווער בלענדט זיך אוים די אויגן צו לאַטען די שמאַטע, אויב ניט איך; און צוויִיטנס ביסטו דאָך מײַן צ ר ה... מיינסטו, אַז מײַן האַרץ איז מיר ניט פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט, ווען פֿאַריקע וואָך מאַכט צו מיר ח נ ה די בינגלעריכע: „יאַכנע לעבן, וואָס איז דער מער מיט אײַער מאַן? קען ער זיך שוין ניט אַרויפֿאַרבעטן אויף אַ נײַעם אויבערראָק? עס איז דאָך אַ ח ל ש ו ת אַ קוק צו טאָן, ווי ער גייט אום.“

ח נ ה די בינגלעריכע האָט אייגנטלאַך גאָר ניט גערעדט צו יאַכנען וועגן איר מאַנס מאַנטל. יאַכנע האָט עס געזאָגט אַ ליגן; דאָס האָט זי געטריבן פּאָליטיק מיט איר מאַן, און דאָס האָט טאַקע געהאַט אַ ווירקונג.

— מען האָט זי אין דר'ערד! — האָט איִיבי געזאָגט מיט פֿאַרדרוס.

— יאָ, יאָ, אַבי דיר פֿאַרדריסט.

— און די שמאטע האט מען אויך אין דר'ערד! — האט ווייטער אייבי געזאגט מיט הארץ.

יאכנע האט געזיגט.

— עס וועט גאנץ זיין. — האט זי גענומען רעדן מיט באגייס־טערונג. — מע וועט זיך אנטאן א כוח. ווען די טראנטע וועט ניט זיין, וועכטו זיך ווי־עס־איז ארויפשלאגן אויף א נייעם בגד.

— ווער ווייס? — האט אייבי גענומען צווייפלען.

— הער, וואס איך וועל דיר זאגן, מיין מאן: איך ווייס, ברוך השם, אז ביי אונזער א ברודער, וואו מען רייסט ניט ארויס מיט גוואלט, האט מען טאקע ניט. ווען ניט דורך גוואלט, מיינסטו, אז מיר וואלטן פאר צוויי יארן ארויסגעריסן אונזער בערעלען און אנ־צוגל?

— ניין, ניין. — האט אייבי איינגעשטימט.

— און ווען ניט דורך גוואלט, מיינסטו, אז אונזער באשעלע וואלט געהאט איר מאנטל?

— איך ווייס. איך ווייס... — האט אייבי געזיפצט.

— נו, און מיט גוואלט וועט מען דיר, אם־ירצה־השם, צו ווינטער א פאלטא נעמען.

— אבער... אבער מען קען אים דאך איבערלאזן צוצודעקן זיך...— האט זיך אייבי אנגעכאפט, אזוי ווי איינער וואס טרינקט זיך כאפט זיך אן פאר א שטרויעלע.

— א, הער שוין אויף! — האט אבער יאכנע געענטפערט. — עס איז דא, גאט צו דאנקען, א פולער אלמער מיט טראנטעס. לענגער איז ביי מיר געזעסן דעם הויקערס ווייבל, ווען דער קליידער־אלמער האט זיך געעפנט, האב איך געמיינט, איך וועל זיך לעבעדיקערהייט באגראבן.

— וועל, זאל זיין אזוי ווי דו ווילסט.

אין א האלבער שטונדע ארום איז אייבי דעם שוסטערס מאנטל איינשטימיק ארויסגעווארפן געווארן אין א פעסל מיט מיסט. אן איטאליענער האט אים באלד ארויסגענומען פון פעסל, און דער מאנטל איז ווידער ערשינען אויף דער ווייסער וועלט.

ב.

דער זומער האט פון קיינע געשעפטן ניט געוואלט וויסן, און ער איז זיך געגאנגען זיין וועג. עס איז געקומען דער מאנאט סעפטעמ־בער. ביי טאג פלעגט נאך זיין ווארעם, אבער די פרימארגנס און די נעכט זיינען שוין געווען קאלט. און דא האט אייבי גענומען בענ־

קען נאָך זײַן אַלטן מאַנטל און אים האָט אַלץ מער און מער גענומען פאַרדריסן, וואָרום ער האָט אים איצט ניט. אײַנמאָל, גײַענדיק פון דער אַרבעט, איז אײַבין געוואָרן טאַקע גוט קאַלט, ער האָט געכאַפּט אַ פּײַנעם ציטער. אים איז נאָך מער געוואָרן פאַרדראָסיק אויף זײַן אַרויסגעוואָרפענעם מאַנטל, וואָרום ווי אַזוי צו דערקאָזען אַ נײַעם האָט ער פאָרלויפיק קיין ש ו ם מיטל ניט געזען.

— וואָס, איך בין געווען מ ש ו ג ע ? — האָט ער פאַר זיך אין וועג גערעדט. — האָב איך זי באַדאַרפט פאָלגן ? וואָס ? ווען ?

אײַבי איז אין כ ע ס געוואָרן אויף זײַן ווײַבל, און ער האָט איצט געטראַכט, ער זאָל קומענדיק אַהיים אָוועקגעבן איר אַ גאָב.

יאַכנע וואָלט געוויס טאַקע געלײַזט פון איר מאַן, ווען זי וואָלט זיך אָבער פריער ניט באַוואָרנט. און באַוואָרנט האָט זי זיך.

אַ גאַנצן זומער, אין דער צײַט ווען אײַבי איר מאַן האָט זיך אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ער האָט קיין מאַנטל ניט, און אַז ווען-עס-איז וועט קומען אַ ווינטער, — אין דער זעלבער צײַט האָט יאַכנע וועגן דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטן. זי האָט געטראַכט, אָבער זי איז ניט געבליבן בײַ איר טראַכטן ; זי האָט אויך שטאַרק געאַרבעט אין דער זאַך.

וואו און ווען יאַכנע האָט נאָר געהאַט די קלענסטע מעגלאַכקײַט, האָט זי אָפּגעריסן אַ פּעני פון דער ה ו צ א ה. זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון עסן, אָפּגעשפּאָרט פון טרינקען, געשפּאָרט און געשפּאָרט, געשפּאָרט פון זיך, געשפּאָרט פון איר מאַן, געשפּאָרט פון אירע אָרעמע קינדער, און זי האָט געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני. אַזוי האָט זי ווי-עס-איז פאַר דעם זומער פינף דאָלער צוזאַמענגעקליבן.

— עס איז שוין אַזוי קאַלט אויף דרויסן ! — מיט די ווערטער איז אײַבי אַרײַן צו זיך אין הויז.

— עס מוז טאַקע זײַן... — האָט יאַכנע קאַלטבלוטיק געענטפערט.

אײַבין האָט פאַרדראָסן, וואָרום זײַן ווײַב זאָגט עס אַזוי קאַלטבלוטיק, און ער האָט שוין געוואָלט אויסשיסן מיט זײַן „גאָב“.

— עס איז מיר געווען אַזוי קאַלט צו גײן ! — האָט אײַבי ווײַטער גערעדט. — איך בין גאָר דערפראָרן.

— דו דאַרפסט זיך שוין קויפן אַ מאַנטל... — האָט יאַכנע נאָך קאַלטבלוטיקער געענטפערט.

— אַיאָ, איך דאַרף ?... — האָט אַ זאָג געגעבן אײַבי. און ער האָט אַזוי שטעכיק אַ בליק געגעבן אויף זײַן אידענע.

— נו, געוויס דאַרפסטו.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די קלינגער? — האָט איִיבי אויסגעשאָסן אַ קויל אין זײַן אידענע.

יאַכנען האָט עס אָבער ניט געטראָפן. א ד ר ב ה, איר פּ נ י ם איז נאָך געוואָרן עפּעס פרײַלאַכער, לעבעדיקער.

— ניט קיין גרויסע ס כ נ ה... — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

איִיבי האָט אַ בליק געגעבן אויף זײַן אידענע מיט שרעק און מיט וואונדער.

— זאָג מיר, מײַן ווײַבל, — האָט ער גענומען לאַנגזאַם ציִען די ווערטער. — זאָג מיר, מאַכסטו זיך מ ש ו ג ע, אָדער דו ביסט טאַקע ניט בײַ דײַן פולן פאַרשטאַנד... וואָס לאַכט זיך דיר אַזוי?

יאַכנע האָט גאָר ניט געענטפערט, זי האָט אָבער ווײַטער אַ שמייכל געגעבן און איז אַוועק אין שלאָפצימער.

בײַ איִיבין איז דאָס האַרץ פאַרשטאָרבן געוואָרן... ער האָט זיך טאַקע ב א מ ת דערשראָקן פאַר זײַן אידענע.

באַלד איז יאַכנע אַרויס פון שלאָפצימער. און—אַ, וואונדער, וואָס איִיבי האָט דערזען! יאַכנע האָט אַרויסגעלייגט אויפ׳ן טיש אַ קאָם מיט אַסיגנאַציעס...

— ציִיל צו... — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, און איר פּ נ י ם און אירע אויגן האָבן געברענט מיט גליק.

איִיבי האָט ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט די אויגן און איז געבליבן שטיין ווי אַ ל מ ך.

— ציִיל צו... — האָט יאַכנע איבערגעזאָגט. — דאָס איז געלט... ציִיל צו, וואָס שטייסטו, וואָס?

אירע ווערטער האָבן געציטערט פון גרויס גליק.

איִיבי האָט צוגעציילט דאָס געלט.

— פינף דאָלער, ווי קומט עס צו אונז?

— האָב איך דיר ניט געזאָגט? — האָט יאַכנע זיגרײַך גערעדט.

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז עס וועט זײַן פאַר דיר אויף אַ פּאַלטאָ?

— אָבער ווי?

— וואָס אַרט עס דיך!

— אַ ד א ג ה מיר; אָבער דאָך, ווי? — האָט זיך איִיבי געוואונדערט.

— אָפּגעשפּאָרט.

— ע, פון וואַנען? — האָט איִיבי ניט געוואָלט גלויבן.

— פון וואַנען? פון דאַנען! אַ גאַנצן זומער האָב איך געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני.

איַיבי האָט צופרידן געדריקט מיט די פּלייצעס.

— טאַ הער זשע, איַיבילע, צוויי דאָלער וועט מען מוזן אָפּרייַסן פון דייַן פּייַדע, — האָט יאַכנע נאָכגעזאָגט, — און גיי און קויף זיך אַ פּאַלטאָ.

— נו, איך וועל שוין קויפן. — האָט איַיבי געענטפערט.

ג.

נעקסטן זונטאָג האָט איַיבי געהאַלטן זיבן דאָלער אין די הענט און האָט געהאַלטן בייַם אַרויסגייַן פון הויז צו קויפן זיך אַ מאַנטל.

— הער זשע, מייַן מאַן, — האָט אים יאַכנע אָפּגעשטעלט, — איך בעט דיך, זיי נאָר אַ מענטש.

— נו, און וואָס איז דאָרטן?

— אָט אַזוי, זאָלסט זיך דינגען... זע, אַז מען זאָל דיך, גאָט באַהיט, נישט אָפּנאַרן.

— וואָס וועט מען עפּעס נאַרן?

— זאָלסט זיך ניט אייַלן אויף ביליק.

— נו, פאַר די זיבן דאָלער... דאָס האָב איך און פאַר דעם וועל איך קויפן.

— איך ווייס, מען זאָל דיך ח ס - ו ש ל ו ם ניט נאַרן, מען זאָל דיר ח ל י ל ה ניט אַרייַנשפּאַרן אַ צוגעניצטע ס ח ו ר ה.

— איך האָב דאָך אויגן... — האָט זיך שוין איַיבי באַליידיקט, און ער האָט גענומען עפּענען די טיר.

— זע זשע, — האָט אים יאַכנע ווייַטער אָפּגעשטעלט, — האָב אין זינען אַז דאָס געלט איז בלוטיקע, און ח ל י ל ה לאָז זיך ניט נאַרן.

— גענוג דיר שוין, ח י ה דו איינע!... — האָט איַיבי מיט ליבע געענטפערט צו זייַן אידענע און ער איז אַרויס פון צימער.

דאַכט זיך גאָר אַ גליקלאַכער, אַ צופרידענער, מיט דעם געדאַנק צו קויפן זיך אַ גוטן, נייַעם מאַנטל איז איַיבי אַרויס פון זייַן הייַם; אויך מיט דיזן געדאַנק האָט ער גענומען מאַרשירן איבער קאַנעל סטריט און אַרייַנקוקן אין די „שאָו"-פענסטער פון פאַרשידענע קליידער געשעפטן. נאָר אָט אַזוי פאַרטראַכטערהייַט שפּרייַזנדיק איבער קאַנעל סטריט, איז איַיבין געוואָרן עפּעס אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער אויפ'ן האַרצן.

— דו גייסט קויפן אַ נייַעם מאַנטל, — האָט צו אים גערעדט אַ

שטימע אין דער טיפעניש פון זײַן האַרצן, — אַ נײַעם? און פֿאַר זיבן דאָלער? פֿאַר אַזאַ אײַנגנם מיט געלט? און אַ סעקאַנד־האַנטיקן ביסטו חולה צו טראָגן?

— גערעכט! — האָט אײַבי אַ מורמל געגעבן.

— דו גײַסט דאָך אַרום אין צעריסענע שיך, — האָט דיזעלבע שטימע גערעדט, — און דײַן ווײַב? זי איז דאָך אויך נעבאָך אַ הוילע, אַ נאַקעטע... און דו? און דו ערלויבסט זיך?

— אַ צעלאָזנקײַט... — האָט אײַבי דורכגעזײַט דורך די ליפּן.

— דײַן בערקע, אַ קראַנק קינד נעבאָך, גײט אויך אום אַ נאַקעטער! — האָט די שטימע גערעדט.

— אַ מערדערײַ... — האָט אײַבי געענטפֿערט.

— און דײַן באַשעלע? און דײַן טוביה׳לע? בעסער פֿאַר זיי עפּעס אויף אַ קלײדעלע, אַ פּאָר הײזקעלאַך... און דו? דו? אַ נײַעם מאַנטל?

אײַבי האָט אַ שווערן זיפֿץ געגעבן און זײַן האַרץ האָט אים גענומען ווײ טאָן.

— עט! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך וועל צעטראָגן אַ צוגעניצטן... נאָך בעסער... אַ פּאָר דאָלער וועלן בלײַבן, זיי וועלן צוניץ קומען.

אײַבי האָט גענומען און האָט גלײַך זיך פֿאַרקערט אין העסטער סטריט. דאָ איז אים עפּעס געוואָרן ווי הײמלאַכער און זײַן געווױסן האָט אים אויפֿגעהערט צו בײַסן.

גראָד געגן אײַבין איז געגאַנגען אַ איד מיט אַ „פּאַלטאָ“ אַריבער די פּלײצעס. אײַבי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געגעבן אויף דעם טרעגער.

דער טרעגער פֿון דעם מאַנטל איז שוין געווען גענוג ערפֿאַרן און ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גוטן קונה.

— מיסטער, — איז ער צו אים צוגעלאָפֿן ווי אַ פֿאַר׳סמ׳טער, — דאַרפֿט איר עפּעס סחורה, אַ רעכטן מאַנטל, אַ פּאָר הויזן... אַ ראָק... אַלץ וואָס איר דאַרפֿט.

— אַ מאַנטל. — האָט אײַבי געענטפֿערט.

— אָ, גאָט זאָל אײַך בענשן, וויפֿיל איר ווילט.

— קומט. קומט אין סטאָר, — האָט שוין דער מאַן אײַבין געשלעפּט פֿאַר די אַרבל, — קומט, זאָלט איר געזונט זײַן; סחורה ווי גאָלד.

דער מאַן האָט אײַבין אַרײַנגעשלעפּט עפּעס אין אַ קעלער, אין

וועלכן עס האָט עפּעס געהערשט אַ מצרים׳דיקע פינסטערניש.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך איִיבי דערשראָקן; נאָר ווען דער מאַן האָט אָנגעצונדן אַ ברענער פון גאַז און ער האָט דערזען, אַז ער איז ווירקלאַך אין אַ געשעפט פון קלײדער, האָט ער זיך עטוואָס באַרואיקט.

— נו, מיסטער, אַ מאַנטל? — האָט דער פאַרקויפער געזאָגט. — אין וועלכן געלט ווילט איר?

— אין אַ דאָלער פינף. — האָט איִיבי געענטפערט.

— דאָס הײסט, איר ווילט ביליק און גוט.

— נו, געוויס! — האָט איִיבי געענטפערט.

— עס איז דאָ אַ טײַערע סחורה׳לע פאַר אײַך. — האָט דער פאַרקויפער גערעדט. — אָט, אַ צוגעניצטע, אָבער אַ כּפּרה פאַר טויזנט נײַע מאַנטלען: שטאַרק, שײן און נײַ.

— און וויפיל געלט? — האָט איִיבי געפרעגט.

— מעסט אָן פריער, — האָט דער פאַרקויפער געזאָגט, — נאָכ־דעם, ווען איך וועט געפעלן ווערן, וועלן מיר רעדן וועגן פרײַז.

— נײן, — האָט איִיבי געזאָגט, — איך וויל פריער וויסן, אין וואָס פאַר אַ געלט דאָס גײט. איך זאָג אײַך פאַרויס, אַז איך וועל מער ווי פינף דאָלער ניט ספּענדן. איך וויל זיך אומזיסט ניט באַדערן.

— נעמט, זײַט מוחל, טוט אָן... — האָט דער פאַרקויפער צוגעטראָגן צו איִיבין עפּעס אַ מאַנטל.

— איז דאָס מײַן פרײַז?

— זײַט ניט קײן גרינגער, מעסט אָן.

איִיבי האָט אָנגעמאָסטן די סחורה.

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם? — האָט דער פאַרקויפער גע־זאָגט מיט התפּעלות. — אָט אַזוי ווי אויף אײַך גענײט. איך זאָג אײַך, אַז דאָס בגד׳ל איז פּראַכטפול.

ווען איִיבי האָט דערפילט אויף זיך אַ גאַנצן און „נײַען" מאַנטל, האָט ער זיך פון גרויס גליק אינגאַנצן פאַרלאָרן, ער האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס צו רעדן.

— נו, ווי פילט איר זיך אין אים? — האָט דער פאַרקויפער געפרעגט בײַ איִיבין.

— ווי?... גוט... אָבער... דאַכט זיך...

— וואָס דאַכט זיך?

— עפּעס אין די אַרבל ציט.

— לאָזט אַראָפּ די הענט גוט, נידעריקער... ע, ווי אַ מאַן האלט

עס די הענט! איר האָט הפנים קיינמאָל קיין רעכטן בגד ניט געטראָגן, מיסטער לעבן.

איַיבי האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט.

— נו? — האָט דער פאַרקויפער געפרעגט.

— איצט איז בעסער. — האָט איַיבי געענטפערט.

— געוויס בעסער! — האָט דער פאַרקויפער באַשטעטיקט. — מיך וועט איר שוין ניט נאַרן, איך זע, אַז דאָס איז ווי פאַר איַיך גע־אָרדערט געוואָרן.

— וויפיל קאָסט עס? — האָט איַיבי געפרעגט.

— דאָס שטיקל סחורה'לע וועט אייַך קאָסטן זיבן דאָלער.

איַיבי האָט געוואָלט אַ באָט טאָן פינף דאָלער, אָבער ער האָט אין זיך ניט געהאַט דעם מוט צו טאָן אַזאַ זאַך.

— גיט אַ ביליקערן. — האָט ער אַ זיפץ געגעבן.

— די סחורה איז אַן אויסגעצייכנטע! — האָט דער פאַר־קויפער געגומען לויבן דעם מאַנטל.

— איך זע, אָבער איך קען ניט ספּענדן.

— קענט איר ספּענדן זעקס דאָלער?

— זעקס?... איך ווייס... — האָט געשטאַמלט איַיבי.

— זאָל איך פאַרפּאַקן?

— וועט עס ניט גיין פאַר פינף? — האָט שטיל און דערשראָקן איַיבי געפרעגט.

— זאָל איך אַזוי האָבן פינף מזל'דיקע יאָרן, — האָט אָפּ־געשוואָרן דער פאַרקויפער, — ווי עס קאָסט זיך מער.

קורץ גערעדט, איַיבי האָט באַצאָלט פאַר דעם מאַנטל זעקס דאָלער, און ער איז אַ צעהיצטער, אַ צופרידענער אַרויס פון קעלער מיט דעם פאַרפּאַקטן מאַנטל אונטער'ן אָרעם.

— אַ דאָלער געראַטעוועט, אויך גוט! — האָט ער גערעדט פאַר זיך, און ער האָט זיך געאיַילט אַהיים.

ד.

— געקויפט? — האָט יאַכנע באַגעגנט איר מאַן מיט שמחה.

— געקויפט! — האָט איַיבי געענטפערט.

— אַ נייַעם?

איַיבי האָט צוגעשוויגן.

— אַ נייַעם? — האָט יאַכנע איבערגעפרעגט.

— אַ ביסל אַ צוגעניצטן... אָבער אַ טייַערע סחורה.

—ווייַז אָקאָרשט אַ בליק געבן...—האָט יאַכנע געזאָגט דערשראָקן.

יאַכנע האָט גענומען דעם מאַנטל אין אירע הענט, זי האָט אים באַטראַכט. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ כאַפּ געגעבן; איר פּ נ י ם איז געוואָרן טויט-בלאַס.

— ווי איז מיר! — האָט זי אויסגעשריען אַ פאַרציטערטע.

איַיבי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, און ער האָט ניט גע־וואוסט, וואָס מיט איר טוט זיך.

— וואָס איז דאָרטן? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

— דאָס איז דאָך דיין מאַנטל! — האָט יאַכנע ווייטער אַ גע־שריי געגעבן. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און האָט גענומען אַרום־לויפן איבער'ן צימער.

— ווי הייסט מיינער?... — האָט געשטאַמלט איַיבי.

— דיינער... דיין שמאַטע, וועלכע דו האָסט פאַראיאָרן אַרויס־געוואָרפן אין מיסט-פעסל.

— ביסט משוגע? — האָט איַיבי אויך געגעבן אַ געשריי, אָבער די נ ש מ ה איז ביי אים אַוועק אין די שפּיצן פון די פיס-פינגער.

— דיינער... דיינער... ווי! ווי! ווי! ביסטן געשלאָפן? נאַ, קוק! — האָט יאַכנע גענומען צייגן איר מאַן דעם געקויפטן מאַנטל. — אָט זיינען אַלע ס י מ נ י ם: אָט איז נאָך דער לעצטער גוואַלטרים, וועלכן איך האָב פאַרריכט... אָט איז נאָך אַ ס י מ ן אויפ'ן אונטער־שלאַק, וואו אונזער ח י י מ'קע, אונז צו לאַנגע יאָר, האָט געבראָכן... אוי ווי, ווי!...

יאַכנע איז געווען אין דער העכסטער שטופע פון פאַרצווייפלונג, און איַיבי איז געבליבן שטיין ווי פון אַ דונער אַ דערשלאָגענער...

— וויפיל האָסטו באַצאָלט?

— זעקס דאָלער.

— ווער האָט דיר געהייסן... שלים-שלים-שלימאַזל! ווי! ווי! ווי איז מיר! זעקס דאָלער! יעדע פּעני קאָסט מיך בלוט...

יאַכנע האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען וויינען.

— שאַ, זיי ניט פאַרריקט... — האָט איַיבי פאַרביטערטערהייט געשטאַמלט. — איך גיי איבערבייטן... ער איז גלייך אַרויס פון הויז, און ער איז אַוועק צו דעם זעלבן ביזנעסמענט, וואו ער האָט געהאַנדלט זיין מ צ י א ה.

וואָס ביי איַיבין איז דאָרטן פאָרגעקומען מיט'ן סטאָרקיפּער איז שווער צו זאָגן. אָבער דער פאַקט איז געווען, אַז אין אַ שטונדע אַרום האָט זיך איַיבי אַ האַלבער אַ טויטער צוריקגעשלעפּט און אונטער זיין אָרעם האָט ער געטראָגן דעם זעלבן מאַנטל, וועלכן ער האָט פריער געהאַנדלט.

ז. ליבין.

אַן אָרים מאָלציַיט.

מען האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ חתונה, אויף אַ אידישער חתונה. אַ חתונה, וואו אידן און אידישע טעכטער גייען געקליידט אין דיזעלבע שבת־יום־טובֿ׳דיקע קליידער, אין וועלכע זיי גייען אין שול אַריין.

אַ חתונה, וואו מען פאַרבייסט מיט לעקאַך און שטרודל, מען עסט שבת׳דיקע פיש מיט פרישע בולקעס, גאָלדענע יויך, געפילטע הינדלאַך, געבראָטענע קאַטשקעס, און וויין טרינקט מען פון גרויסע וויַיסע לויטערע פלעשער.

אַ חתונה מיט אויפרופעניש, אַ פאָרשפיל, אַ דאָבראָנאָטש, אַ חתן־מאָל און מיט אַן אָרים מאָלציַיט.

ר׳ יצחק־איַיזיק בערקאָווער האָט אויף אַלע זיַינע קינדערס חתונות געמאַכט אַן אָרים מאָלציַיט, און איצט, אויף זיַין מוזינקעס חתונה, האָט ער אויך פאַרבעטן אַלע אָרימעליַיט פונ׳ם שטעטל ליפּאָוועץ צו זיך אין דאָרף אַריַין, וואו ער האָט אַלע זיַינע יאָרן געוואוינט.

עס איז שוין דער חופה־טאָג, שוין צוויי אַ זייגער, און די אָרימעליַיט, נאָך וועלכע מען האָט נאָך אין דער פרי געשיקט אַ משרת מיט דריַי גרויסע וועגן, זיַינען נאָך נישטאָ. קיַין ליפּאָוועץ איז אינגאַנצן פינף וויאָרסט; וואָס קען עס זיַין? אַלע מחותנים און די געסט וואַרטן מיט דער חופה.

ענדלאַך לויפט דער משרת, ריַיטנדיק אויף אַן אויסגעשפּאַנט פערדל, נאָר אָן אָרימעליַיט.

— וואָס איז? צוריק אַליין? — האָט ר׳ יצחק־איַיזיק געפרעגט.

— זיי ווילן נישט! — ענטפערט דער משרת.

— וואָס הייסט, זיי ווילן נישט? — האָבן אַלע פאַרוואונדערט געפרעגט.

— זיי זאָגן, אַז אויב מע וועט זיי נישט טיילן יעדן באַזונדער צו קערבלאַך, וועלן זיי נישט פאָרן אויף דער חתונה.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט; דער משרת האָט וויַיטער דערציילט:

— אין ליפּאָוועץ איז היַינט אויך געווען אַ חתונה מיט אַן אָרים מאָלציַיט, האָבן זיי זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, און איצט

בונטעווען זײַ זיך, אַז אויב מע וועט זײַ נישט טײַלן קײַן קערבלאַך, רירן זײַ זיך נישט פון אָרט. מער פון אַלע אָרימעלײַט בונטעווען דער קרומער מיט בײַדע קוליעס, דער לאַנגער מקבל, פײַטל היקעוואַטע און יאַנקל פּאַנפּאַטש; די אָרימעלײַט וואָלטן אפשר געפּאָרן, נאָר די לאָזן נישט. נו, האָב איך נישט געוואוסט, וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב מיט זײַ אַ גאַנצע שעה גע׳טענה׳ט און גאָרנישט אויסגעפירט, האָב איך אויסגעשפּאַנט אַ פערד און בין געלאָפן אײַך פרעגן, וואָס מען טוט.

מיר אַלע האָבן נישט אויפגעהערט צו לאַכן פון די אָרימעלײַטס סטרײַק, נאָר ר׳ יצחק־אײַזיק איז זײַער אין כעס געוואָרן.

— נו, און דו האָסט זיך געדונגען, זײַ ווילן נישט ביליקער? — האָט ער געפרעגט דעם משרת.

— יאָ, געדונגען זיך, זײַ ווילן נישט נאָכלאָזן קײַן קאָפּיקע.

— אַזוי טײַער איז בײַ זײַ די סחורה געוואָרן? — האָט ר׳ יצחק־אײַזיק זיך אָנגערופן מיט אַ בײזן געלעכטער. — פאַר־וואָס־זשע האָסטו נאָך דאָרט איבערגעלאָזט די וועגן? מיר וועלן זיך באַגײן אָן די שלעפּערס.

— איך ווײס? איך האָב נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איך האָב מורא געהאַט. איר זאָלט נישט שרײַען אויף מיר. איך וועל איצט לויפן ברענגען די וועגן.

— וואַרט אויס, לויף נישט! האָב צײַט אַ ביסל!

ר׳ יצחק־אײַזיק האָט אָנגעהויבן טענה׳ן מיט די געסט און מיט זיך אַלײן:

— וואָס הײַסט עס? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? אָרימע־לײַט זאָלן מיר זאָגן אַ דעה, זיך דינגען מיט מיר דערפאַר, וואָס איך וויל, זײַ זאָלן עסן אַ גוטן מיטאָג און געבן יעדן אַ שײנע נדבה. צו קערבלאַך זאָל איך זײַ געבן, ווען נישט, באַשטײען זײַ נישט. כאַ־כאַ! און אַז איך וועל זײַ טײלן צו צוויי גילדן, לוינט זײַ נישט? עס קאָסט זײַ טײַערער אין קראָם אַרײַן? — אַזאַ עזות פון אָרימעלײַט! כאַפּט זײַ דער וואַטנמאַכער, איך וועל זיך באַגײן אָן זײַ.

— כלי־זמר, שפּילט! וואו איז דער שמש? מען קען שוין באַזעצן די כלה.

נאָר באַלד האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואַרט נאָך אויס אַ ביסל, עס איז נאָך פרי... פאַרוואָס קומט עס מיר, מען זאָל מיר פאַרשטערן מײַן שמחה! שוין־זשע זאָל איך חתונה מאַכן מײַן מוזינקע אָן אָן אָרים מאָלצײַט? איך וואָלט זײַ געטײלט צו האַלבע קערבלאַך, עס גײט מיר נישט אין

געלט, נאָר וואָס הייסט דינגען זיך מיט מיר? נו, מ י ל א, איך האָב מיינס געטאָן, זיי ווילן נישט — דאַרף מען נישט, זיי וועלן שפּעטער ח ר ט ה האָבן. נישט אַלע טאָג טרעפט זיך פּאַר זיי אַזוינע ח ת ו נ ו ת, מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי.

— נו, מען קען שוין באַזעצן די כ ל ה? — איז צוגעגאַנגען דער ש מ ש און געפרעגט ביי אים.

— מען קען שוין... ניין, מען זאָל נאָך אַ ביסל וואַרטן...

כ מ ע ט אַלע געסט האָבן מיט כ ע ס געשריגן, אַז מען זאָל זיך באַגיין אָן די שלעפּערס.

ר' י צ ח ק־אייזיקס פּ נ י ם האָט זיך פּלוצים איבערגעביטן, דער כ ע ס איז אַראָפּ, און ער האָט זיך געווענדט מיט אַ ב ק ש ה צו מיר און צו נאָך אַ פּאָר פריינד פון זיינע געסט, מיר זאָלן פאָרן אין שטעטל איבעררייידן מיט די אָרימעלייט.

— ער האָט קיין ש כ ל נישט. מען קען זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן. — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם מ ש ר ת.

מען האָט געשפּאַנט אַ פערד און וועגל און מיר זיינען אָוועקגע־פאָרן. דער מ ש ר ת איז אויך מיט דעם אויסגעשפּאַנטן פערדל אונז נאָכגעלאָפן.

— אַ בונט, אַ סטרייק פון אָרימעלייט, ווי געפעלט עס אייך? — האָבן מיר דעם גאַנצן וועג גערעדט צווישן זיך. — איך האָב געהערט אַ בונט פון אַרבעטער, זיי ווילן נישט אַרבעטן, מען זאָל זיי צאָלן טייַ־ערער, און דעסגלייכן; אָבער אַ סטרייק פון אָרימעלייט — אָרימע־לייט זאָלן וועלן העכערן דעם פרייז פון דער נ ד ב ה פאַר אַן אומ־זיסטיקן מיטאָג, דאָס האָב איך נישט געהערט.

אין צוואַנציק מינוט אַרום זיינען מיר שוין אַריינגעפאָרן אין שטעטל.

אין מיטן שטעטל אויף דעם מאַרקפּלאַץ זיינען געשטאַנען דריי גרויסע פּויערשע וועגן, אָנגעפּאַקט מיט פרישע שטרוי. די קליינע פערדלאַך, שטייענדיק אויסגעשפּאַנט, האָבן געגעסן פון די טאָרבעס; אַרום די וועגן זיינען געשטאַנען אַ הונדערט אָרימע לייט, שטומע, הינקעדיקע, אַ ס ך בלינדע, און כ מ ע ט אַ האַלב שטעטל ווייַסע ח ב ר ה מיט אַזוי לייִדיקגייער.

אַלע האָבן ווילד געשריען און גע'ר ע ש'ט.

דער קרומער איז געזעסן אויף דער פור און געקלאַפּט מיט די קוליעס אין וואָגן; דער לאַנגער מ ק ב ל מיט אַ רויטן פלאַסטער אויף דעם האַלז איז געשטאַנען לעבן קרומען.

די בײדע הויפּט-בונטאָװשטשיקעס האָבן גערעדט צום פֿאָלק, צו די אביונים.

— כאַ, כאַ! — האָט דער לאַנגער מקבל געשריען, װי ער האָט אונז מיט דעם משרת דערזען. — זײ פֿאָרן אונז שױן בעטן.

— בעטן! — האָט דער קרומער געזאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קוליעס.

— פֿאַרװאָס פֿאָרט איר נישט אויף דער חתונה? אויף דער סעודה? — האָבן מיר געפֿרעגט. — נדבות װעט מען יעדן געבן.

— װיפֿיל? — האָבן אַלע געפֿרעגט.

— מיר װײסן נישט. װיפֿיל מען װעט אײַך געבן, אַזױ פֿיל װעט איר נעמען.

— צו קערבלאַך װעט מען אונז געבן? אַ נישט פֿאָרן מיר נישט.

— װעט זײַן אַ לאָך אין הימל, אַז איר װעט נישט פֿאָרן. — האָבן זיך אָנגערופֿן אײניקע פֿון די װײַסע חברה.

די אָרימעלײַט האָבן זיך געװאָרפֿן אויף זײ מיט די שטעקנס, עס איז געװאָרן אַ שטיקל געפּילדער.

דער לאַנגער מקבל האָט זיך, שטײענדיק אויף דער פֿור, אויסגעצױגן אַזױ גרױס, װי ער איז, און אָנגעהויבן שרײַען:

— שאַט, שאַט, שאַ-אַ! שטילער, װיסטע קאַליקעס! מען הערט נישט, װאָס מען רעדט, לאָז מען הערן, װאָס מענשן רײדן! — און זיך געװענדט צו אונז מיט די װערטער:

— איר זאָלט װיסן, ליבע אידן, אַז מען װעט אונז נישט טײלן קײן קערבלאַך, װעלן מיר זיך נישט רירן פֿון אָרט. נישקשה, ר׳ יצחק-אײַזיק װעט אָן אונז נישט חתונה מאַכן זײַן מוזינקע, און װאו װעט ער קריגן איצטער אַנדערע אָרימעלײַט? פֿאָרן קײן לונעץ, װעט אים קאָסטן טײַערער פֿורן דינגען, און ער װעט מוזן אָפּלײגן די חופּה.

— װאָס מײנט איר, אַז מיר זײַנען אָרימעלײַט, קען מען שױן טאָן מיט אונז, װאָס מען װיל? — האָט זיך אַרױסגעכאַפּט אויף דעם ראָד פֿון װאָגן אַ נײַער בונטאָװשטשיק, אַ בלינדער אויף אײן אויג און מיט אַ שמאַטע אונטערגעבונדן די צײן. — קײנער קען אונז נישט נײטן, מיר זאָלן פֿאָרן, אפֿילו דער פּאָליצמײַסטער און דער גובערנאַטער קענען אונז גאָר נישט טאָן. — צו קערבלאַך, אַז נישט דאַרף מען נישט.

— ק-ק-קערבלאַך! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ היקעװאַטער אביון.

— ניִענבלאַך! — האָט געשריִען אַ פּאַנפּעוואַטער.

— אַ קאַרבוין! אַ קאַרבאָוואַניץ! — האָבן אונטערגעטאַנצט צוויי פריילאַכע ק ב צ נ י ם.

— קערבלאַך! קערבלאַך! — האָבן געשריִען אַלע אָרימעלײַט.

אין זייער שרײַען, אין זייער ריידן איז געלעגן אַזוי פיל כ ע ס און נ י צ ח ו ן, אַז זיי האָבן, דאַכט זיך, איצט אויסגעגאָסן זייער גאַנצע ביטערע גאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זייער טרויעריק, אומגליקלאַך פאַרביטערט לעבן.

זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געשוויגן, געמוזט שווײַגן, געמוזט אַראָפּשלינגען אַלע באַליידיקונגען פון יעדן, וואָס האָט זיי אַ גראָשן געגעבן אָדער אַ שטיקל ברויט מיט אַן אָפּגעגריזעטן ביין געוואָרפן. איצט האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געהאַט דאָס פאַרגעניגן אויסגיסן זייער גאַל. זיי האָבן איצטער געהאַט דאָסזעלבע פאַרגעניגן, וואָס די רײַכע, וועלכע גיסן פון גרויס וואוילטאָג אויס יעדן טאָג די גאַל אויף זייערע דינסטן און מ ש ר ת י ם, און מען רופט דאָס אָן „ג ב י ר'ישע קאַפּריזן“. אין דעם וואָרט „קערבל“ האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל זיך אויסגערעדט זייער אייביק פאַרביטערט, פול מיט פאַרדראָס, א ב י ו נ'יש האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי געפילט, אַז די זאַטע גליקלאַכע מענשן דאַרפן צו זיי אויך אַמאָל אָנקומען, און זיי וועלן אויספירן, זיי וועלן מ נ צ ח זײַן.

און טאַקע אַזוי ווי מיר ט ע נ ה'ן מיט זיי, איז אָנגעקומען אַ נײַער ש ל י ח פון ר' י צ ח ק־אײַזיקן, אַז די אָרימעלײַט זאָלן באַלד קומען, מען וועט זיי טיילן צו קערבלאַך.

עס איז געוואָרן אַ גערויש, אַ געפילדער, די דרײַ וועגענער האָבן זיך אָנגעפילט מיט ק ב צ נ י ם. דער האָט געשריִען: מײַן קראַנקע האַנט, דער — מײַן פוס, און דער — אוי, מײַנע צעבראָכענע ביינער! פריילאַכע ק ב צ נ י ם! זיצנדיק אין וואָגן, האָבן זיי אונטערגעטאַנצט און אונטערגעזונגען.

די פערדלאַך האָט מען דערווײַל אײַנגעשפּאַנט און פריילאַך, לעבעדיק האָט מען אָנגעהויבן פאָרן. ווײַסע ח ב ר ה האָט זיי באַגלייט מיט אַ גרויסן „הוראַ“ און נאָכגעוואָרפן שטיינדלאַך מיט אַ קווי־טשערײַ און אַ געפײַפערײַ.

די אָרימעלײַט האָט זיך, דאַכט זיך, אויסגעוויזן, אַז מען באַוואַרפט זיי מיט בלומען און מען באַגלייט זיי מיט מוזיק — אַזוי גליקלאַך האָבן זיי זיך איצט געפילט פון זייער נ י צ ח ו ן.

דאָס ערשטע מאָל און א פ ש ר דאָס לעצטע מאָל אין זייער

לעבן האָבן זײ הײַנט געערדט מיט אַ הויך ק ו ל און אויסגעפירט, וואָס זײ האָבן געוואָלט.

*　*

*

נאָך דער ח ו פ ה, נאָך דער גאָלדענער יויך, ד. ה. צו דער „וועטשערע", האָט מען געגרייט טישן פאַר די געסט און אויך באַזונדערע טישן פאַר די אָרימעלײַט.

ר' י צ ח ק־אײַזיק מיט זײַנע נאָענטע הויז־מענשן האָבן באַדינט די אָרימעלײַט, געבעטן זײ עסן און טרינקען.

— ל ח י י ם , ר' י צ ח ק־אײַזיק! איר זאָלט האָבן נ ח ת פון אײַערע קינדער און זײַן אַ גרויסער ג ב י ר! — האָבן די אָרימעלײַט געוואונשן.

— ל ח י י ם, ל ח י י ם, אידן! טרינקט געזונט! גאָט זאָל העלפן כ ל ל י ש ר א ל און אײַך אויך צווישן זײ. — האָט ר' י צ ח ק־אײַזיק זײ געענטפערט.

נאָך דער וועטשערע האָבן די כ ל י ־ ז מ ר געשפּילט, און די אָרימעלײַט מיט ר' י צ ח ק־אײַזיקן האָבן געטאַנצט אַ ראָד מיט אַ „פרײַלאַכס".

דאָ איז שוין צו ר' י צ ח ק־אײַזיקס גליק קײַן גלײַכן ניט געווען. ער האָט געטאַנצט אין מיטן ראָד, די זײַדענע פּאָלעס פון זײַן לאַנגער קאַפּאָטע זײַנען געפלויגן, ווי צוויי פליגל פון אַן אָדלער; די אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך געגאָסן טרערן פון פרייד, פאַרגלאָצט אַרויף, און זײַנע געדאַנקען זײַנען געפלויגן נאָך העכער פון „זיבעטן הימל". ער האָט געלאַכט און געוויינט, ווי אַ קליין קינד, זיך אַלע מאָל אַרומנעמענדיק מיט די אָרימעלײַט, זײ געהאַלזט און געקושט.

— ברידער! — האָט ער געשריען טאַנצנדיק. — לאָמיר זײַן פרײַלאַך! לאָמיר זײַן אידן! כ ל י ־ ז מ ר י ם! שפּילט אַ פרײַלאַכס! פרײַלאַכער, לעבעדיקער, שטאַרקער, אידן!...

— אָט אַזוי איז אַ איד פרײַלאַך!

— אָט אַזוי מאַכט אַ איד ח ת ו נ ה!

האָבן די אָרימעלײַט און די געסט צוגעפּאַטשט מיט די הענט נאָך דעם טאַקט פונ'ם פרײַלאַכס.

מ. ספּעקטאָר.

דאָס גרויסע געווינס.

אַ וואונדערבאַרע מעשה, ווי אַזוי טביה דער מילכיקער, אַ איד אַן אָרימאַן, אַ מטופל מיט קינדער, איז פּלוצים מיט אַמאָל באַגליקט געוואָרען דורך אַ משונה־ווילדן פאַל, וואָס איז כדאי מען זאָל דאָס באַשרייבן אין אַ ביכל. דערציילט פון טביה'ן אַליין און איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט.

— אַז ס'איז באַשערט דאָס גרויסע געווינס, הערט איר, פּאַני שלום־עליכם, קומט דאָס גלײַך אין שטוב אַרײַן; ס'איז גאָר נישטאָ דערבײַ קײַן שכל מיט קײַן בריה'שאַפטן, און טאָמער חלילה פאַרקערט, מעגט איר צעזעצט ווערן ריידנדיק, וועט אײַך העלפן ווי דער פאַר־אַ־יאָריקער שניי, ווי זאָגט איר: אין חכמה ואין עצה נגד אַ שלעכט פערד; אַ מענש האָרעוועט, ווערט אויסגעריסן, כאָטש נעם לייג זיך, שונאי ציון, און שטאַרב! פּלוצים, מע ווייס נישט פון וואָס און פון וואַנען — עס פערדלט פון אַלע זײַטן. אַ איד, כל זמן שהנשמה בקרבי — עס שלאָגט זיך נאָך אַן אָדער, טאָר ער נישט פאַרלירן דעם ביטחון. איך האָב דאָס אַרויסגעזען פון זיך אַליין טאַקע, ווי אַזוי דער איבערשטער האָט מיט מיר געפירט, מיט מײַן איצטיקער פרנסה: וואָרים ווי קום איך גאָר פאַרקויפן קעז און פוטער אין מיטן דרינען, אַז מײַן באָבעס באָבע האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט מיט קײַן מילכיקס? ס'איז בנאמנות כדאי, איר זאָלט אויסהאָרכן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביז'ן סוף. איך וועל זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלע אָט דאָ לעבן אײַך, אויפ'ן גראָז, לאָז זיך דאָס פערדל דערווײַל עפּעס קײַען, אויך אַ באַשעפעניש בײַ גאָט.

בקיצור, דאָס איז געווען אַרום שבועות־צײַט, דאָס הייסט: איך זאָל אײַך נישט זאָגן קײַן ליגן, אַ וואָך אָדער צוויי פאַר שבועות, און אפשר, האַ? אַ פּאָר וואָכן נאָך שבועות. פאַרגעסט נישט, ס'איז שוין, פּאַוואָלינקע, איך זאָל אײַך זאָגן אַקוראַט, אַזוי גרויס ווי אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, דאָס הייסט, פּונקט נײַן יאָר אָדער צען און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק.

איך בין דעמאָלט געווען, ווי איר זעט מיך אָטאָ, גאָר נישט דער, וואָס איצטער, דאָס הייסט, טאַקע דער אייגענער טביה, נאָר פאָרט נישט דער, ווי זאָגט איר: די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט, דהיינו, וואָס? איך בין געווען, נישט פאַר אײַך געדאַכט,

אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. כאָטש אפילו, אַז מע וויל שמועסן דאָס אײגענע ווידער צוריק, בין איך נאָך איצט אויך גאַנץ ווײַט פון אַ נגיד; וואָס מיר פעלט צו בראָצקין, מעגן מיר זיך דאָס בײדע ווינשן פאַרדינען דעם הײַנטיקן זומער ביז נאָך סוכות. נאָר וועדליק אַמאָל, בין איך הײַנט, הײסט דאָס, אַ איד, אַ נגיד, מיט אַ פערד און וועגעלע אַן אײגנס, מיט, קײַן עין-הרע, בהמה׳לאַך אַ פּאָר, וואָס מעלקן זיך, מיט נאָך אײנער, וואָס האַלט אָט-אָט בײַ אָפּקעלבן זיך. ס׳איז דאָ, נישט צו פאַרזינדיקן, קעז און פּוטער און סמעטענע פרישע אַלע טאָג, אײגענע האָרעוואַניע. וואָרים מיר אַלע אַרבעטן, קײנער זיצט נישט לײדיק. מײַן ווײַב, זאָל לעבן, מעלקט די בהמות, די קינדער טראָגן קריגלאַך, שלאָגן פּוטער, און איך אַלײן, ווי איר זעט אָטאָ, פאָר מיר אַרויס אַלע פרימאָרגן אויפ׳ן מאַרק, גײ דורך אַלע דאַטשעס אין בויבעריק, מע זעט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אַלע גרעסטע באַלעבאַטים פון יעהופּעץ, מע רעדט זיך דורך אַ ביסל מיט אַ מענטשן, פילט מען, אַז מען איז אויך עפּעס אַ שטיקל מענטש אויף דער וועלט, ווי זאָגט איר, נישט קײַן הינקעדיקער שנײַדער. און ווער שמועסט שבת, בין איך דאָך גאָר אַ מלך, קוק אַרײַן אין אַ אידישן ספר, אַ פּרשה חומש, אַ ביסל תרגום, תהילים, פּרק, דאָס, יענעס, לאָקש, בוידעס. — איר קוקט מיך אָן, פּאַני שלום-עליכם, און טראַכט זיך אוודאי בשעת-מעשה אין האַרצן: „ע, אָט דער טביה איז דאָך עפּעס טאַקע גאָר אַ איד, וואָס קאַטאָרי!“...

בקיצור, וואָס זשע האָב איך אײַך אָנגעהויבן צו דערצײלן? יאָ, בין איך, הײסט דאָס, דעמאָלט געווען, מיט גאָטס הילף, אַ ביטערער אָרעמאַן, געשטאָרבן, נישט פאַר קײן אידן געדאַכט, מיט ווײַב און קינדער דרײַ מאָל אין טאָג פון הונגער, אַ חוץ וועטשערע. געהאָרעוועט האָב איך ווי אַן אײזל, געשלעפּט קלעצער פון׳ם וואַלד צום וואָגזאַל אַ פולן וואָגן, עס זאָל אײַך צו קײַן חרפּה נישט זײַן, פאַר צווײ גילדן אַ טאָג, און דאָס נישט אַלע טאָג, און דערמיט גײ האַלט אויס, קײַן עין-הרע, אַזאַ שטוב מיט פיקערס, זאָלן געזונט זײַן, מיט, להבדיל, אַ פערד אויף קעסט, וואָס וויל נישט וויסן, וואָס רש״י מאַכט, באַדאַרף קײַען אַלע טאָג, גאָר אָן אַ שום תירוץ.

וואָס טוט גאָט? ער פירט דאָך דאָס וועלטל קלוג, מיט שכל, זעט ער, ווי איך מוטשע זיך דאָ אַזוי פאַר׳ן שטיקל ברויט, מאַכט ער צו מיר: „דו מײנסט דאָך, טביה, אַז ס׳איז שוין עק וועלט, דער הימל איז אויף דיר געפאַלן? פע, ביסט אַ גרויסער נאַר! אָט וועסטו

זען, ווי אזוי, אז גאָט וויל נאָר, טוט זיך דאָס מזל אויף אַ מינוט אַ דריי, און עס ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלאַך. דער עיקר איז ביטחון: אַ איד באַדאַרף האָפן, נאָר האָפן; אַ וואָס? טאָמער ווערט מען דערוויי̆ל פאַרשוואַרצט? דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלאַך אידן אויף דער וועלט; ווי זאָגט איר: אתה בחרתנו.— נישט אומזיסט איז אונז די וועלט מקנא... אַקעגן וואָס שמועס איך דאָס? איך שמועס עס אַקעגן דעם, ווי אַזוי גאָט האָט מיט מיר געפירט, טאַקע נאָר נסים ונפלאות, איר מעגט דאָס הערכן.

ויהי היום, איין מאָל פאַרנאַכט פאָר איך מיר אַזוי זומערלעבן אין וואַלד, שוין צוריק אַהיים, אָן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפ'ן הארצן ווייסט און פינסטער; דאָס פערדל, נעבאָך, קוים וואָס עס פּלאָנטערט מיט די פיס, כאָטש האַק, כאָטש בראָק. „קריך, זאָג איך, שלימאַזל, אין דער ערד אריין גלייך מיט מיר, ווייס אויך, וואָס באַדייט אַ תענית אין אַ לאַנגן זומער־טאָג, אַז דו שטייסט איין ביי טביה'ן פאַר אַ פערד!"

שטיל אַרום און אַרום, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד; די זון זעצט זיך, דער טאָג ער גוסס'ט; די שאָטנס פון די ביימער ציען זיך אוים לאַנג, ווי דער אידישער גלות; עס הייבט אָן ווערן פינסטערלאַך און שטאַרק סומנע אויפ'ן הארצן; פאַרשידענע געדאַנקען, מחשבות'ן קריכן אין קאָפּ אריין. און דאָ דערמאָן איך זיך די היים: אַז אָך און וויי איז מיר! אין שטוב איז פינסטער, חושך; די קינדערלאַך, זאָלן געזונט זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקן אַרויס, נעבאָך, אויפ'ן טאַטן, דעם שלימאַזל, טאָמער וועט ער ברענגען אַ ברייטל אַ פרישס, און אפשר אַ בולקע אַהיים; און זי, די אַלטע מיינע, געוויינטלאַך אַ אידענע, וואָרטשעט: „קינדער באַדאַרף איך אים האָבן, און נאָך זיבן דערצו; כאָטש נעם, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, וואַרף זיי אריין לעבעדיקערהייט אין טייך אריין!" גוט צו הערכן אַזעלכע דיבורים? מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענש (ווי זאָגט איר, אַ „בשר ודגים"), דעם מאָגן קאָן מען מיט קיין ווערטער נישט פאַרשטאָפּן; מע כאַפּט אַ שטיקל הערינג, גלוסט זיך טיי, און צו טיי באַדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איר, איז ביי בראָצקען. פאַר'ן שטיקל ברויט, זאָגט מיין ווייב, זאָל לעבן, וועט די קישקע נישקשה מוחל זיין, נאָר אָן דעם גלעזל טיי, זאָגט זי, בין איך אין דערפרי גאָר אַ טויטע; דאָס קינד, זאָגט זי, אַ גאַנצע נאַכט ציט פון מיר די קליי!"

און דערוויי̆ל איז מען דאָך עפּעס אַ איד אויף דער וועלט, מנחה איז טאַקע, ווי זאָגט איר, נישט קיין ציג, זי וועט נישט אַנטלויפן, נאָר

דאוונען דארף מען, מאלט אייך דאס שיינע דאוונען, וואס קאן שוין זיין, אז פונקט בשעת שטעלן זיך „שמונה־עשרה", צע־לאזט זיך, מעשה־שטן, דאס פערדל משוגע׳נערווייז, באדארף מען לויפן נאכ׳ן וואגן, איינהאלטן די לייצעס און זינגען.— שיין געשטאנען שמונה־עשרה! און דא, ווי אויף צו להכעיס, גלוסט זיך דווקא דאוונען געשמאק, מיט הארץ, טאמער וועט ווערן גרינגער אויף דער נשמה...

בקיצור, איך לויף מיר אזוי נאכ׳ן וואגן און זאג די שמונה־עשרה הויך, מיט א ניגון, ווי להבדיל, ביים עמוד:

פלוצים — סטאי! דאס פערדל האט זיך אנידערגעשטעלט. איך כאפ אפ אויף דער גיך דאס שטיקל שמונה־עשרה, איך הייב אויף די אויגן און טו א קוק — עס קומען מיר אקעגן גלייך פון וואלד ארויס צוויי משונה־מאדנע נפשות, אנגעטאן נישט ווי געוויינטלאך.

„גזלנים!" איז מיר דורכגעפלויגן א געדאנק אין קאפ; איך האב זיך אבער באלד פארכאפט צוריק: „פע, טביה, ביסט א שוטה! ס׳טייטש, דו פארסט אין וואלד שוין אזוי פיל יארן, ביי טאג און ביי נאכט; וואס איז דיר עפעס פלוצים היינט איינגעפאלן גזלנים?" — וויא! מאך איך צום פערדל און נעם זיך אן מיט הארץ און גיב דעם א פאר שמיצלאך פון הינטן, גלייך ווי נישט מיך מיינט מען.

— רב איד! הערט נאר, רב קרוב! — מאכט צו מיר איינע פון די צוויי נפשות און ווינקט צו מיר מיט א פאטשיילע. — א נו, שטעלט זיך נאר אפ אויף א רגע׳לע, ווארט צו א ווײַלעטשקע!

איך שטעל אפ דאס פערדל. איך הייב אן גוט איינצוקוקן זיך אין די צוויי נפשות: נקבות; איינע אן עלטערע מיט א זיידן טיכל אויפ׳ן קאפ, די אנדערע א אינגערע מיט א פארוק, ביידע רויט ווי פייער און שטארק פארשוויצט.

— א גוטן אוונט! — מאך איך צו זיי שטארק אויף א קול, כלומר׳שט אין גוטן מוט. — וואס איז אייער באגער? אויב איר מיינט עפעס קויפן, וועט איר ביי מיר נישט געפינען גאר נישט.

— שא, שא, — מאכן זיי. — מיר דארפן, זאגן זיי, נישט קויפן גאר נישט, מיר האבן נאר געוואלט א פרעג טאן ביי אייך, אפשר ווייסט איר, וואו איז דא ערגעץ דער וועג קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק? — מאך איך, און צעלאך זיך כלומר׳שט. — עס האט ביי מיר, זאג איך, אזא פנים, פונקט ווי איר זאלט מיך א שטייגער פרעגן, צי ווייס איך, אז מען רופט מיך טביה.

— אזוי? מע רופט אייך טביה? א גוטן אוונט אייך, רב

טוביה! מיר פארשטייען נישט, וואס איז דא, מאכן זיי, דער גע־לעכטער? מיר זיינען פרעמדע, פון יעהופעץ זיינען מיר, און וואוינען דא אין בויבעריק אויף א דאטשע. זיינען מיר, זאגן זיי, ארויס־געגאנגען אויף א מינוטקעלע שפאצירן און דרייען זיך ארום אזוי אין דעם דאזיקן וואלד פאוואלינקע פון גאנץ פרי אן, בלאנדזשען און קאנען נישט בשום־אופן זיך ארויפשלאגן אויפ'ן רעכטן וועג; דערווײלע, זאגן זיי, האבן מיר דערהערט עמיצער זינגט אין וואלד. אז מיר האבן דערזען פון דער נאנט, אז איר זייט, דאנקען גאט, א איד, איז אונז געווארן א ביסל גרינגער אויף דער נשמה. ווייזט אונז דעם וועג קיין בויבעריק!

— קיין בויבעריק? — זאג איך, — ס'טייטש, אט דאס איז דאך דער אמת'ער וועג קיין בויבעריק! איר זאלט אפילו, זאג איך, נישט וועלן, מוזט איר מיט דעם שליאך אנקומען גלייך קיין בויבעריק.

— וואס זשע שווייגט איר? — מאכן זיי צו מיר.

— וואס זשע זאל איך — זאג איך — שרייען?

— ווי באלד אזוי, — מאכן זיי צו מיר, — קערט איר שוין וויסן, איז עס נאך עפעס וויים קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק, — זאג איך, — נישט וויים, עטלאכע ווערסט; דאס הייסט, — זאג איך, — א ווערסט פינף־זעקס אדער זיבן און אפשר טאקע אלע אכט.

— אכט ווערסט?! — האבן אויסגעשריגן ביידע ווייבער מיט אמאל, געבראכן די הענט און שיר נישט צעוויינט זיך אזש. — ס'טייטש, וואס רעדט איר? איר ווייסט, וואס איר רעדט? א ווער־טעלע אויסצורעדן אכט ווערסט?!

— נו, וואס זשע — זאג איך — זאל איך טאן? עס זאל זיין אין מיר געווענדט, וואלט איך דאס געמאכט א ביסל קירצער.

— מיר האבן שוין קיין כוח נישט צו פלאנטען מיט די פיס; א גאנצן טאג האבן מיר א חוץ א גלעזל קאווע מיט א פוטער־בולקע נאך אין מויל נישט געהאט.

— אויב אזוי, — זאג איך, — איז עפעס אנדערש; דעם טעם פון הונגער פארשטיי איך גאנץ גוט, איר באדארפט מיר נישט דער־ציילן. עס קאן זיייער שיין זיין, — זאג איך, — אז איך האב קיין קאווע מיט קיין פוטערבולקע נישט אנגעקוקט שוין פון א יאר. — און אזוי ווי איך רעד, שטעלט זיך מיר פאר א גלעזל הייסע קאווע מיט מילך און מיט א פוטערבולקע א פרישער, מיט נאך גוטע זאכן... „שלימאזל איינער, — טראכט איך מיר, — ביסט טאקע אנדערש נישט געצויגן געווארן, נאר אויף קאווע מיט פוטערבולקעלאך? און א שטיקל

ברויט מיט הערינג ביסטו קראנק?״ און ער, דער יצר־הרע, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, אויף צו להכעיס, קאַווע, אויף צו להכעיס פּוטערבולקע! איך הער דעם ריח פון קאַווע, איך פיל דעם טעם פון פּוטערבולקע פרישע, געשמאַקע, מחיה־נפשות!

— ווייסט איר גאָר וואָס, רב טביה? — מאַכן צו מיר ביידע ווייבער. — טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, אַזוי ווי מיר שטייען אָט אַ דאָ, זאָלן מיר זיך אַרויפכאַפּן צו אייך אויפ׳ן וואָגן, און איר טאָקע אַליין זאָלט זיך מטריח זיין אונז אָפּפירן, במחילה, אַהיים, קיין בויבעריק? — וואָס וועט איר זאָגן דערויף?

— ס׳אַ משל, — זאָג איך, — איך פאָר פון בויבעריק און איר דאַרפט קיין בויבעריק! ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער?

— נו, איז וואָס? — מאַכן זיי. — ווייסט איר נישט וואָס מע טוט? אַ איד אַ למדן גיט זיך אַן עצה: ער פאַרקערעוועט דאָס וועגעלע און פאָרט צוריק. האָט קיין מורא נישט, רב טביה, — זאָגן זיי, — זייט זיכער, אם־ירצה־השם, אַז גאָט וועט אונז ברענגען אַהיים בשלום, ווינשן מיר זיך דאָס אויסקרענקען, וואָס איר וועט צו אונז דערלייגן.

נישט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר פונ׳ם מויל:

— קריכט אין וואָגן!

— מיינע האָבן דערהערט, זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן און מאַרש אין וואָגן אַריין; איך נאָך זיי אויף דער קעלניע, פאַרקערעוועט דעם דישל, שמייס דאָס פערדל: איינס, צוויי, דריי, פּאַשאָל! — ווער, וואָס, ווען! אַ נעכטיקער טאָג! פונ׳ם אָרט וויל דאָס נישט רירן, כאָטש נעם צעשניד דאָס אויף צווייען.

— פאַרוואָס פאָרט איר שוין נישט? — מאַכן צו מיר די ווייבער.

— פאַרוואָס איך פאָר שוין נישט? איר זעט דאָך, — זאָג איך, — פאַרוואָס: דאָס פערדל וויל נישט דאַוונען, ס׳איז נישט אויפגעלייגט.

— גיט דעם מיט דער בייטש, — מאַכן זיי, — איר האָט דאָך אַ בייטש.

— אַ דאַנק אייך — זאָג איך — פאַר דער עצה. גוט, וואָס איר האָט מיך דערמאָנט; דער חיסרון, — זאָג איך, — וואָס מיין בחור שרעקט זיך נישט איבער פאַר אַזעלכע זאַכן; ער איז שוין אַזוי געוואוינט מיט דער בייטש, ווי איך מיט׳ן דלות. — זאָג איך צו זיי.

— בקיצור, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, איך האָב אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער האַרץ צום פערדל, נעבאַך; אַזוי לאַנג,

אַזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, עס האָט גערירט פונ'ם אָרט, און מיר זײַנען אַוועק מיט'ן וואַלד גלייך אונזער וועג.

פאָרנדיק אַזוי, פליט מיר דורך אין קאָפּ גאָר אַ נײַע מחשבה: „אוי, טביה, ביסטו אַ פערדאַטש! ביסט געווען אַ קבצן און וועסט בלײַבן אַ קבצן! ס'טײַטש, גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ באַגעגעניש, וואָס טרעפֿט אײַן מאָל אין הונדערט יאָר, ווי אַזוי באַדינגסטו זיך נישט לכתחילה, דו זאָלסט וויסן מה-יקר — וואָס וועסטו האָבן דערפֿאַר? ווען מיר זאָלן שמועסן הן על-פּי-יושר, והן על-פּי סאָוועסט, הן על-פּי מענשלאַכקייט, והן על-פּי-דין און אפילו על-פּי ווײַס איך וואָס, איז קיין עוולה נישט, מע זאָל דערבײַ עפּעס פאַרדינען, און פאַר וואָס טאַקע נישט אָפּלעקן אַ בײַנדל, אַז עס האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט? שטעל אָפּ דאָס פערדל, דו בהמה! זאָג זיי אַזוי און אַזוי: „האָב איך בײַ אײַך אַזוי פיל און אַזוי פיל, איז גוט, אלא נישט, בעטן מיר אײַך, מחילה. אַראָפּ פונ'ם וואָגן!" נאָר צוריק קלער איך מיר: „ביסט טאַקע אַ בהמה, טביה! דו ווייסט נישט, אַז די פעל פונ'ם בער טאָר מען אין וואַלד נישט פאַרקויפן?

— למאי פאָרט איר נישט אַביסל גיכער? — זאָגן די ווײַבער און טאָרען מיך פון הינטן.

— וואָס האָט איר — זאָג איך — אַזוי קיין צײַט נישט? פון אײַלעניש — זאָג איך — קומט קיין גוטס נישט אַרויס, — זאָג איך און כאַפּ אַ קוק מן-הצד אויף מײַנע פאַרשווינדלאַך; אײַנע מיט אַ זײַדן טיכל, די אַנדערע מיט אַ פּאַרוק; זיי זיצן און קוקן אײַנס אויפ'ם אַנדערע און שושקען זיך.

— נאָך עפּעס ווײַט? — פרעגן זיי מיך.

— נענטער, זאָג איך, ווי פון דאַנען אוודאי נישט; אָט באַלד, זאָג איך, האָבן מיר אַ באַרג אַראָפּ מיט אַ באַרג אַרויף; נאָכדעם, זאָג איך, גייט ווידער אַ באַרג אַראָפּ מיט אַ באַרג אַרויף, און ערשט נאָכדעם, זאָג איך, האָבן מיר דעם גרויסן באַרג אַרויף און פון דאָרטן גייט שוין דער וועג גלייך, גלייך ביז בויבעריק...

— עפּעס אַ שלימאַזל! — רופט זיך אָן אײַנע צו דער אַנדערער.

— אַ פאַרשלעפּטע קרענק! — זאָגט די אַנדערע.

— אַ רעשטל צו די צרות! — זאָגט ווידער יענע.

— מיר שײַנט אַ משוגע'נער! — זאָגט די אַנדערע.

„אוודאי — טראַכט איך מיר — בין איך אַ משוגע'נער, אַז איך לאָז זיך פירן בײַ דער נאָז!"...

— וואו וועט איר זיך, אַ שטיַיגער, כדומה-למשל, מײַנע ליבע ווײַבער, הײַסן אַפּוואַרפן? — רוף איך זיך אָן צו זיי.

— וואָס הײַסט — זאָגן זיי — אַפּוואַרפן? וואָס איז פאַר אַן אָפּ־וואַרפאַכץ?

— עס רעדט זיך אַזוי, זאָג איך, בעל־עגלה־שפּראַך; אויף אונזער לשון הייסט דאָס: וואוהין וועט איר זיך הײַסן פאַרפירן, אַז מיר וועלן קומען, זאָג איך, קיין בויבעריק, אם ירצה השם, מיט'ן אײבערשטנס הילף, געזונט און שטאַרק? ווי זאָגט מען: בעסער צוויי מאָל פרעגן, אײדער איין מאָל בלאָנדזשען.

— אַ? אַט דאָס מײנט איר? איר וועט אונז, זאָגן זיי, מוחל זײַן צופירן צו דער גרינער דאַטשע, וואָס בײַם טײַך, פון יענער זײַט וואַלד. ווייסט איר, וואו דאָס איז?

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? — זאָג איך. — איך בין אין בויבעריק, ווי בײַ זיך אין דערהײם; לאָם איך פאַרמאָגן די אלפים, זאָג איך, וויפיל קלעצער איך האָב אַהינצו אַרײַנגעפירט; אַט ערשט פאַר אַ יאָרן זומער, זאָג איך, האָב איך געשטעלט אויף דער גרינער דאַטשע צוויי קלאַפטער האָלץ מיט אַמאָל; דאָרט איז געזעסן אײנער אַ גביר אַ גרויסער, פון יעהופּעץ, אַ מיליאָנטשיק פון אוודאי אַ מאה אלף קאַרבן און אפשר פון די"ש אלפים!

— ער זיצט הײַנט אויך דאָרטן. — רופן זיך אָן צו מיר בײדע ווײַבער און קוקן אײנס אויפ'ם אַנדערע און שושקען זיך און לאַכן.

— שאַ, זאָג איך, קאָן דאָך געמאָלט זײַן, אַז איר האָט מיט אים עפּעס אַ שטיקל שייכות, וואָלט אפשר געווען, זאָג איך, אַ סברא, איר זאָלט זיך דאָרט מטריח זײַן עפּעס אַ רעד טאָן פון מײַנעטוועגן, אַ שטיקל טובה מיר, אַ פּרנסה, אַ שטעלע, צי ווייס איך וואָס? איך קען, זאָג איך, אײנעם אַ יונגן מאַן, ישראל הײסט ער, נישט ווײַט פון אונזער שטעטל, געווען אַ גאָר־נישט מיט אַ נישט; האָט ער זיך דערשלאָגן אַהינצו, מע ווייסט נישט פון וואַנען און ווי אַזוי — בקיצור, ער איז הײַנט אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאָס, פאַרדינט אפשר צוואַנציק קאַרבן אַ וואָך, צי אפשר גאָר פערציק, איך ווייס? — לײַט האָבן גליק! צי אַ שטײַ־גער, וואָס גייט אָפּ, זאָג איך, אונזער שוחט'ס אײדעם? וואָס וואָלט פון אים געווען, ווען ער לאָזט זיך נישט אַוועק קיין יעהופּעץ? אמת: די ערשטע עטלאַכע יאָר איז ער גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, שיר נישט געשטאָרבן פון הונגער; דערפאַר אָבער אַצינד, חוץ זײַן שאָדן, הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן; ער שיקט שוין געלט אַהײם, ער האָט שוין חשק אַרויסנעמען אַהין זײַן ווײַב און

קינדער, לאָזט מען אים דאָרט נישט זיצן; אַי איז דאָך די ק ש י א:
ווי אַזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיך טאַקע... שאַ, זאָג איך, אַז מע לעבט
דערלעבט מען זיך; אָט האָט איר, זאָג איך, דעם טײַך, און אָט איז די
גרינע דאַטשע, זאָג איך, און פֿאָר מיר אַרײַן ברײַטלאַך גלײַך מיט'ן
דישל אין גאַניק אַרײַן.

מע האָט אונז נאָר דערזען, איז געוואָרן ש ש ו ן ו ש מ ח ה, אַ
געשרײַ, אַ געפּילדער: „אוי, די באָבע! די מאַמע! די מומע!... זיך
געפֿונען דער שאָדן! מ ז ל - ט ו ב!... געוואַלד, וואו זײַנט איר
געווען? אַ גאַנצן טאָג אָן קעפּ... צעשיקט פּאָטשט אויף אַלע וועגן...
וואָס איז די מ ע ש ה?“.

— די מ ע ש ה איז אַ שײנע מ ע ש ה, געבלאָנדזשעט אין
וואַלד, פֿאַרבלאָנדזשעט העט ווײַט. א פ ש ר צען ווערסט. פּלוצים
אַ איד... וואָס פֿאַר אַ איד? אַ איד אַ שלימאַזל מיט אַ פֿערד און ווע־
געלע, קוים מיט צ ר ו ת אײַנגעבעטן זיך. אַ מ ע ש ה, באַ־
דאַרפֿט בענשן ג ו מ ל...

ב ק י צ ו ר, מע האָט אַרויסגעטראָגן לאָמפּן אויפ'ן גאַניק, גע־
גרייט צום טיש און אָנגעהויבן טראָגן סאַמאָוואַרן הײסע, מיט בעקנס
טיי, מיט צוקער, מיט אײַנגעמאַכץ, מיט פֿײַנקוכנס גוטע, מיט פּו־
טערגעבעקס פֿרישע, שמעקעדיקע און נאָכדעם עסנס אַלערלײ, די
טײַערסטע מ א כ ל י ם, יאַיכלאַך פֿעטע, מיט געבראָטנס, מיט
געגנזנס אַ ס ך, מיט די בעסטע ווײַנען און נאַסטאָיקעס. איך בין
נאָר געשטאַנען פֿון דערווײַטנס און באַטראַכט, ווי אַזוי קײַן ע י ך־
ה ר ע, מע עסט דאָס און מע טרינקט בײַ די יעהופּעצער נ ג י ד י ם,
קײַן בײז אויג זאָל זיי נישט שאַטן. אַ מ ש כ ו ן פֿאַרזעצן, טראַכט
איך מיר, און אַ ג ב י ר זאָל מען זײַן; מיר דאַכט, איך ווייס, וואָס
דאָ פֿאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, וואָלט פֿאַר מײַנע קינדער גענוג געווען
אויף אַ גאַנצער וואָך, ביז ש ב ת. געוואַלד, גאָטעניו, האַרציקער,
געטרײַער, דו ביסט דאָך עפּעס אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט,
מיט ח ס ד און מיט י ו ש ר, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט אַוועק־
געבן אײנעם גאָר, דעם אַנדערן גאָר נישט? אײנעם פּוטערבולקעס,
דעם אַנדערן מ כ ו ת - ב כ ו ר ו ת? און צוריק אָבער באַטראַכט
איך זיך: עט, ביסט אַ גרויסער נאַר, ט ב י ה, כ'לעבן, וואָס איז
ש י י ך, דו ווילסט אים זאָגן אַ ד ע ה, ווי אַזוי צו פֿירן די וועלט?
מ ס ת מ א, אַז ער הייסט אַזוי, באַדאַרף זײַן אַזוי; אַ ס י מ ן
האָט איר, אַז ווען עס זאָל באַדאַרפֿן זײַן אַנדערש, וואָלט דאָך געווען
אַנדערש; אַי, וואָס? פֿאַר וואָס זאָל טאַקע נישט זײַן אַנדערש? איז
דער ת י ר ו ץ — ע ב ד י ם ה י י נ ו: דערויף זײַנען מיר דאָך

עפּעס שטיקלאַך אידן אויף דער וועלט: אַ איד באַדאַרף לעבן מיט אמונה און מיט בטחון.

— שאַ, וואו־זשע איז ערגעץ דער איד? — הער איך עמיצער זאָגט. — שוין אַוועקגעפאָרן דער שלימאַזל?

— חס־ושלום! — רוף איך זיך אָן פון דער וויַיטן. — וואָס הייסט, איך וועל אַוועקפאָרן גלאַט אַזוי אָן אַ זייַט געזונט? שלום־עליכם, זאָג איך, אַ גוטן אָוונט איַיך, עסט געזונטערהייט, און לאָז איַיך וואויל באַקומען.

— קומט־זשע אַהער, — מאַכן זיי צו מיר, — וואָס שטייט איר דאָרטן אין דער פינסטער? לאָמיר איַיך אָנקוקן כאָטש, זען, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט. אפשר וועט איר נעמען אַ ביסל בראָנפן?

— אַ ביסל בראָנפן? אָך, זאָג איך, ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פון אַ ביסל בראָנפן? לחיים! — זאָג איך און האַק אַריַין אַ כוסה: לאָז גאָט געבן, זאָג איך, איר זאָלט תמיד זיַין רייַך און האָבן גרויס נחת, אידן, זאָג איך, זאָלן תמיד זיַין אידן, גאָט זאָל זיי געבן, זאָג איך, געזונט און כח, זיי זאָלן קאָנען אַריבערטראָגן די צרות.

— מה שמכם? — רופט זיך אָן צו מיר דער גביר אַליין, אַ שייַנער איד, מיט אַ יאַרמולקע. — פון וואַנעט איז אַ איד, וואו זיצט איר, וואָס איז איַיער פּרנסה, זייַנט איר אַ באַווייַבטער, האָט איר עפּעס קינדער און וויפיל קינדער?

— קינדער? זאָג איך, נישט צו פאַרזינדיקן; אויב איטלאַכס קינד, זאָג איך, איז ווערט, ווי מיַין גאָלדע וויל מיך איַינרעדן, אַ מיליאָן, בין איך רייַכער פון'ם גרעסטן גביר אין יעהופּעץ; דער חסרון, זאָג איך, וואָס אָרעם איז נישט רייַך, און קרום איז נישט גלייַך. געלט האָבן טאַקע די בראָצקעס און איך האָב טעכטער. און אַז מע האָט, זאָגט איר, טעכטער, פאַרגייט דער געלעכטער; נאָר גאָר נישט, גאָט איז אַ פאָטער. ער פירט אוים, דאָס הייסט, ער זיצט אויבן און מיר מוטשען זיך אונטן; מע האָרעוועט, מע שלעפּט קלעצער, אַ ברירה האָט מען? דער גאַנצער אומגליק איז דאָס עסן. ווי מיַין באָבע, עליה־השלום, פלעגט זאָגן: ווען דער פּיסק זאָל ליגן אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד... האָט קיַין פאַריבל נישט, זאָג איך, עס איז נישטאָ קיַין גלייַכערס פון אַ קרומער לייַטער און קיַין קרומערס פון אַ גלייַך וואָרט. ובפרט, זאָג איך, אַז מע מאַכט שהכל נהיה בדברו אויף'ן ניכטערן האַרצן.

— לאָז מען געבן דעם אידן עפּעס עסן! — רופט זיך אָן דער גביר, און עס ווערט באַשאַפן אויף'ן טיש פון כל־מאמינים־

ש ה ו א: פיש און פלייש און געבראָטנס און פערטלעך ע ו ף און פופקעס מיט לעבערלאַך אָן אַ ש י ע ו ר.

— איר וועט עפּעס עסן? — מאַכן זיי צו מיר. — גייט וואַשט זיך.

— אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען; נאָר וואָס דען, זאָג איך, אַ דאַנק אייך; אַביסל בראָנפן, זאָג איך, מ ה כ ת י ת י; נאָר זעצן זיך אָט דאָ, מאַכן אַ גאַנצע ס ע ו ד ה, ב ש ע ת ד אָרטן, אין דערהיים, מיין ווייב און קינדער, זאָלן געזונט זיין... אויב אייער גוּ־טער ווילן וועט זיין...

ב ק י צ ו ר, מע האָט זיך אָ פּ נ י ם געשטויסן, וואָס איך מיין, און מע האָט מיר געגומען פּאַקן אין וואָגן אַריין איטלאַכער באַזונדער: דער אַ בולקע, דער פּיש, דער געבראָטנס, דער אַ פערטל ע ו ף, דער טיי און צוקער, דער אַ טעפּל שמאַלץ, דער אַ סלאָי איינגעמאַכץ.

— דאָס וועט איר, מאַכן זיי, ברענגען אַהיים אַ מ ת נ ה פאַר אייערע ווייב און קינדער, און אַצינד זאָגט, וויפיל וועט איר זיך הייסן באַצאָלן פאַר אייער ט ר ח ה, וואָס איר האָט זיך מ ט ר י ח גע־ווען פון אונזערטוועגן.

— סאַ מ ש ל, זאָג איך, וואָס איז ש יי ך, איך וועל מיר הייסן אָנמעסטן? וויפיל אייער גוטער ווילן וועט זיין, זאָג איך, אַזוי וועט איר מיר באַצאָלן; מיר וועלן דורכקומען, ווי זאָגט ער, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף.

— ניין, זאָגן זיי, מיר ווילן הערן פון אייך אַליין, ר ב ט ב י ה, האָט קיין מ ו ר א נישט, מע וועט אייך, ח ל י ל ה, נישט קעפּן.

וואָס טוט מען דאָ? — טראַכט איך מיר. — ס'איז שלעכט: זאָל איך זאָגן אַ קערבל, איז אָן ע ב ר ה, טאָמער קאָן איך נעמען צוויי. זאָל איך זאָגן צוויי, האָב איך מ ו ר א, טאָמער קוקן זיי מיך אָן ווי אַ מ ש ו ג ע'נעם, פאַר וואָס קומט דאָ צוויי קאַרבן?"

— אַ דרייערל!!!... — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי מיר פון'ם מויל, און צווישן ע ו ל ם איז געוואָרן אַזאַ געלעכטער, אַז איך האָב זיך שיר אין דער ערד באַגראָבן.

— האָט קיין פאַריבל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט; אַ פערד, זאָג איך, אויף פיר פיס, ספּאָ־טיקעט זיך, ו ב פ ר ט אַ מענש מיט איין צונג... — עס איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער געלעכטער; מע האָט זיך פ ש ו ט געהאַלטן ביי די זייטן, לאַכנדיק.

— לאָז שוין זיין גענוג צו לאַכן! — רופט זיך אָן דער ג ב י ר און נעמט אַרויס פון בוזעמקעשענע אַ גרויסן טייסטער און גייט און

שלעפּט אַרויס פונ׳ם טײַסטער — וויפיל מײַנט איר אַ שטײַגער? אַ נו, טרעפט! — אַ צענערל, אַ רויטס, אַזוי ווי פײַער, איך זאָל אַזוי זײַן געזונט מיט אײַך אינאײנעם, — און מאַכט אַזוי: אַט דאָס האָט איר פון מיר; און איר, קינדער, גיט אײַך פון אײַער קעשענע וויפיל איר פאַרשטײט.

ב ק י צ ו ר, וואָס טויג אײַך, עס האָט אָנגעהויבן צו פליען אויפ׳ן טיש פינפערלאַך און דרײַערלאַך און אײנערלאַך — הענט און פיס האָבן מיר געציטערט; איך האָב געמײנט, אַט פאַל איך ח ל ש ו ת.

— נו, וואָס שטײט איר? — מאַכט צו מיר דער ג ב י ר. — נעמט צונויף די עטלאַכע קערבלאַך פונ׳ם טיש און פאָרט געזונטער-הײט צו אײַער ווײַב און קינדער.

— גאָט זאָל אײַך געבן, זאָג איך, כ פ ל כ פ ל י ם, איר זאָלט פאַרמאָגן צען מאָל, הונדערט מאָל אַזוי פיל, איר זאָלט האָבן אַל-דאָס גוטס, מיט גרוים נ ח ת! — און זשעברע צונויף מיט בײדע הענט דאָס געלט. ווער געצײלט? וואָס געצײלט? און שטופּ אין אַלע קעשענעס.

— אַ גוטע נאַכט, זאָג איך, אַ גוטן ת מ י ד און זײַט געזונט, איר זאָלט האָבן, זאָג איך, גרויס נ ח ת, איר און אײַערע קינדער און קינדס-קינדער און אײַער גאַנצע מ ש פ ח ה. — זאָג איך און לאָז זיך גײן צום וואָגן. רופט זיך אָן צו מיר די ג ב י ר׳טע, יענע, וואָס מיט׳ן זײַדן טיכל:

— שטײט נאָך אַ ווײַלע, ר ב ט ב י ה! פון מיר באַקומט איר גאָר אַ באַזונדער מ ת נ ה; א ם - י ר צ ה - ה ש ם, מאָרגן קומט צופאָרן; איך האָב, זאָגט זי, אַ מורע ב ה מ ה, געווען אַמאָל אַ טײַערע ב ה מ ה, פלעגט געבן פיר און צוואַנציק גלעזער מילך; הײַנט האָט זי פון אַ גוט אויג אויפגעהערט צו מעלקן זיך, דאָס הײסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קײן מילך גיט זי נישט...

— לאַנג לעבן זאָלט איר, זאָג איך, איר זאָלט גאָר קײן י ס ו ר י ם נישט האָבן; בײַ מיר וועט זיך אײַער ב ה מ ה אי מעלקן, אי מילך געבן; מײַן אַלטע איז קײן ע י ן - ה ר ע אַזאַ באַלעבאָסטע, אַז פון גאָר נישט בראַקט זי לאָקשן, פון פינגער קאָכט זי זאַטירקעס, מיט נ י ס י ם מאַכט זי ש ב ת און מיט בוכענצעס לײגט זי די קינדער שלאָפן... האָט קײן פאַריבל נישט, זאָג איך, טאָמער האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט. אַ גוטע נאַכט און אַ גוטן ת מ י ד און זײַט געזונט. — זאָג איך און לאָז זיך גײן.

איך קום אַרויס אין הויף צום וואָגן, איך טו זיך אַ כאַפּ צום

פערדל, אוי, אַן אומגליק, אַ צ ר ה, אַ שלאַק! איך קוק אויף אַלע זײַטן — ו ה י ל ד א י נ נ ו — נישטאָ קײַן פערדל!

„נו, ט ב י ה, טראַכט איך מיר, דו ביסט אין דער אַרבעט!"...

„זע נאָר, ט ב י ה, זאָג איך צו מיר אַלײן, צי מע פירט דיך נישט אין באָד אַרײַן?!"

— וואָס באַרבעט איר זיך דאָרטן און וואָס וואַרטשעט איר? — פרעגט מען מיך.

— וואָס איך באַרבע זיך? — ענטפער איך. — אַז אָך און ווײַ איז מיר, זאָג איך, וואָס איך לעב אויף דער וועלט; איך האָב אַ שאָדן: דאָס פערדל מײַנס...

— אײַער פערדל, מאַכן זײ צו מיר, איז אין שטאַל. זײַט זיך מ ט ר י ח אַהינצו אין שטאַל אַרײַן.

איך קום אַרײַן אין שטאַל און טו אַ קוק: יאָ, ווי איך בין אַ איד! מײַן ב ח ו ר שטײט זיך גאַנץ פײַן צווישן די נ ג י ד'ישע פערד, שטאַרק פאַרטיפט אינ'ם קײַען, רײַבט דעם האָבער געשמאַק, אויף וואָס די וועלט שטײט.

— הער נאָר, — זאָג איך צו אים, — ח כ ם מײַנער, שוין צײַט אַהײם; מיט אַמאָל צוכאַפּן זיך, זאָג איך, טאָר מען נישט, אַן איבער־ריקער ביסן, זאָגט מען, קאָן פאַרשאַטן...

— ב ק י צ ו ר, איך האָב אים קוים אײַנגעבעטן, מ ח י ל ה, אײַנגעשפּאַנט אים אין וואָגן און האָב זיך געלאָזט אַהײם לעבעדיק פרײלאַך. אויך מײַן פערדל איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס פריער; אַ נײַע פעל אויף דעם אויסגעוואַקסן; שוין נישט געוואַרט אויף קײַן בײַטש, געלאָפן ווי אַ מ ז מ ו ר; געקומען אַהײם שוין שפּעטלאַך אין דער נאַכט, אויפגעוועקט מײַן ווײַב מיט אַ ש מ ח ה, אַ פרײד.

— אַ גוט י ו ם ־ ט ו ב, מאַך איך צו איר, מ ז ל ־ ט ו ב דיר, גאָלדע!

— אַ ווינסטער מ ז ל ־ ט ו ב דיר אַ פינסטערער! — מאַכט זי. — וואָס ביסטו אַזױ י ו ם ־ ט ו ב'דיק, מײַן טײַערער ברויט־געבער? דו פאַרסט דאָס פון אַ ח ת ו נ ה, צי פון אַ ב ר י ת, גאָלד־שפּינער מײַנער?

— עס איז אַ ח ת ו נ ה, זאָג איך, מיט אַ ב ר י ת! וואַרט אויס, מײַן ווײַב, אָט וועסטו באַלד זען אַן א ו צ ר, זאָג איך; נאָר ק ו ד ם ־ כ ל וועק אויף די קינדער, לאָז זײ נעבאַך אויך געניסן, זאָג איך, פון די יעהופּעצער מ א כ ל י ם...

— צי דו ביסט דול, צי דו ביסט ח ס ר ־ ד ע ה, צי דו ביסט גערירט, צי דו ביסט פונ'ם זינען? עפּעס רעדסטו ווי אַ מ ש ו ג ע־

נער, שונאי־ציון! — זאָגט צו מיר מײַן װײַב און שעלט, לײַ־
ענט די תוכחה, װי געװײַנטלאַך, אַ אידענע.

— אַ אידענע, זאָג איך, בלײַבט אַ אידענע; נישט אומזיסט זאָגט
שלמה המלך, אַז צװישן טויזנט װײַבער האָט ער נישט געפֿו־
נען אײַנע אַ רעכטע. — און גײ מיר אַרױס צו מײַן װאָגן און טראָג
אַרײַן פֿון דאָרטן אַלע גוטע זאַכן, װאָס מע האָט מיר אײַנגעפּאַקט
און שטעל דאָס אַלצדינג אױס אױף'ן טיש. מײַנע חבר ה־לײַט
האָבן דערזען בולקעס, דערשמעקט פֿלײש, זײַנען זײ באַפֿאַלן דעם
טיש, װי די הונגעריקע װעלף, נעבאַך; עס איז געװאָרן צװישן זײ אַ
כאַפּערײַ, די הענט האָבן געציטערט, די צײן האָבן געאַרבעט, עס איז
געװען װי אין פּסוק שטײט: ויאכלו, — מאַכט רש"י:
מע האָט געקנאַקט װי די הײשעריקן. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט
אין די אױגן...

— נו, זאָג שוין, — מאַכט צו מיר מײַן פּלונית'טע, — בײַ
װעמען איז דאָס געװען אַן אָרעם מאָל־צײַט, צי אַזױ אַ סעודה,
און װאָס ביסטו אַזױ האַפּערדיק?

— האָב צײַט, זאָג איך, גאָלדע, דו װעסט אַלץ װיסן; דו צע־
בלאָז נאָר, זאָג איך, דעם סאַמאָװאַר, און נאָכדעם װעלן מיר זיך אַרומ־
זעצן אַלע אַרום טיש, זאָג איך, טרינקען צו גלעזלאַך טײ, װי עס געהער
צו זײַן; אַ מענטש, זאָג איך, לעבט אײן מאָל אױף דער װעלט, נישט
קײן צװײ מאָל, ובפֿרט, זאָג איך, אַז מיר האָבן שוין איצט אונזער
אײגנס אַ בהמה פֿון פֿיר און צװאַנציק גלעזער אַ טאָג; מאָרגן,
אם־ירצה־השם, ברענג איך זי צופֿירן. אַנו, גאָלדע, — מאַך
איך צו איר נאָכדעם, און כאַפּ אַרױס דעם גאַנצן פּאַק סיגנאַציעס, —
אַנו, זײַ אַ בריה און טרעף װיפֿיל געלט האָבן מיר דאָ?

איך טו אַ קוק אױף מײַן װײַב — זי איז אױס מענטש, טױט װי די
װאַנט, קאָן קײן װאָרט נישט אױסרעדן.

— גאָט איז מיט דיר, גאָלדע סערצע, זאָג איך, װאָס האָסטו זיך
אַזױ דערשראָקן? אפֿשר האָסטו מורא, זאָג איך, טאָמער
האָב איך דאָס גע'ג נ ב'עט אָדער גע'ג ז ל'ט? פֿע, זאָג איך, מעגסט
זיך שעמען; ביסט טביה'ס װײַב שוין אַזאַ צײַט און קאָנסט אױף
מיר איבערטראַכטן אַזאַ מעשה? נאַרעלע, זאָג איך, דאָס איז
כשר געלט, פֿאַרדינט ערלאַך מיט מײַן אײגענעם שכל און מיט
מײַן האָרעװאַניע; איך האָב, זאָג איך, מציל געװען צװײ
נפֿשות פֿון אַ גרױסער סכנה, זאָג איך, װען נישט איך,
גאָט װײסט, װאָס עס װאָלט מיט זײ געװען!...

בקיצור, איך האָב איר דערצײלט די גאַנצע מעשה, פֿון

א׳ ביז ת׳, ווי אַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפירט אַרום און אַרום; און מיר האָבן זיך גענומען ביידע איבערציילן דאָס געלט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. — דאָרט איז געווען פּונקט צוויי מאָל ח״י און איינס אַן איבעריקס, האָט איר אַ קימא־לן, הייסט דאָס, פון זיבן און דרייסיק קאַרבן!... מיינע האָט זיך אַזש צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, זאָג איך, נאַרישע אידענע?

— ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, זאָגט זי, אַז עס וויינט זיך? אַז דאָס האַרץ איז פול, זאָגט זי, גייען די אויגן איבער; גאָט זאָל מיר טאָקע, זאָגט זי, אַזוי העלפן, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען מיט אַ גוטער בשורה; איך געדענק שוין נישט, זאָגט זי, די צייט, ווען די באָבע צייטל, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, זאָל מיר קומען צו חלום.

— כאַפּ נאָר נישט די לאָקשן פאַר שבת, זאָג איך, נשמה מיינע! לאָז די באָבע צייטל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, זאָג איך, גיב מיר בעסער אַן עצה, גאָלדע סערצע, וואָס טוט מען מיט׳ן געלט?

— אדרבא, מאַכט זי צו מיר, וואָס רעכנסטו צו טאָן, טביה, מיט אַזוי פיל געלט, קיין עין־הרע?

— אדרבא ואדרבא, זאָג איך, וואָס רעכנסטו קאָנען מיר מאַכן,קיין עין־הרע, מיט אַזאַ קאַפּיטאַל?

און מיר האָבן ביידע גענומען טראַכטן אַהין, אַהער, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכנט, וואו ערגעץ אַ געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאַכט האָבן מיר איבערגעהאַנדלט מיט וואָס איר ווילט: געקויפט פערדלאַך אַ פּאָר און באַלד טאָקע זיי פאַרקויפט מיט רווחים; געעפנט אַ באַקאַליינע קלייט אין בויבעריק, אויספאַרקויפט די סחורה און באַלד געעפנט אַ שניטקראָם; געהאַנדלט אַ שטיקל וואַלד, געכאַפּט אָפּטרעט־געלט עטלאַכע קערבלאַך און אַנטלאָפן; גע־פּרואווט אויסדינגען די אַנאַטעווקער טאַקסע, נעמען דעם „פּראָיעקט“, געמאַכט אַ ביסל הלוואה, אָפּגעגעבן דאָס געלט אויף פּראָצענט...

— משוגע מיינע שונאים! — רופט זיך אָן מיין ווייב.

—דו ווילסט צעפלעכטן די עטלאַכע גראָשן, בלייבן מיט׳ן בייטשל?

— וואָס דען, זאָג איך, האַנדלען מיט ברויט און נאָכדעם בלייבן אָן אַנזעצער איז שענער? קאַרג, זאָג איך, ווערט הײַנט די וועלט בדיל־הדל פון ווייץ? גיי, זאָג איך, האָרך, וואָס אין אָדעס טוט זיך.

— וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אָדעס? מיינע אבות־אבותינו

זײַנען דאָרט נישט געװוען און מײַנע קינדער װעלן דאָרט נישט זײַן, כ ל ־ ז מ ן איך לעב און די פיס טראָגן מיך.

— װאָס־זשע װילסטו? — זאָג איך.

— װאָס איך װיל? — זאָגט זי. — איך װיל, זאָלסט נישט זײַן קײן לעקעש און נישט רעדן קײן נאַרישקײטן.

— א װ ד א י, זאָג איך, ביסטו איצטערט אַ ח כ מ ה. װי זאָגט מען: אַז עס קומען די מ א ו ת, קומען די ד ע ו ת, און אַז מען איז א פ ש ר רײַך, איז מען ג ע װ י ם קלוג... ס׳איז ת מ י ד אַזױ!

ב ק י צ ו ר, מיר האָבן זיך עטלאַכע מאָל צעקריגט און טאַקע באַלד איבערגעבעטן און עס איז בײַ אונז געבליבן דער פּלאַן, מיר זאָלן צו דער מורע ב ה מ ה צוקױפן נאָך אַ ב ה מ ה אַ מעל־קעדיקע, װאָס גיט מילך...

װעט איר דאָך מ ס ת מ א פרעגן אַ ק ש י א: װאָס עפּעס אַ ב ה מ ה, פאַר װאָס נישט קײן פערד? װעל איך אײַך ענטפערן: װאָס עפּעס אַ פערד, פאַר װאָס נישט קײן ב ה מ ה? בױבעריק איז דאָך אַן ערטל, װאָס עס קומען זיך צונױף אַהינצו אױף זומער אַלע יעהופּעצער נ ג י ד י ם אױף די דאַטשעס; און אַזױ װי די יעהופּע־צער לײַט זײַנען אַלע זײער אײדעלע מענשן, װאָס זײַנען געצױגן, מע זאָל זײ אַלצדינג ברענגען גרײטס, גלײַך אין מױל אַרײַן: פון האָלץ און פון פלײש און פון אײער, הינער, ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע— פאַרװאָס־זשע זאָל זיך נישט געפינען אײנער, אַזעלכער, װאָס זאָל זיך אונטערנעמען ברענגען זײ אַלע מאָל אין שטוב אַרײַן קעז און פּוטער און סמעטענע ו כ ד ו מ ה? װעדליק די יעהופּעצער האַלטן פון דער א כ י ל ה, קאָן מען דאָך לײזן שײן געלט און פאַרדינען דערבײַ טאַקע גראָב. דער ע י ק ר, אַבי די ס ח ו ר ה זאָל זײַן ס ח ו ר ה.

איך װײס נישט, צי איר װעט מיר גלױבן, — איר זײַנט כ מ ע ט דער ערשטער, װאָס איך האָב אײַך דערצײלט די גאַנצע געשיכטע, װי אַזױ און װאָס און װען... נאָר, מיר דאַכט, איך האָב זיך אַביסל פאַררעדט. האָט קײן פאַריבל נישט, מע באַדאַרף אין זינען האָבן, װי זאָגט איר, ע ס ק; איטלאַכער צו זײַנעם, איר צו אײַערע ביכלאַך, איך צו מײַנע טעפּלאַך און צו מײַנע קריגלאַך... אײן זאַך װעל איך אײַך בעטן, פּאַני, איר זאָלט מיך כאָטש נישט אַרײַנשרײַבן אין אַ ביכל; און אַז איר װעט מיך אַרײַנשרײַבן, זאָלט איר כאָטש נישט אַרױסשטעלן דעם נאָמען מײַנעם... זײַט מיר געזונט און האָט אײַך אַ גוטן ת מ י ד.

שלום־עליכם.

אַרבעט.

ליד פון אַרבעט.

אָ, לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זײַ פון האַרצן ליבנד און הײַם!
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווײַם!

געבענשט זאָלן זײַן דער וואַרשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר אײַנעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

פיל ליכטיקער שײַנט די זון נאָך אַ רעגן;
די וואַרימקײַט — ליבער און זיסער נאָך קעלט:
נאָר די, וועלכע האָבן דאָס אומגליק געגאָסן,
פאַרשטײַען, וואָס גליקלאַך זײַן הײַסט אויף דער וועלט.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אײַזן:
קײַן צירונג קײַן גרויסע זײַנען זײַ ניט;
אין זײַ אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבן,
אָן זײַ איז אוממעגלאַך אײַן אײַנציקער טריט.

טאָ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זײַ פון האַרצן ליבנד און הײַם!
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווײַם!

ש. פרוג.

די שפינערן. מאָעס.

אין ערגעץ־לאַנד.

אונטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל אַ לײַמיקס, שטײען גלײַך ווי צונויפגעוואַקסענע צווײ קלײנע הײַזלאַך. אויף הינערשע פיסלאַך שטײען זײ, די הײַזלאַך, און עס קאָן זײער זײַן, אַז ווען נישט דאָס, וואָס זײ זײַנען אַזוי צוזאַמענגערוקט און שפּאַרן אונטער אײנס דאָס צווײטע, וואָלטן זײ שוין לאַנג אויף די הינערשע פיסלאַך נישט געשטאַנען; דער ערשטער בעסטער ווינט וואָלט זײ פון בערגל אַראָפּגעטראָגן. — אין אײן הײַזל האָט געוואוינט אַ האָלצהעקער, וואָס פלעגט אַ גאַנצן זומער־טאָג — און די מ ע ש ה איז געווען זומער — שפּאַלטן האָלץ אין די הויפן, — מיט אַ ווײַב אַ לעקאַכבעקערן, וואָס פלעגט אַרומגײן אין די רײַכע הײַזער און באַקן לעקאַך. נישט קײַן גרויסע שטאָט געווען, אָבער אַ גענוג רײַכע, דאָס הײסט — געווען אָרימעלײַט און פיל, אָבער רײַכע אויך, און די רײַכע לײַט האָבן ליב לעקאַך צו עסן, אָבער נישט לעקאַך צו באַקן... זײ ווילן זיך נישט אָפּברענען דעם פּ נ י ם בײַם פײַער פון אויוון און אַרײַנשטעקן די הענט אין מעל און טײג, — זײ צערטלען די הענט און האַלטן זײ שטענדיק אין די הענטשיקעס...

דאָס צווייטע פּאַרפּאַלק איז אויך געווען פּאַרנומען אין שטאָט: ער איז געווען אַ טרעגער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און די פּאָלעס אונטער'ן שטריק פאַרשאַרצט, און אָפּגעוואַרט, מען זאָל אים צורופן פון אַ געוועלב און הייסן ערגעץ אָפּטראָגן ס ח ו ר ה, און זי — זי איז, נישט פאַר אייך, קינדערלאַך, געדאַכט, אַ קראַנקע געווען און דעמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל...

אָבער דאָס דערציייל איך אייך נאָר פאַרבייגייענדיק. דער ע י ק ר אין דעם מ ע ש ה 'לע, וואָס איך וויל אייך דערציילן, זיינען די צוויי קינדער, וואָס בלייבן גאַנצע טעג אַליין אין די הייזלאַך, און אַ דריטע פּערזאָן, וואָס וועט צוקומען אויף אַ ווײַלע, מער נישט.

און די צוויי קינדער זיינען געווען: דעם האָלצהעקערס אַ אינגל פון אַ יאָר זיבן-אַכט און דעם טרעגערס אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס-זיבן; ווי איר זעט, כ מ ע ט אין איין עלטער.

יאָ, געהייסן האָבן זיי: ער — איציקל, זי — שיינדעלע.

איינמאָל אינדערפרי, אַ שיינער זומער-טאָג געווען, די עלטערע פון די הייזלאַך זיינען שוין לאַנג אין שטאָט, קומט אַרויס פון איין הייזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, צי איז שוין שיינדעלע נישט אַרויסגעקומען, און זעענדיק, אַז נישט, גייט ער צו איר פענ-סטערל צו און קוקט אַריין; זעט ער, אַז שיינדעלע, נאָך נישט אינ-גאַנצן אָנגעטאָן, שטייט ביים שיסל וואַסער, זי דאַרף זיך וואַשן, האָט שוין איינגעבויגן דאָס קעפּל און האַלט זיך אָפּ, מ ן - ה ס ת ם קיל וואַסער געווען. —

פּויקט ער, איציקל, אין שייבל פון פענסטערל אַריין:

— שיינדעלע!

— וואָס, איציקל?...

— וואַש זיך אָפּ געשווינט, טו זיך אָן און קום אַרויס, מיר וועלן עפּעס טאָן...

— וואָס?

— וועסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס איינגעפאַלן... נאָר גע-שווינט, שיינדעלע...

— ווי דו הייסט. — ענטפערט שיינדעלע און הייבט זיך אָן פּליעסקען אין וואַסער.

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פאַר דער טיר, איז שוין אַ גרויסע זון געווען. פאַרלייגט זי דאָס פלאַכע הענטל איבער די אויגן און הייבט דאָס קעפּל אויף און דערזעט: איציקל איז אויפ'ן שפּיץ פון ליימיקן בערגל. פייל פון בויגן איז זי צו אים צוגעלאָפן:

— אוי, איציקל, זאָלסט זען, ווי דײַנע שוואַרצע האָר שעמערירן אויף דער זון, גלאַנצן שלאָגן פון זיי!

הייבט צו איר איציקל, וואָס איז אויפ'ן ליים וגעלעגן, די אויגן אויף:

— און פון דײַנע — זאָגט ער — פליען פונקען...

— ווײַל מײַנע — זאָגט שיינדעלע — זײַנען רויט...

— פלאַמענדיקע...

— אָבער וואָס טוסטו, איציקל?

זי באַמערקט ערשט, אַז איציקל גראָבט אינ'ם ליים.

— דאָס — ענטפערט איציקל, דאָס גראָבן נישט איבעררײַסנדיק — איז דאָך די אַרבעט, פון וועלכער איך האָב דיר געזאָגט...

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס איז דיר אײַנגעפאַלן?

— יאָ, שיינדעלע. פאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט; פאַר אַ מולטערל ליים גיט מען אַ צווייער, אַ דרײַער. איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז מיר זאָלן גראָבן ליים —

— איך אויך?

— דו אויך, שיינדעלע!... דאָס ליים וועלן מיר פאַרקויפן אין שטאָט, און פאַר'ן געלט עפּעס קויפן פאַר דײַן מאַמעס וועגן, אין שפּיטאָל אַרײַן.

— אוי, אַ גוטער דו ביסט, איציקל! — שרײַט אויס שיינדעלע און וואַרפט זיך צו איציקלען קושן. — אוי ווי ליב האָב איך דיך!

— שפּעטער, שפּעטער, — ווערט זיך איציקל, — פריער אַרבעטן, געלט פאַרדינען, עפּעס קויפן, דער מאַמען דײַנער אַרײַנטראָגן און פריער זי קושן...

— א מ ת, א מ ת! — איז מודה שיינדעלע און לאָזט די פינגערלאַך אין ליים אַרײַן...

צעלאַכט זיך איציקל:

— עי, שיינדעלע, נישט פאַר דײַנע פינגערלאַך. דראַפּעסט מיט די נעגעלאַך ווי אַ קעצל... לאָז געמאַך!

— ניין, ניין... אַז דו אַרבעטסט, וויל איך אויך..

— כ'מיין נישט, — זאָגט איציקל, — זאָלסט ליידיק גיין, גאָט באַהיט! נאָר ווייסטו וואָס — דו ברענג אַרויס אַ מולטערל; איך וועל גראָבן און דו וועסט צוזאַמענעמען און שיטן אין מולטערל אַרײַן... דערנאָך וועל איך אָוועקטראָגן אין שטאָט אַרײַן...

— ניין, איציקל, איך וועל אויך טראָגן, איך וויל...

— וועסט מיר העלפן, שיינדעלע...

— גוט! — לאַכט שיינדעלע און ברענגט אַרויס אַ מולטערל.

איציקל, קײַן בײז אויג, גראָבט ווי אַ דערוואַקסענער. שײַנדעלע קוועלט פון זײַן שטאַרקײַט און זאַמלט דאָס לײם... קוקט אויף איציקלס הענט און זאַמלט און שרײַט נאָך אַ צײַט אויס:

— איציקל, פול!...

כאַפּט איציקל דאָס מולטערל אויף די אַקסל:

— האַלט אונטער, שײַנדעלע!

שײַנדעלע האַלט אונטער, און זײ לאָזן זיך בײדע פון לײמיקן בערגל אַראָפּ. באַלד אונטער'ן בערגל, זעען זײ, זיצט עמיץ. שטעלן זײ זיך אָפּ, באַטראַכטן. עפּעס אַ יונגער מענש אין אַ פּעלערינע, אין אַ גרויסן קאַפּעלוש מיט ברײטע, ברײטע ראַנדן, וואָס פאַרשטעלן אים דאָס פּ נ י ם. די קינדער זעען דאָ אַזאַ פיגור צום ערשטן מאָל.

— כ'האָב מ ו ר א! — שטעלט זיך שײַנדעלע אָפּ.

— ע, וואָס איז דאָ מ ו ר א צו האָבן? וואַרט, איך וועל צו אים צוגײן.

— אַז דו וועסט צוגײן, גײ איך אויך... כ'וועל דיך אַלײן נישט לאָזן...

לײגט איציקל אָפּ די לאַסט פון די אַקסל און גײט צום יונגמאַן און דערלאַנגט אים אַ ברײטן: „ש ל ו ם - ע ל י כ ם!"

דער יונגערמאַן וועקט זיך ווי פון אַ דרימל...

— אַ, ע ל י כ ם - ש ל ו ם!... אײַ, צוויי קינדערלאַך...

— זײַט מ ו ח ל, כ'האָב אײַך געוועקט?

— עט! אַ ביסל געדרימלט, מיד פון וועג...

— פון ווײַט? — פרעגט איציקל.

ווערט שוין שײַנדעלע האַפּערדיק:

— איר דאַרפט אין שטאָט אַרײַן, וועלן מיר אײַך ווײַזן...

— מיר טראָגן — זאָגט איציקל שטאָלץ — לײם אין שטאָט אַרײַן.

— נאָך וואָס?

—געלט פאַרדינען. — זאָגט איציקל.

— פאַר מײַן מאַמען אין שפּיטאָל אַרײַן עפּעס צו קויפן... — פירט אויס שײַנדעלע און גיט צו, אַרויפלײגנדיק אַ האַנט אויף איציקלס אַקסל:

— ער איז אַ שטאַרקער!... גראָבט מיט די הענט לײם! און באַלד וועט איר זען, ווי ער גיט אַ הײב אויף די מולטער און טראָגט דאָס לײם...

זאָגט דער פרעמדער: נאַרישקײטן!

— איך גײ — זאָגט ער — דערײבער נישט אין אײער שטאָט אַרײַן, ווײַל מען אַרבעט דאָרט...

איציקל מאכט א נישט־גלויביקע גרימאסע; שוינדעלעס אויגע־לאך אָבער פלאַמען נײַגעריק אויף:

— וואוהין דען? וואו מען ארבעט נישט? א פ י ל ו עלטע־רע? וואו קיינער ארבעט נישט?

— קיינער! — שנײַדט אָפּ דער פרעמדער.

איציקל שמייכלט נישט־גלויביק.

— איר ווילט זען? קומט מיט מיר. — זאָגט דער פרעמדער.

— וואוהין?

— קײַן „ערגעץ"...

— אזא שטאָט?

— אזא לאַנד —

— ווי הייסט?

— דאָס גאַנצע לאַנד, — פארציילט דער פרעמדער, — דאָס גאַנצע לאַנד, וואוהין איך גיי און קען אײַך מיטנעמען, איז איין גאָרטן. א גאָרטן אָן א גרענעץ, אָן א ברעג... און דאָרטן וואַקסן גרייט אלערליי פרוכטן...

— רײַסט מען?

— ניין... רײַסן איז אויך אָן ארבעט. מען גייט נאָר צו: „בוים, בוים, גיב א פרוכט!" — בייגט דער בוים צו א צווײַג צום מויל, מיט אָן עפּל, מיט א באַרנע, מיט אָן אפעלסין, מיט וואָס איר ווילט...

— בײַסט מען אָפּ?

— ניין... בײַסן איז אויך אָן ארבעט. מען גיט א שלונג, און די פרוכטן זײַנען דאָרט אזוינע, אז זיי צעגייען זיך אליין אין מויל...

— נאָר פרוכטן? — פרעגט איציקל, אין דער זאַך שוין א ביסל ארײַנגעצויגן.

— ברויט אויך, זעמל אויך; אויף נידעריקעביימלאך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע און זיסע, סאַמע קוימיש־ברויט... און בלומען אויך...

— שטענדיק, — פרעגט שוינדעלע, — סיי זומער, סיי ווינטער?

דער פרעמדער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— סײַדן אין ספּעקטן? — מיינט איציקל.

— ניין! — זאָגט דער פרעמדער. — דאָרט איז קײַן ווינטער גאָר נישט פאַראַן... קײַן שניי און קײַן רעגן נישט. שטענדיק א לוי־טערער הימל איבער'ן קאָפּ און שטענדיק פרישע בלומען... און ס'איז בײַ זיי קײַן גערטענער נישטאָ, מען דאַרף זיי נישט באַגיסן, מען דאַרף זיי נישט האָדעווען; זיי וואַקסן אויף און צעגיסן זייער ר י ח איבער'ן גאַנצן לאַנד...

— און מענשן וואס טוען? — פרעגט איציקל.

— גארנישט. ליגן אין שאטן פון ביימער, פון כל ־ערליי ביי־מער, אויף געלעגערס פון אלערליי פארביקע און שמעקנדיקע בלומען, און האבן תענוג. און ווערט מען הונגעריק, זאגט מען: בוים, בוים... ווי איך האב אייך דערציילט...

איציקל פארטראכט זיך עפעס; מען זעט אן דעם שטערן, אז דאס מוח׳ל אינעווייניק ארבעט. און שיינדעלע פרעגט:

— און דארשטיק אז מען איז?

— אין גארטן פליען ארום, קלערן זיך וואסער־קוואלן; מען גיט א רוף, קומט צו א קוואל מיט פריש קריסטאלן וואסער... נעמט מען א בעכער פון א בוים, מען שעפט אן און מען טרינקט... וויל מען, גיט מען א זאג: „ליליען־בעכער“ אדער „רויזן־בעכער“, — וואס נע־ענטער איז, — „זיי מוחל און ברענג א טרונק!“ שפרינגט דער בעכער פון דער בלום אראפ, שעפט אן; עפנט מען די ליפן, גיסט ער אין מויל אריין...

— עפעס א כישוף. — מאכט שיינדעלע. — א צויבער־לאנד...

— ערגעץ־לאנד. — זאגט דער פרעמדער. — קומט, קינדערלאך, אין ערגעץ־לאנד...

און ער הייבט זיך אויף צום גיין.

— ס׳איז וויים? — פרעגט שיינדעלע.

— איך גיי נישט! — שרייט פלוצלונג אוים איציקל, און מורא האבנדיק, טאמער טראגן אים די פיס אליין אוועק, גיט ער זיך האסטיק א ׳זעץ אנידער און כאפט אן מיט א האנט א צווייג פון פארטריקנטן ביימל, אונטער וועלכן דער פרעמדער איז געזעסן...

— פארוואס? — פרעגט דער פרעמדער.

— וואס וועל איך דארטן טאן? — פרעגט איציקל צוריק.

— פארגעניגן האבן! — זאגט דער פרעמדער. — ליגן זיך אויף בלומען... עסן... טרינקען...

— און שפעטער?

— ווייטער ליגן...

— נאריש!

— אבער נישט ארבעטן...

— גיין! — ענטפערט פעסט איציקל. — איך וואלט משוגע געווארן פונ׳ם ליידיק גיין... ווי קאן מען עס ליגן?...

— גיים מען שפאצירן...

— אויך מיר א גאנג... נייִן! — און דעם קליינעם איציקלס שטים ווערט עפעס ווי א שטאלערנע שטארק. — איך גיי נישט!

און די שטים ברעכט זיך באַלד איבער און ווערט אומרואיק־ציטערדיק:

— און דו, שײַנדעלע?

שײַנדעלע טראַכט נישט לאַנג, זעצט זיך צו צו איציקלען, ציט זיך אוים און לײגט איר גאָלדן קעפּל אויף זײַנע קניען און קוקט אים מיט אירע געטרײַע אײגעלאַך אין פּ נ י ם אַרײַן:

— אַז דו — נישט, איך — אויך נישט...

דער פרעמדער ציט מיט די אַקסל און גײט זײַן וועג. לאַנג־לאַנג האָט אים איציקל נאָכגעקוקט, ביז יענער איז פאַרשוואונדן געוואָרן. און דעמאָלט האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער שײַנדעלען:

— ווײסט, שײַנדעלע, — פרעגט ער, — ווער דאָס איז געווען?

און ענטפערט אַלײן:

— דער י צ ר ־ ה ר ע פון לײדיק גײן...

שײַנדעלע, וואָס האָט שוין געהאַט געדרימלט, האָט דערהערט און די אויגן געעפנט:

— א מ ת! און מיך, איציקל, אַז דיר וואָלט ער פאַרפירט, און איך דאַנק דיר דערפאַר...

— און קום, — שפרינגט זי אויף, — לאָמיר גײן מיט'ן מולטערל לײם...

און זײ האָבן אַזוי געטאָן...

ווי מײנט איר, קינדערלאַך, זײ האָבן גלײַך געטאָן?

י. ל. פּרץ.

דער פישמאַרק. מינקאָווסקי.

דער קלײט־משרת.

מײַן עובדא איז געװען — אַנצוכאַפּן איטלאַכן, װאָס איז דורכ־געגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשרײ, און שלעפּן אים אין קלײט אַרײַן. איז עמיצער פֿאַרבײַגעגאַנגען אויף דער גאַס, פֿלעגט מען מיך אָנרײצן אַזױ װי אַ הונט, און איך האָב באַדאַרפֿט אַרױסלױפֿן, שרײַען אין אײן אָטעם: אַהער, פּאַני! װעבלנע טיכלאַך, לײַװנט, שלײקעס, מעסערלאַך, קאַלאָשן אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקלאַך, מאַנדל־זײף, פּאָמאַדע! — וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. תחילת איז מיר דאָס געװען אַ ביסל פֿריקרע: װי גײט מען עס גלאַט אַרױס שרײַען אויף דער גאַס און פֿאַרשטעלן יענעם דעם װעג? ס'איז דאָך עפּעס משונה װילד! איך פֿלעג אַ ביסל אונטערפֿאַלשעװען, מאַכן די שפּיל בקיצור און אַרײַנבערענגען דורכדעם אין כעס דעם באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, װאָס פֿלעגן מיך זידלען, אויסמישן גלײַך מיט דער בלאָטע און אויפֿװאַרפֿן מיר, אַז איך פֿרעס אומזיסט זײער זאַלץ און ברױט, כאָטש איך, נעבאַך, האָב געהאָרעװעט, גע־אַרבעט איבער מײַנע כוחות און געטאָן אַלערלײ מלאכות אין קלײט און אין שטוב.

דערצו נאָך בין איך געװען אַ משרת בײַ די עלטערע משרתים, פֿלעג זײ פֿאָלגן אין פֿײַער און װאַסער אַרײַן, קריכן זײ אונטער די נעגל, און בין נאָך זײער גערן געװען, אַז איך האָב דערבײַ פֿון זײ נישט געכאַפּט קײן פּסק און טרוקן פֿון זײערע הענט אַרױס. װער שמועסט, װען אַ משרת'ל פֿון דער אַנדערער קלײט פֿלעגט אַמאָל אַרױסרײַסן אַ קונה בײַ מיר פֿון די הענט, דאַ האָב איך שױן געמעגט זיך געזעגענען מיט דעם לעבן: אַלע בײַ אונז אין קלײט פֿלעגן אויף מיר אַרױף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנט, און מען פֿלעגט מיר געבן, װיפֿיל אין מיר איז אַרײַן. מײַן מאַמע און דער טאַטע, ר' טעװל דער מלמד, עליו־השלום, פֿלעגט דענסטמאָל אויך גוט לײזן; מען פֿלעגט זײ, חלילה, נישט פֿאַרגעסן.

פֿון עסן אין אַזאַ ביטערן שװערן טאָג איז גאָר קײן רעדע נישט געװען; איך האָב געפֿאַסט, נישט טועם־טעם געװען. מען פֿלעגט מיר אפֿילו מתיר זײַן עסן װערים, נאָר אַזױ װי עסן װערים איז ניט פֿאַר קײן מענשלאַכן מאָגן, פֿלעג איך פֿאַרברענגען דעם טאָג פּשוט אין אַ תענית. און אַזעלכע תעניתים פֿלעגן זיך מיר אָפֿט מאַכן אַ פּאָר מאָל אין װאָך.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָב איך אַ נעם געטאָן זיך צו מײַן זאַך בשלמות. װיבאַלד אַז עמיצער, װאָס ס׳דאַכט זיך נאָר, אַז ער איז אַ קונה, פּלעגט זיך אַ װײַז געבן פֿונדערװײַטנס, אַז מײַנער פּלעגט װי אַן אָפּגעריסענער הונט פֿון דער קייט געשװינט אַנטקעגן אים זיך אַ לאָז טאָן, פֿאַרשרײַען אים דעם קאָפּ מיט דעם גאַנצן צעטל סחורות, אים פֿאַרלױפֿן דעם װעג און שלעפּן פֿאַר די פּאָלעס. איך פֿלעג אפילו אַמאָל פֿון אַזעלכע באַקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּײַ אין פּנים, נאָר איך אָבער פֿלעג מיר טאַקע טאָן ס׳מײַניקע, גלײַך װי מיר איז גאָרנישט געשען. מיט דער צײַט האָב איך זיך דערינען אַזױ אײַנגעװױנט, אַז דאָס שרײַען איז בײַ מיר געװען אַ חדוה, אַ פֿרייד.

דער דאָזיקער ענין־המסחר מײַנער אויף דער גאַס פֿלעגט מיך אָפֿט ברענגען אין אַ סכסוך מיט משרתים פֿון אַנדערע קלייטן, װאָס פֿלעגן אויך אָנכאַפּן קונים און שרײַען. מיר האָבן זיך געריסן אינדרױסן, אַקוראַט װי אונזערע באַלעבאַטים האָבן זיך געריסן צװישן זיך אינװייניק אין די קלייטן איבער׳ן לייזאַכץ, נישט־מער נאָר מיט דעם חילוק: בײַ זיי האָט מען געװאָרפֿן מקחים, אַראָפּגעלאָזן די פּרײַזן, און בײַ אונז, משרתים, האָט מען געװאָרפֿן קלעפּ, אַראָפּגעלאָזן פּעטש. און אַזױ װי איך בין געװען דער קלענסטער, דער שלאַפֿסטער, איז פֿאַררעכנט געװען אַ מצוה די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פֿײַערדיקע פּעטש מיר אײנעם צו־צולאָזן.

אַזעלכע מתנות אָבער זײַנען מיר נישט װאױל באַקומען און פֿון אַזעלכע מצוות בין איך אױס מענטש געװאָרן. הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענטש נישט אַזױ שטאַרק נייטיק, אָן דעם קען מען אויך זײַן אַ „מענטש“, אַ משרת הייסט עס, נאָר כוח, געזונט אָבער באַדאַרף מען טאַקע האָבן, און איך בין געװאָרן, פּשוט איז פּשוט, אױס מענטש, דאָס הייסט אָן כוח, אָן קראַפֿט, קױם װאָס איך האָב זיך געהאַלטן אויף די פֿיס — אַ קאַטאָװעס, װאָס איך בין נעבאַך אױסגעשטאַנען! אין שטוב האָב איך באַדאַרפֿט טאָן, העלפֿן אין באַלעבאַטישקײַט, אין קלייט האָב איך באַדאַרפֿט אַרבעטן, ראַמען, קערן, איטלאַכן באַדינען, איטלאַכן צופֿרידנשטעלן, און עסן פֿלעג איך יסורים, און קלעפּ האָב איך געלייזט פֿון פֿרעמדע אי פֿון אייגענע. דער גרױסער משרת אין קלייט פֿלעגט מיר נאָך מער פֿון אַלע טאָן צום טױט. איך בין אים געװען עפּעס װי אַ דאָרן אין די אויגן. פֿונדעסטװעגן װאָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבער־טראָגן, װען עס זאָל נישט געװען זיך מאַכן די מעשה מיט אַ קנעפּל.

איך האָב אַמאָל דערזען אין קלייט וואַלגערנדיק זיך אַ מוטער־פּערלען קנעפּל, וואָס האָט געפינקלט, געלויכטן מיט אַלערליי קאָלירן און פאַרשיינט די אויגן אַזוי, אַז איך האָב באַקומען צו אים אַ גרויסן יצר־הרע. דערביי איז מיר אַרויף אויפ׳ן זינען מיין קראַנקע שוועסטער: איך וועל איר עס געבן אַ מתנה, זי וועט אַ שבת, אַ יום־טוב דערמיט זיך אויספּוצן און זיך באַרימען פאַר אירע חבר׳טעס. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבן חשק, און אַז איך האָב גענומען דאָס קנעפּל און אַריינגעלייגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פונדערווייטנס געזען, באַלד צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לייגסט אין קעשענע? זעט איר, באַלע־באַסטע, — האָט ער געזאָגט, — יענע זאַכן, וואָס האָבן געפעלט, איז אויך זיין מלאכה!“ קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ ווייסטן, פינסטערן סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן.

מענדעלע מוכר־ספרים.

די גייענדיקע קראָם.

דער הענדלער.

מיט אַ זעקל אין דער האַנט
גייט ער אום פון הויף צו הויף,
הייבט די אויגן אַלץ אַרויף;
און ווי טרויעריק ער זינגט —
איבער'ן גאַנצן הויף עס קלינגט:
האַנדל, האַנדל!

— זאָגט, ווער זייט איר, ליבער איד?
וואָס פאַרציילט מיר אייער ליד?

— כ'וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס,
אין אַ קעלער — פייכט און נאַס,
מיט אַ גרוים געזינד!
זומער קומט דאָרט נישט אַריין
פון דער ליבער זון קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינט.

כ׳גײַ מײַן גאַנצן לעבן אום,
מ׳הערט פֿון מיר נאָר וואו איך קום:
האַנדל, האַנדל!

אוי, איך האָב נאָך ווערטער פֿיל,
דאָך איך טראָג זײַ אין דער שטיל —
קײַנער דאַרף זײַ ניט.
ווען איך קום אַהײם בײַנאַכט
אָפּגעמאַטערט און פֿאַרשמאַכט,
גים איך זײַ און גים...
עט, וואָס האָב איך זיך פֿאַררעדט...
האָט איר ניט אַן אַלטע בעט,
אַלטע הויזן, אַלטע שיך?
וואָס איר ווילט נאָר — האַנדל איך.
האַנדל, האַנדל!

א. רייזען.

אַ קערן די גרײַס ווי אַ הינערש אײַ.

קינדער האָבן אַמאָל געפֿונען אין אַ גראָבן עפּעס אַ זאַך, די גרײַס ווי אַ הינערש אײַ, מיט אַ שטעגעלע אין מיטן און ענלאַך אויף אַ קערנדל.

איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ מאַן, האָט דערזען בײַ די קינדער די זאַך, האָט דאָס בײַ זײַ אָפּגעקויפֿט פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס, אַוועקגעפֿירט אין שטאָט אַרײַן און פֿאַרקויפֿט צום קיניג, ווי אַ זעלטענע זאַך.

דער קיניג האָט צונויפֿגערופֿן זײַנע חכמים און געהײסן, זײַ זאָלן זיך דערוויסן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ זאַך: אַן אײַ, צי אַ קערנדל. די חכמים האָבן געקלערט און געטראַכט און ניט גע־קאָנט געבן קײַן ענטפֿער.

ליגט אַזוי די זאַך אויפֿ׳ן פֿענסטער. פֿליט אַרויף אַ הון, הײבט אָן צו פּיקען און פּיקעט דורך אַ לאָך. האָבן אַלע דערזען, אַז דאָס איז אַ קערנדל. קומען די חכמים צום קיניג און זאָגן: „דאָס איז אַ ווײַצן קערנדל."

האָט זיך דער קיניג פֿאַרוואונדערט און ער האָט געהײסן זײַנע חכמים, זײַ זאָלן זיך דערוויסן, ווען און וואו עס זײַנען געוואַקסן

אזעלכע קערענער. די חכמים האָבן געקלערט און געטראַכט, גע־זוכט אין ביכער און — האָבן גאָרנישט ניט אויסגעפונען.

קומען זיי צום קיניג און זאָגן: „מיר קאָנען דיר קיין ענטפער ניט געבן. אין אונזערע ביכער שטייט וועגן דעם גאָרנישט. מען דאַרף אַ פרעג טאָן ביי די פויערים, אפשר האָט ווער פון זיי גע־הערט פון די זקנים, ווען און וואו מען האָט געזייט אַזעלכע קערנער."

האָט דער קיניג געהייסן ברענגען צו זיך אַן אַלטן פויער. האָט מען אָפּגעזוכט אַן אַלטן, אַלטן פויער און געבראַכט צום קיניג. דער אַלטער איז געקומען, אַליין שוין אַ גרינער, אַן ציינער, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קוליעס, און קוים וואָס ער רירט מיט די פיס.

דער קיניג האָט אים באַוויזן דעם קערן. דער אַלטער האָט שוין שלעכט געזען, נאָר ער האָט אים ווי עס איז האַלב מיט די אויגן באַ־מערקט, האַלב מיט די פינגער באַטאַפּט.

און דער קעניג האָט אים געפרעגט: „ווייסטו אפשר, זיידע, וואו זיינען אַמאָל געוואַקסן אַזעלכע קערענער? אפשר האָסטו אַמאָל אַליין אויף דיין פעלד געזייט אַזעלכע אָדער פיליכט ערגעץ געקויפט?"

דער אַלטער פויער איז שוין געווען טויב. ער האָט קוים־קוים דערהערט און קוים־קוים פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט ביי אים. און ער האָט אַזוי געענטפערט:

„ניין, איך האָב אויף מיין פעלד קיינמאָל אַזעלכע קערענער ניט געזייט און ניט געשניטן, איך האָב אַזעלכע קערענער אויך ניט גע־קויפט. ווען מיר פלעגן אַמאָל קויפן תבואה, פלעגן די קערע־נער זיין אַלץ אַזעלכע קליינע. נאָר מען דאַרף אַ פרעג טאָן ביי מיין טאַטן; אפשר האָט ער געהערט, וואו עס זיינען אַמאָל געוואַקסן אַזעלכע קערענער."

האָט דער קיניג געשיקט נאָכ'ן טאַטן פונ'ם אַלטן פויער. מען האָט אים געפונען און געבראַכט צום קיניג. און געגאַנגען איז דער זקן אָנגעשפּאַרט נאָר אויף איין קוליע. דער קיניג האָט אים באַ־וויזן דעם קערן. דער אַלטער האָט נאָך גוט געזען. און דער קיניג האָט אים געפרעגט:

„אפשר ווייסטו, אַלטינקער, וואו עס זיינען געוואַקסן אַזעלכע קערענער? האָסטו אַזעלכע קערענער געזייט אויף דיין פעלד? האָסטו אַזעלכע קערענער אויף דיין לעבן געקויפט?

דער אַלטער איז אפילו אַ ביסל טויבלאַך געווען, דאָך האָט ער געהערט פיל בעסער אײדער זיין זון. און ער האָט געענטפערט:

„ניין, איך האָב אַזעלכע קערנער אויף מײַן לעבן ניט געזייט און ניט געשניטן. און קויפן האָב איך אויך ניט געקויפט, ווײַל אין מײַנע צײַטן איז נאָך קיין געלט ניט געווען. יעדער איינער האָט גע־האַט זײַן אייגן ברויט צו זאַט. און האָט איינער זיך יאָ אַמאָל גע־נייטיקט, האָבן זיך אַנדערע מיט אים זייערס געטיילט. איך ווייס ניט, וואו אַזעלכע קערנער זײַנען געוואַקסן. א מ ת, אונזערע קערנער זײַנען געווען גרעסער ווי די איצטיקע, און אויסדרעשן פלעגן מיר אויך מער, ווי מען דרעשט איצט אויס; אָבער אַזעלכע גרויסע האָב איך קיינמאָל ניט געזען. נאָר איך האָב געהערט פון מײַן טאַטן, אַז אין זײַנע צײַטן פלעגט וואַקסן קאָרן פיל בעסער ווי איצט, און די קערנער פלעגן זײַן פיל גרעסער. וואָלסטו באַדאַרפט פרעגן בײַ אים."

האָט דער קיניג געשיקט נאָכ'ן טאַטן פון דעם אַלטינקן. מען האָט אים געפונען און געבראַכט צום קיניג. און געקומען איז ער אָן קר־ליעס; געגאַנגען גלײַך און לײַכט. זײַנע אויגן זײַנען געווען ליכטיק; געהערט האָט ער גוט און גערעדט קלאָר.

דער קיניג האָט אים באַוויזן דעם קערן. דער ז ק ן האָט אַ קוק געטאָן, אַ דריי געטאָן צווישן די פינגער און געזאָגט:

„שוין לאַנג אונזער אַלטן קאָרן ניט געזען! — האָט ער אָפּגע־ביסן אַ שטיקל, אַ קײַ געטאָן און צוגעגעבן: יאָ, דאָס איז דאָס; אונ־זער אַמאָליק ברויט."

„טאָ זאָג מיר, זיידע, וואו און ווען איז געוואַקסן אַזאַ קאָרן? האָסטו אים אַליין אויף דײַן פעלד געזייט? האָסטו אים בײַ לײַטן געקויפט?"

האָט דער אַלטער געענטפערט:

„אַזאַ קאָרן איז אין מײַנע צײַטן געוואַקסן אומעטום. אַזאַ ברויט האָב איך אַליין אַמאָל געגעסן און אויך אַנדערע געגעבן. אַזעלכע קערנער האָב איך אַליין געזייט, געשניטן און געדראָשן."

האָט דער קיניג ווידער געפרעגט:

„זאָג מיר, זיידעניו! האָסטו אַזעלכע קערנער טאַקע אַליין אויף דײַן פעלד געזייט אָדער נאָר בײַ לײַטן געקויפט?"

האָט דער אַלטער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אין מײַנע צײַטן האָט קיינער א פ י ל ו ניט געוואָגט צו טראַכטן וועגן אַזאַ זינד, ווי קויפן ת ב ו א ה און פאַרקויפן. און פון געלט האָבן מיר אינגאַנצן ניט געוואוסט. יעדער איינער האָט געהאַט זײַן אייגן ברויט מער ווי גענוג."

„טאַ זאָג זשע מיר, זיידע, וואו האָסטו אזאַ קאָרן געזייט? וואו איז געווען דיין פעלד?"

האָט דער אַלטער געענטפערט:

„מיין פעלד איז געווען די גאַנצע ערד. וואו איך האָב צעאַקערט, דאָרט איז געווען מיין פעלד. די ערד איז געווען פריי. פאַר זיין אייגנם האָט קיינער די ערד נים געהאַלטן. פאַר אייגנם האָט מען נאָר געהאַלטן די אַרבעט פון די אייגענע הענט."

דער קיניג האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

„זאָג מיר, זיידע, נאָך צוויי זאַכן: איין זאַך איז — פאַרוואָס איז אַמאָל יאָ געוואַקסן אַזאַ קאָרן און איצט ניט? און די צווייטע זאַך איז — פאַרוואָס גייט דיין אייניקל אָנגעשפאַרט אויף צוויי קוליעס, דיין זון אויף איין קוליע, און דו ביסט אָט געקומען גאָר גלייך און לייכט. און די אויגן דיינע זיינען ליכטיקע, און די ציין שטאַרקע, און רעדן רעדסטו אַזוי קלאָר און שיין? פאַרוואָס, זיידע, איז דאָס אַזוי?"

האָט דער אַלטער געענטפערט:

„דערפאַר איז דאָס אַזוי, וואָס די מענשן האָבן אויפגעהערט צו לעבן אויף דער אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט און גענומען יאָגן זיך נאָך פרעמדער האַרעוואַניע. אַמאָל האָבן מיר ניט אַזוי געלעבט: מיר האָבן געלעבט מיט אונזער אייגענער אַרבעט און זיך ניט געיאָגט נאָך פרעמדער."

ל. נ. טאָלסטאָי.

צום מלוה.

(פון חומש)

וועז דיין ברודער, אַ געדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן,
מיט אַ דאַרן, בלאַסן פנים,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן,

קומט צו דיר אָן עפּעס לייען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט, —
זיי־זשע, מלוה, ניט קיין מערדער,
שינד פון אים ניט אָפּ די הויט.

ווען עס וועט די נויט אים צווינגען,
וויִ עס טרעפט אין בייזן לעבן,
דיר, אָ, מ ל ו ו ה, אַלס אַ מ ש כ ו ן,
דעם לעצטן ב ג ד אַוועקגעבן, —

זאָלסטו נאָר דעם ב ג ד האַלטן,
ביז די זון וועט אונטערקומען,
ווייַל דער ב ג ד איז זייַן קאָלדרע,
און דו האָסט זי צוגענומען.

אָ, זייַן איינציק לעצטן-ב ג ד,
זאָלסט אים, מ ל ו ה, ווידערקערן;
בייַנאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ'וועל ניט שווייַגן זייַנע טרערן...

א. רייזען.

ביים מלווה.

די גאָלדענע פּאַווע.

אַמאָל איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
צום הײמישן לאַנד איבער טײַכן און ים׳ען,
און האָט אין די פליגל אַ בריוול געטראָגן,
אַ גרוס פון אַ קינד אין דער פרעמד צו אַ מאַמען.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
און האָט אירע פליגל פאַרמאַטערט פון פליען.
אין אַ וואַלד אויף אַ בוים איז זי זיצן געבליבן
צו רוען, ביז טאָג וועט די הימלען צעגליען.

אין וואַלד איבער נאַכט איז געבליבן די פּאַווע,
ביז ס׳האָט זיך צעגליט אויף באַגינען דער הימל.
געקומען איז טאָג, און די נאַכט איז געפאַלן,
נאָר ס׳האָט נישט דערוואַכט שוין די פּאַווע פון דרימל.

אַוועק איז אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ מאָרגן,
אַוועק זײַנען וואָכן, ח ד ש י ם און יאָרן —
אַ בײַזער מ כ ש ף דעם וואַלד האָט פאַרשלעפערט,
און ס׳איז אויך די פּאַווע פאַר׳כ י ש ו פ׳ט געוואָרן.

פאַר וועם ס׳האָט די צײַט זיך געשלעפּט, ווי פון סמאָלע,
פאַר וועם זיך געיאָגט, ווי אַ פײַל פונ׳ם בויגן —
אַלץ אײנס איז געווען דעם וואַלד און דער פּאַווע,
ווי לאַנג ס׳האָט פאַר זײ זיך דער כ י ש ו ף געצויגן.

ביז אײנמאָל אַ טאָג זײַנען העקער געקומען
און פורן מיט פערד צו פאַרנעמען די קלעצער;
און דאָרט, וואו ס׳האָט פריער דער כ י ש ו ף געפינסטערט,
האָט זונשײַן באַלויכטן די נאַקעטע פלעצער.

פאַרטריבן דעם כ י ש ו ף האָט זון און גערודער,
צעטרײסלט די פינסטערע בײמער פון דרימל;
און ס׳האָט אויך די פּאַווע געעפנט די אויגן
צו זוכן איר וועג אינ׳ם לויטערן הימל.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
צו טראָגן איר גרוס מיט די היימישע וועגן,
געקוקט און געזוכט, נאָר זי האָט נישט דערקענט שוין
די לענדער, וואָס זיינען געקומען אַנטקעגן.

וואו זיינען די כוואַליעס פון גאָלדענע פעלדער?
וואו זיינען די נעסטן און שטרויענע דעכער?
עס ציען זיך אייזערנע וועגן, ווי שלאַנגען,
עס הייבן זיך קוימענס פון סאַסנע־בוים העכער.

און וואו נישט וואו זעט זי אַ באַרג אַ באַקאַנטן
און ערגעץ אַ וואַסער, וואָס פליסט אין זיין בעקן;
און שנעלער איר וועג פליט די גאָלדענע פּאַווע
צו שטילן אין האַרצן די גרוילאַכע שרעקן.

שוין באַלד איז זי נאָענט. דאָרט קען זי דאָס געסל,
דעם בוים פאַר'ן פענסטער און ס'שנירל ביים לאָדן.
אַ קלאַפּ אין דער שויב, און די מאַמע, די אַלטע,
דעם גרוס פון איר קינד וועט אין טרערן אויסבאָדן.

שוין באַלד איז זי דאָרט. און אָט וועט זיך פון וויַיטן
אַ רויך פון די ליימענע קוימענס באַווייזן;
שוין באַלד — און אָט רייסן זיך וואָלקנס פון קוימענס,
פון שטיינערנע קוימענס אויף דעכער פון אייזן.

עס דריקן זיך טונקעלע דעכער צוזאַמען,
און מויערן שוואַרצע, און גאַסן אין שאָטן:
און ס'פלאַטערט דאָס האַרץ ביי דער גאָלדענער פּאַווע
אין זוכן דעם זאַמד, וואו איר פוס האָט געטראָטן.

עס פלאַטערט איר האַרץ, און זי הערט נישט די ק ו ל ו ת,
און זעט נישט אַרום די פאַרוואונדערטע בליקן,
און פילט נישט, ווי עמיצער כאַפּט זי און טראָגט זי,
און טראָגט זי אין אייזערנע אָרעמס, וואָס שטיקן.

געפאַנגען, געפאַנגען, די גאָלדענע פּאַווע
אין הילצערנעם שטייג הינטער אייזערנע שטאַנגען,
און ס'קומען דער פאָנגער און ש כ נ י ם צו קוקן,
ווי שיין ס'איז די פּאַווע אין שטאַנגען געפאַנגען.

און ס׳קוקט אַ פאַרגאַפּטע די ווײַב פֿונ׳ם פֿאַנגער,
און בײַסט זיך די ליפּן און ציט זיך די ברעמען:
אַך, וואָלט זי געקענט פֿון דער פּרעכטיקער פּאַווע
אַ פֿעדער, אַן אײנציקע פֿעדער בלויז נעמען!

אַך, וואָלט זי געקענט נאָר!... און אײנמאָל, אַ בלײכע,
האָט זי זיך אַריבער׳ן שטײַג אײַנגעבויגן.
אַראָפּ אויף דער גאַס, און ס׳האָט איבער איר שטערן
אַ גאָלדענע פֿעדער פֿאַרשימערט די אויגן.

אַ פֿעדער פֿון בלוי, וויאָלעט און פֿון גינגאָלד,
וואָס גיסט זיך אין שײַן, ווי די זון אין אַ רעגן;
און ס׳קוקן פֿאַרגאַפּטע די מענטשן אין דרויסן,
וואָס גײען איר נאָך און וואָס קומען אַנטקעגן.

אויף מאָרגן באַגינען — מען קלאַפּט אין די טירן:
— פֿאַר וויפֿיל פֿאַרקויפֿסטו דער פּאַוועס אַ פֿעדער?
אַ רענדל? צען רענדלאַך? אַ זעקל מיט רענדלאַך? —
און בײַטלען מיט גאָלד אים אַנטקעגן טראָגט יעדער.

פֿאַרבלענדט איז דער פֿאַנגער פֿון גאָלדענעם שימער,
און ביז נאָך די זון יענעם טאָג איז פֿאַרגאַנגען,
זיך אויסגעפּוצט האָבן צען ג ב י ר׳ישע ווײַבער
אין גאָלד פֿון דער פּאַווע, אין שטאַנגען געפֿאַנגען.

צען ג ב י ר׳שע ווײַבער אין פּראַכט פֿון דער פּאַווע,
אַ פֿעסל מיט גאָלד בײַ דעם פֿאַנגער פֿאַרבאָרגן;
און ס׳ליגן צען טויזנט בײַנאַכט אין די בעטן
און ברענען פֿון ק נ א ה ביז גראָען פֿרימאָרגן.

געשטאָרבן שוין לאַנג איז די גאָלדענע פּאַווע.
איר שטײַג אויפֿ׳ן בוידעם — צעפֿאַלן אין שפּענדלאַך;
דאָך ווימלען די גאַסן מיט פֿעדערן־פֿאַרבן,
און ס׳ווימלען בײַם פֿאַנגער אין פֿעסער די רענדלאַך.

דאָס גאָלד גיט אַ פֿעדער, די פֿעדער גיט ליבע.
איז—וויפֿיל ווער ס׳האָט, איז אים קלײן דאָס פֿאַרמעגן,
און ס׳ברענען די אויגן מיט בלוטיקער ש נ א ה
בײַ יענע, וואָס קענען דאָס גאָלד נישט באַלײגן.

מען זאָגט, אַז פון בלוט, וואָס דאָס גאָלד האָט געזויגן,
איז רויט שוין דאָס האָלץ פון די האַרטע וואַרשטאַטן,
און ס'האָט שוין די בלוטיקע ש נ א ה נישט איינעם
פאַרטריבן צום טויט הינטער אייזערנע גראַטן.

און וואו נאָר ס'באַווייזט זיך די גאָלדענע פעדער,
צעפאַלן — דערציילט מען — די פרידלאַכע הייזער,
און ס'בלייבן אָן מאַמעס די קינדער אין וויגן,
און ס'וויינען פאַרלאָזטע י ת ו מ י ם אָן שפּייזער.

מנחם.

אָ ר י מ ע מ צ ה.

עלף אזייגער ביינאַכט.

ביי ח י י ם ליידעס אין פאַדראַד, וואו אַ גאַנצן טאָג רוישט און טומלט, איז געוואָרן שטילער. די וועלגערנס, מיידלאַך און יונגע ווייבלאַך, פילן זיך זייער מיד און האָבן קיין כ ו ח נישט צווישן זיך צו רעדן. א פ י ל ו ח י ה - ב יי ל ע, דאָס יונגע פריילאַכע ווייבל, וואָס זינגט אַ גאַנצן טאָג לידער, איז אויך שטיל; נאָר פאַר זיך אונ־טער'ן נאָז ברומט זי דאָס לידל:

„זיי זשע געזונט, מיין געטרייע מוטער,
איך פאָר שוין פון דיר אַוועק“...

ווען ניט דאָס קלאַפּן פון די קאַטשלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען פון רעדל איבער'ן בלעך, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי שלאָפן אַלע שטייענדיק, אַזוי מיד און אָפּגעמאַטערט זעען זיי אויס. עפּטערם נאָר רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון אַ נערוועזער, מידער וועלגערן אויף דער קנעטערן: „פאַרשטייפט זיך, מען קען דאָך ניט וועלגערן!“ אויף וואָס די קנעטערן ענטפערט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד: „גיי דו צום בעקן, וועסטו ווייסן, ווי צו פאַרשטייפן זיך; אויף מיינע ש ו נ א י ם געזאָגט געוואָרן מיין כ ו ח“.

און עס ווערן ווידער אַלע אַנטשוויגן.

און אַז די שטילקייט דויערט צו לאַנג און די מידקייט ווערט שווערער, הייבט אָן אין פאַדראַד צו רוישן:

— איך פאַל פון די פיס, אויף נ א מ נ ו ת. — קלאָגט זיך איין וועלגערן פאַר דער צווייטער.

— און איך האָב שוין קיין הענט ניט, — ענטפערט איר די צוויי־טע קרעכצענדיק, — אָט דאָ אין די דאָלאָניעס שטעכט מיר, ווי מיט נאָדלען; קוים וואָס איך ריר אָן די קאַטשלקע.

אַ דריטע וועלגערן, מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט גרויסע, טיפע גריבער אונטער די אויגן, קלאָגט זיך פאַר זיי ביידן, אַז איר ברעכן אַלע ביינער; זי וואָלט אַוועקגעגעבן אַ האַלב לעבן, מען זאָל איר לאָזן איצטער אַוועקגיין אַהיים צושפּאַרן זיך. ביי די ווערטער „צו־שפּאַרן זיך" בייגט זי אָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט וועלן פּרוּאוון, ווי גרויס עס איז דערפון דער ת ע נ ו ג.

נאָך אַ וועלגערן דערציילט הויך, מיט אַ שטימע פול צאָרן, אַז ביי עשקע ביינושעס האָט מען שוין מיט אַ ש ע ה צוריק גע־ענדיקט. דאָס ווירקט זייער שלעכט אויף די וועלגערנס, און דער גאַנצער פּאַדראַד, אויסער דער קנעטערן און דעם זעצער, ביידע אין די מיטעלע יאָרן, צעבונטעוועט זיך מיט אַ געפּילדעריי:

— ווען וועט מען שוין גיין אַהיים! אין אַלע פּאַדראַדן האָט מען שוין לאַנג געענדיקט; נאָר אויף אונז איז עפּעס אָן אויסגאַס, ערגער ווי אומעטום.

דער זעצער, אַ הויכער, דאַרער איד, מיט אַ שפּיציק בערדל, מיט אַ פאַרפלאַמט פּ נ י ם, אויף וועלכן עס שטייען גרויסע טראָפּנס שווייס, לויפט צו צום בלעך, קלאַפּט אָן מיט'ן שטעקן און צעבייזערט זיך:

— מ צ ה, מ צ ה, אַ ליידיקער אויוון! וואָס האָט איר זיך צע'דרש'נ'ט? דער טאָג איז אייך ווייניק?

אויף זיין געשריי לויפט אַריין פון אַ זייטיק ח ד ר'ל די באַלע־באָסטע, אַ נידעריקע פרוי מיט אַ געקנייטשטן פינסטערן פּ נ י ם, מיט גוטע שוואַרצע אויגן, און זי הייבט אָן בעטן ביי די וועלגערנס:

— באַלד, קינדערלאַך, באַלד! פאַראַן נאָך א פ ש ר זעקס מיי־רעס אין זעקל.

— שיינע זעקס! — קלינגט אויס פון ערגעץ אַ ווינקל אַ יונג קינדיש ק ו ל'כל. דאָס איז דער „אָנשיטער" אַליין. ווער ווייס נאָך אַזוי ווי ער, פיל מיירעס עס זיינען נאָך דאָ! ער הייבט אויף מיט זיינע דאַרע הענטלאַך דאָס זעקל און איז זיך מ ש ע ר, אַז עס וועט זיין נאָך שטאַרקע צען מיירעס.

די וועלגערנס צעשרייען זיך ווייטער, נאָר דער זעצער בייזערט זיך און מיט'ן שטעקן קלאַפּט ער איבער'ן בלעך:

— מ צ ה, מ צ ה! עס קילט אין אויוון!

אַ וועלגערן שיקט אים נאָך אַ ק ל ל ה.

— וואָס איז ער שולדיק? — פאַרענטפערט אים דאָס יונגע פרײַ־לאַכע ווײַבל. — אים איז נאָך א פ ש ר שווערער ווי אונז, און קײן גרויסער ג י ב ו ר איז ער אויך ניט; נאָר וואָס זאָל ער טאָן? ער ווײס, אַז מען מוז ענדיקן, פריער, שפּעטער, מען וועט אין מיטן ניט לאָזן און צעגײן זיך.

עס איז ווידער שטיל געוואָרן, אַזוי ווי אַלע וואָלטן געקומען צו אײן איבערצײַגונג, אַז מיט׳ן קלאָגן זיך מאַכט מען זיך נישט גרינגער. פאַרפאַלן, ענדיקן מוז מען! שטיל נאָר פלעגט אַמאָל אַ וועלגערן אַרויסלאָזן אַ שווערן קרעכץ, אָנכאַפּנדיק זיך דאָ פאַר׳ן האַרצן, דאָ פאַר׳ן זײַט; און ווידער דאָסזעלבע קלאַפּן מיט די קאַטשלקעס אי־בער די ברעטער, דאָס סקריפּען מיט׳ן רעדל איבער׳ן בלעך... און די צײַט ציט זיך אַזוי לאַנג.

נאָר אָט קריכט אַרויס די קנעטערן פון איר „ווינקל" מיט פאַר־קאַשערטע אַרבל און מיט גרויסע טראָפּנס שווײס אויפ׳ן פאַרמעט־פּ נ י ם. פרײלאַך הײבט זי אויף אין דער הײך די מײַרע, ווי זי וואָלט ווײַזן די וועלגערנס אַזאַ מין אַנטיקל, וואָס זײ האָבן קײנמאָל דאָ ניט געזען. מיט אַ הײזעריקן ק ו ל, דאָך געננג הויך, רופט זי אויס:

— די לעצטע מײַרע!

— די לעצטע מײַרע! — קלינגט עס איבער׳ן פּאַדראַד. און אַלע וועלגערנס צעכאַפּן די טײגלאַך פון דעם טײלערס האַנט מיט ש מ ח ה, אונטערזינגענדיק: באַלד, באַלד, באַלד!

„באַלד", באַלד", קלינגט אָפּ בײַ יעדערער אין קאָפּ.

דער רעדלער וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט בײַם בלעך מ ר ה ־ ש ח ו ר ה׳דיק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ קוראַזש צו דער אַרבעט. קונציק וואַרפט ער איבער יעדע מ צ ה אויף דער קאַטשלקע און ער נעמט זיך געשווינט אָפּצורעדלען די פיל אָנגע־קליבענע מ צ ו ת אויפ׳ן בלעך.

ער האָט מיט צווײ מינוט פריער ניט געקאָנט ג ו ב ר זײַן דעם „י צ ר ־ ה ר ע" זײַנעם, — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מאַכן אַ פּאַפּיראָס, — און ער מוז דערפאַר איצטער צוהאָרעווען. דער זע־צער האָט אים שוין צווײ מאָל אַ פּאָרע געטאָן מיט׳ן שטעקן, ער זאָל פאַרטיק מאַכן די מ צ ה. נאָר דערהערנדיק, אַז עס איז שוין די לעצטע מײַרע, אָרט אים גאָר נישט. דאָס וואָרט „באַלד" קלינגט אים אויך פרײלאַך אין קאָפּ, און פלינק קנאַקט דאָס רעדל איבער׳ן בלעך. און אים דאַכט זיך, אַז ער שרײַט: גזז־באַלד, גזז־באַלד!

ער הײבט אָן אונטערצוזינגען אַ לידל צום טאַקט. דאָס פרײלאַ־

כע ווײַבל דערהערט זײַן זינגען און ענטפערט אים צוריק מיט אַ לי־
דעלע.

דעם זעצער געפעלט ניט דאָס זינגען און ער גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן
שטעקן איבער די ברעטער:

— מ צ ה, מ צ ה! שטײַט נישט, רעדט נישט!

נאָר איצט לאַכט מען אים שוין אויס. אַ פּאָר וועלגערנס האָבן
שוין אָפּגעשיקט די לעצטע מ צ ו ת צום רעדלער מיט עפּעס אַ
אינגעלע, וואָס האָט זיך, גאָט ווייס צוליב וואָס, דאָ אַ גאַנצן אָוונט
אומגעדרייט; די איבעריקע וועלגערנס ברויכן נאָר צו פאַרגלײַכן די
שפּיצן פון די מ צ ו ת, וואָס זײַנען בײַ זיי אַרויסגעקומען פון גרויס
אײַלעניש.

און אָט איז שוין געענדיקט! די קנעטערן ווישט שוין דעם בעקן;
דער רעדלער האַלט שוין בײַ דער לעצטער מ צ ה, איבער וועלכער
זײַן האַנט פליט ווי אַ וויכער אונטער׳ן ווילדן געסקריפּערײַ. דער
זעצער ערוואַרט זיי מיט אומגעדולד, כאַפּט זי ענדלאַך אַרויף אויפ׳ן
שטעקן און מאַרש אין אויוון, וואו עס טריקענען זיך נאָך אַ צוויי לעצ־
טע מ צ ו ת.

די וועלגערנס ווישן זיך דעם שווייס און קלויבן זיך שוין אַוועק־
צוגיין.

— אַי, וועל איך דאָס אַ פאַל טאָן גלײַך אין בעט! — זאָגט איינע
וועלגערן דער צווייטער.

— און וועטשערע? — פרעגט יענע.

— ווער האָט כ ו ח צו עסן? איך וועל זיך א פ י ל ו ניט
אויסטאָן; גלײַך אין בעט.

— איך ווייס ניט, צי וואָלט איך געקענט פאַנאַנדערוועלגערן נאָך
איין טייגל, — מישט זיך אַרײַן אַ דריטע אין שמועס, — אַזוי מאַט בין
איך!

— נו, קומט שוין, קומט שוין! — טרײַבט אַ פערטע. — פ ס ח
א י ״ ה וועלן מיר שמועסן.

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין פ ס ח! — האָט זיך איינע צע־
זיפצט.

— מען וועט, נישקשה, דערלעבן. אַ לעבעדיקער מענש דער־
לעבט אַלץ! — טרייסט דאָס פריילאַכע ווײַבל.

נאָר פלוצים איז אין פאָדראַד אַ טומל געוואָרן.

די באַלעבאָסטע איז אַרויס פון דעם זײַטיקן ח ד ר׳ל און האָט
אַרויסגעזאָגט עטלאַכע ווערטער מיט אַ געבעט, כ מ ע ט מיט

טרערן; נאָר אין פּאָדראַד האָבן זײ יעדערן ווי מיט אַ דונער גע־טראָפן.

— נאָך אַ פּוד, נאָך אַ פּוד! אױ װײ, אױ װײ! — האָט זיך געהערט ק ו ל ו ת. — וואָס שטײען מיר? קומט אַוועק!

נאָר די באַלעבאָסטע האָט זײ מיט בײדע הענט פאַרצוימט דעם וועג און האָט זיך ווײטער געבעטן:

— איר ווײסט, דאַכט זיך, קינדערלאַך, אַז איך יאָג זיך ניט אַזוי נאָך פ ר נ ס ה, און אַז עמיצער וואָלט מיר איצט געגעבן פאַר אַ פּוד הונדערט רובל, וואָלט איך זיך נישט געשטעלט באַקן און מוטשען אײַך, נאָר ד ע ם פּוד מוז מען אָפּבאַקן. איך וועל פאַר אים א פ י ל ו קײַן גראָשן ניט נעמען: דאָס איז כיענע דער א ל מ נ ה׳ס. שוין אַ וואָך, אַז איר זעקל מעל וואַלגערט זיך דאָ און איך לײג אַלץ אָפּ; עס איז אַלץ דאָ בילכערע, רײַכערע, זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רײד. איצט איז שוין אָבער די לעצטע צוויי טעג, מער קען איך שוין ניט אָפּלײגן, זי קען נאָך ח ל י ל ה אָן מ צ ה בלײַבן. איר קענט דאָך זי: אַמאָל איז זי אַ פײַנע באַלעבאָסטע געווען. זי פלעגט זײַן בײַ מיר פון די ערשטע און שטענדיק אויף דעם „ערשטן אויוון“. פאַר די וועלגערנס פלעגט זי איבערלאָזן אַ רובל, הײַנט דעם רעדלער, דעם זעצער, דער קנעטערן. דאָס איז געווען אַ ביסל אַ ב ע ל - צ ד ק ה! און איצטער, נעבאַך, קאָן זי א פ י ל ו פאַר׳ן באַקן נישט באַצאָלן. זי מוז נעבאַך באַקן שפּעט בײַנאַכט. אַז אָך און ווײ, ווי די מ צ ו ת וועלן שוין טויגן — פלעצלאַך! נאָר אַבי קײַן ח מ ץ נישט! האָט ר ח מ נ ו ת, קינדערלאַך, רוט אײַך אַביסל אויס און לאָמיר זיך נעמען אָפּבאַקן איר די מ צ ו ת... נו, וואָס זאָגט איר? — האָט די באַלעבאָסטע ווי פאַרצווייפלט אויס־געלאָזן איר ב ק ש ה, זעענדיק די מידע און פאַרמאַטערטע פ נ י מ׳ער.

— אוי, ר י ב ו נ ו - ש ל - ע ו ל ם! — האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ יעדן אַ שווערער זיפץ אַנשטאָט אַן ענטפער.

אַ שווערע מ ל ח מ ה איז בײַ זײ אין איננווײניק פאָרגעקומען. עס האָט מ ל ח מ ה געהאַלטן אַ רואיק בעטל, אַ זיסער שלאָף מיט אַ שווערער קאָטשלקע, מיט ברענענדיקע מאַזאָליעס. נאָר אײן אָרימע א ל מ נ ה מיט פאַרווײנטע אויגן האָט בײַ זײ גיך ש ל ו ם געמאַכט, און דאָס פרײלאַכע ווײַבל ח י ה־בײלע האָט די ערשטע אויסגעשריען:

— איך בלײַב די ערשטע!

— איך אויך! — האָט זיך געהערט אַ צווייטע שטימע.

— און איך אויך! — האָט אַ דריטע אויסגערופן.

— נו, מען וועט שוין אַלע בלײַבן. — האָט אַ פערטע גענטפערט פאַר אַלע איבעריקע, ווי זי וואָלט געווען זיכער, אַז קײנער וועט ניט האָבן די ה ע ז ה זיך אָפּצוזאָגן.

— אָבער איר וועט רעדלען! — האָט זיך ענדלאַך אײן רעדלער געפונען צו פּראָטעסטירן. איך האָב קײַן כ ו ח ניט צו שטײן דאָ ביז צוויי אַזײגער. איך האָב שוין קײַן פינגער ניט. און מײַן אַרום־העלפער שלאָפט שוין אין דערהײם, ווי אַ געה ר ג'עטער.

— נו, זײַ נישט קײַן שײגעץ! — האָט זיך דער זעצער האַלב ערנסט, האַלב שמײכלענדיק געבײזערט. — דו וועסט לאָזן אַן אַ ל מ נ ה אָן מ צ ה? שײגעץ!

— שײגעץ, שײגעץ!... — האָט דער רעדלער נאָכגעקרימט און האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם בלעך. די קנעטערן איז שטיל געזעסן אויפ'ן בענקל, וואו דער א ל מ נ ה'ס מעל איז שוין געשטאַנען און האָט דערויף, ווי פאַרצווײפלט, געקוקט; זי האָט ניט געוואוסט, ווי צו באַגײן זיך דאָ. אָפּזאָגן זיך האָט זי ניט געקאָנט: אַ קלײניקײַט — אַן א ל מ נ ה! עס איז אַ ביטערער ר ח מ נ ו ת. נאָר בלײַבן האָט זי מ ו ר א געהאַט נאָך מער, ווי אַוועקצוגײן. איר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז זי זאָל קענען אָפּשטײן בײַם בעקן נאָך אַ ש ע ה. איר האָט זיך געדאַכט, אַז בײַ דער ערשטער מײרע וועט זי פאַלן.

— איך וועל געוויס אַנידערפאַלן. — האָט זי שטיל געשעפּטשעט.

נאָר דאָס פרײלאַכע ווײַבל האָט באַמערקט דער קנעטערנס טויט־בלײכן פ נ י ם, און זי האָט מיט אַ ליבלאַכער מינע אויסגערופן:

— אַי, אונזער קנעטערן איז גאָר אַ באָבע! זי איז שוין צוגע־שטאַנען. גײט אײַך געזונטערהײט אַהײם שלאָפן. איך וועל פאַר אײַך קנעטן; איך בין מער ב ר י ה.

אַלע אין פאָדראַד זײַנען פרײלאַכער געוואָרן, און יעדערע פון זײ האָט דערשפּירט עפּעס נײַע כ ו ח ו ת, ווי מען וואָלט פלוצים זײ־ערע צעבראָכענע בײנער עלעקטריזירט.

און באַלד האָט מען זיך גענומען צו דער א ל מ נ ה'ס מ צ ה. לעבעדיק און לוסטיק איז צוגעגאַנגען די אַרבעט. דאָס פרײלאַכע ווײַבל איז געווען זײער צופרידן מיט איר נײַער שטעלע און האָט בײַ יעדער מײרע שמײכלענדיק געפרעגט די וועלגערנס: „נו, וואָס זאָגט איר?“ אויף וואָס אַלע פלעגן ענטפערן: „בעסער פאַר דער קנעטערן!“

דער רעדלער, מיט אַ פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס אין מויל, האָט גע־יאָגט אײַן מ צ ה נאָך דער צווײטער. ער האָט געוואָלט גיכער אָפּפאַרטיקן די בלעך מ צ ה און פאַררײַכערן, נאָר אים איז עס

נישט געלונגגען, און ער האָט דערפאַר אויסגעזען ווי נערוועז.

און דער זעצער, ניט קוקענדיק וואָס ער האָט שטענדיק א פולן אויוון מיט מ צ ה, האָט אַלץ געקלאַפּט מיט'ן שטעקן איבער'ן בלעך:

— מ צ ה, מ צ ה! אַ ליידיקער אויוון!

און די באַלעבאָסטע, וועלכע איז געשטאַנען ביים ברעט און גלייך מיט די וועלגערנס געוועלגערט, האָט זיך אַלץ געבעטן:

— דינער, דינער! קינדערלאַך, מאַכט ניט קיין פלעצלאַך! עס איז אָרימע מ צ ה! אַ ר ח מ נ ו ת!

א. רייזען.

דער נאַכט־וועכטער.

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פינסטער,
טרויעריק און נאַס;
אין די הייזער רוען אַלע;
טויט און שטום אין גאַס.

עלנד שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
ווייַמוטיק און שטום.

דאָרט אין ווייכן, וואַרימען בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטן זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

און ער קלאָגט זיך פאַר'ן הימל:
„זע מיין טרויער צו:
איך אַליין האָב גאָרנישט, — היט איך
פרעמדנס גליק און רו!"

א. רייזען.

דער משולח.

ער גײט, און דער װינט צעיאָגט די פּאָלעס און די װײַסע באָרד.

אַלע מאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זײַט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט אַ שטאָך. ער װיל זיך דאָך נישט מודה זײַן; ער װיל זיך דװקא אײַנרעדן, אַז ער טאַפּט נאָר בײַ דער בוזים־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פֿאַרלירן! — אָט פֿאַר דעם מכלומרשט ציטערט ער.

— און אפֿילו עס שטעכט, איז אויך אַ נאַרישקײַט! איך האָב נאָך, געלױבט איז גאָט, גענוג כּוח אויף אַזאַ שליחות. אַנדערע אין מײַנע יאָרן װעלן שױן קײַן װיאָרסט ניט אָפּגײן; נאָר איך, געלױבט איז זײַן ליבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קײַן מענשן און פֿאַרדין מיר אַלײן מײַן ברױט... געלױבט איז גאָט, מען געטרױט מיר געלט!

— װען איך האָב מײַן אײגנס, — טראַכט ער װײַטער, — װאָס מען געטרױט מיר, װאָלט איך אין שליחות צו זיבעציק יאָר נישט געגאַנגען; װײַל אָבער דער רבונו־של־עולם אַזױ, איז אַזױ גוט!

עס הײבט אָן צו פֿאַלן גראָבע פֿלאַכעס שנײ; ער װישט זיך אַלע מאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ער — אין גאַנצן אַ האַלבע מײַל, אַ װאַ! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נענטער װי װײַטער! — ער דרײט זיך איבער. מען זעט שױן אפֿילו נישט דעם שטאָטישן זײגער, נישט דעם קלױסטער, נישט די קאַזאַרמע. „נו, שמריה, פֿאָר!“

און שמריה פֿאָרט אין דעם נאַסן שנײ; די אַלטע פֿיס קאָפּען זיך אַרײַן און אַרױס. — „געלױבט איז גאָט, עס איז קײַן גרױסער װינט נישט!“

גרױס האָט אַ פּנים בײַ אים געהײסן אַ שטורעמװינט; דער װינט איז געװעזן גענוג שטאַרק און געיאָגט גלײַך אין פּנים אַרײַן, אַז עס האָט אים אַלע מאָל אָטעם פֿאַרפֿעלט; ער האָט אים אַרױסגענאַרט אַלע טרערן פֿון די אַלטע אױגן, װאָס האָבן אים געשטאָכן װי שפּילקעס. נאָר אויף די אױגן לײַדט ער תּמיד.

פֿאַר׳ן ערשטן געלט, פֿאַלט אים אײַן, קױפֿט ער זיך װעג־ברילן, — אַזױנע גרױסע, קײַלאַכדיקע; זײ זאָלן די גאַנצע אױגן פֿאַרשטעלן.

ער דאַרף אפֿילו אַ שטיקל פּעלצל אױך. עס װאָלט אים

לײַכטער געװוען אויף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דערװײַל האָט ער נאָך אַ װאַרימע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רײַסן, װאָלט זי גאָר װאויל געװעזן. — ער שמײכלט מיט פאַרגעניגן: „דאָס, — טראַכט ער, — איז נישט קײן הײַנטיקע קאַפּאָטע, קײן קײַ און שפּײַ, קײן שפּינװועבס! נאָר פאַרצײַטישער לאַסטיק; דאָס װעט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מ ע ל ה; זי צעפּליט זיך נישט אַזוי װי אַ הײַנטיקע ס ח ו ר ה, און פון פאָרנט פאַרלײגט זי זיך אויף אַן אײל!“...

— אַ פּעלצל — טראַכט ער װײַטער — איז אײַגנטלאַך בעסער. אַ פּעלצל איז װאַרים, גוט װאַרים, נאָר אַלץ פריער ברילן. אַ פּעלצל איז נאָר גוט װינטער, און ברילן דאַרף מען ת מ י ד; װאַרים זו־מער, אַז עס מאַכט זיך אַ װינט און יאָגט דעם שטויב גלײַך אין די אויגן אַרײַן, איז ערגער װי װינטער!

און עס בלײַבט, אַז פריער זײַנען ברילן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל!

און ער שליאָפּעט װײַטער; און דער נאַסער שנײ פּאַטשט אים אין פּ נ י ם אַרײַן, דער װינט װערט אַלע מאָל שטאַרקער, און די זײַט שטעכט אַלע מאָל מער.

— דער װינט זאָל זיך נאָר װעלן איבערדרײען! נאָר מ ן ה ס ת ם — טראַכט ער — איז אַזוי גלײַכער; צוריק צואװעגס װעל איך מער מיד זײַן, װעל איך אים דעמאָלט האָבן פון הינטן! אַ, דע־מאָלט װעט עס גאָר אַנדערש גײן! אַלץ פאַרזאָרגט! גרינג אויפ׳ן האַרצן!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַ ר ג ע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים אַ ביסל איבער:

— װאָס איז אַזוינס מיט מיר געשען? װײניק פרעסט און װינטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַלס קאַנטאָניסט? — פרעגט ער זיך טרויעריק און האַלב דערשראָקן.

און ער דערמאָנט זיך זײַן „סלוזשבע“ אַלס ניקאָלאַיעװסקער סאָל־דאַט. פינף און צװאַנציק יאָר רײנע „סלוזשבע“ אונטער דער ביקס, ח ו ץ די קינדערשע יאָרן אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך געגוג אַנ־געגאַנגען אין זײַן לעבן, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שנײ און פרעסט און אַלערלײ זאַװערוכעס. און װעלכע שנײען, װעלכע פרעסט! די בײמער פלעגן פּלאַצן, פײגעלאַך פלעגן טויטע אַראָפּ־פאַלן אויף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פריש, לעבעדיק און נאָך דערצו אַ לידעלע געזונגען, מיט די פיס צו־געקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און דרײַסיק יאָר אויסגע־האַלטן די פּאַרציײַטיקע „סלוזשבע“, אויסגעשטאַנען אַלע צ ר ו ת, אַלע שניײען, אַלע ווינטן, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויטן, און אַ געזונטער אַהײם געקומען, — דער געדאַנק מאַכט אים גרויס! ער הײבט אויף דעם קאָפּ מיט ג ד ל ו ת און גײט מיט נײַעם כ ו ח.

ער גײט; דער ווינט ווערט אַ ביסל שטילער, עס ווערט אַלע מאָל טינקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג, — טראַכט ער, — אַ ט ל ־ ו מ ט ר׳ל!... און ער הײבט זיך אָן מער צו יאָגן, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַפאַלן.

ער פילט אַ ביסל הונגער, און אַ ט ב ע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ער ווײס, אַז אַפּעטיט איז אַ גו־טע זאַך; זײַנע ס ו ח ר י ם, וואָס שיקן אים אין ש ל י ח ו ת, ווײנען ת מ י ד נאָר אויף דעם, וואָס זײ זײַנען קײנמאָל ניט הונ־געריק! ער האָט, ב״ה, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט ב ק ו ־ ה ב ר י א ה, ווי, ל מ ש ל, נעכטן; ער איז קראַנק געווען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— נאָר געלויבט איז דער, וואָס ער איז ניט ווערט זײַן נאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטן!

אַצונד האָט ער אויך אַפּעטיט; ער האָט א פ י ל ו אין קע־שענע ברויט מיט אַ שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם ס ו ח ר׳ס ווײַב געגעבן, לעבן זאָל זי און געזונט זײַן! זי איז טאַקע אַ ב ע ל ־ צ ד ק ה, זי האָט אַ אידיש האַרץ.

— זי זאָל נאָר נישט אַזוי ק ל ל ה׳ן, — טראַכט ער, — וואָלט זי געווען גאָר אַ וואוילע אידענע!... — ער דערמאָנט זיך אָן זײַן גע־שטאָרבענער ווײַב.

— גאָר מײַן שפּרינצע! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ און אַזאַ ט ב ע צו ק ל ל ה׳ן! וואָס פאַר אַ קינד איך האָב אַוועק־געשיקט אין דער וועלט אַרײַן, האָט זי געוויינט ווי אַ ביבער, כאָטש אין דער הײם האָט זי זײ געשאָלטן מיט טויטע ק ל ל ו ת! ווער שמועסט, — דערמאָנט ער זיך, — אַז אײנס איז געשטאָרבן! זי האָט זיך געוואָרפן גאַנצע טעג ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַרײַן.

אײנמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן אַ שטײן אין הימל אַרײַן!

„אַ שײנע ג ב ו ר ה האָט געשטעקט אין דער שפּרינצען!...

עס האָט זיך געדאַכט אַ פליג, און אַזאַ כ ו ח, אַזאַ כ ו ח!...“

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מ ו ח ל זײַן, אַ גוטע געווען! זי

האָט א פ י ל ו מ י ך אויך נישט פײַנט געהאַט, כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

— פע! — האַקט ער זיך אַליין איבער די געדאַנקען. — וואָס מיר קומט אַלץ אין קאָפּ אַרײַן! דורך די פּוסטע זאַכן גיי איך פּאַמעלאַך.

— נו, זעלנערישע פיס, טראָגט ווײַטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — אַרום און אַרום שניי; אויבן אַ גראָער הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט. — גאָר מײַן אונטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער.

דערווײַל נעמט אַ פראָסט. די באָרד און די וואָנסעס זײַנען אײַז. אין ג ו ף איז א פ י ל ו נישקשה, דער קאָפּ איז גאָר וואַרים, אויפ'ן שטערן פּילט ער טראָפּן שווייס; נאָר די פיס ווערן וואָס אַ מאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווײַט. ער האָט דאָך ח ש ק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָפּרוען בײַ אַ ש ל י ח ו ת פון צוויי מײַל וועג. ער וויל זיך נישט מ ו ד ה זײַן, אַז ער איז אַן אַכציקער און עס איז שוין צײַט דערויף.

גיין, ער מוז גיין... נאָר גיין... כ ל ־ ז מ ן מען גייט, גייט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם י צ ר ־ ה ר ע און מען רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין אַ לײַט!

— מען קען זיך גלאַט פאַרקילן. — שרעקט ער זיך אַליין איבער און וויל זיך אַלץ אויסרעדן דעם שטאַרקן ח ש ק צום אָפּרוען.

— נישט ווײַט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צײַט האָבן!

— דאָס — טראַכט ער — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל נישט גיין גלײַך צום פּ ר י ץ... בײַם פּ ר י ץ מוז מען וואַרטן אַ ש ע ה אין דרויסן... נאָר גלײַך צום אידן.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער, — וואָס איך האָב נישט קיין מ ו ר א פאַר דעם פּ ר י צ'ס הונט; פון דעסטוועגן, בײַנאַכט, אַז מען לאָזט אָפּ דעם בורן, איז פאָרט אַ ס כ נ ה; איך האָב מיט א פ י ל ו מײַן וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז. פאָרט בעסער פריער אויסרוען די ביינער! איך וועל מיר פריער גיין אַרײַן צום אידן אַנוואַרימען זיך, וואַשן, עפּעס עסן...

און עס קומט אים וואַסער אין מויל אַרײַן; ער האָט פון אין דער פרי אָן נישט געגעסן. נאָר דאָס איז אַ קלייניקײַט, אים אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריק; ער האָט ה נ א ה דערפון: אַז מען איז הונגעריק איז אַ ס י מ ן, אַז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אײנגאַנצן אַ צװײ װערסט; ער זעט שױן אַרױס דעם פּ ר י צ'ס גרױסע שאָפּע... נאָר די פּיס גײען נישט, זײ װילן זיך דװקא אָפּרוען!

— און װידער פאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — װאָס איז, אַז איך װעל זיך אַ ביסל אָפּרוען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פּרואװן! אַזױ לאַנג פאָלגן מיך די פּיס, װעל איך זײ אױך אַ מאָל פאָלגן!

און ש מ ר י ה זעצט זיך אין דער זײט אױף אַ בערגל שנײ. אַצונד הערט ער ערשט, װי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים װי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שװיצט...

ער דערשרעקט זיך... צי װערט ער נישט קראַנק? ער האָט בײַ זיך פאַרמעד געלט! ער קאָן בלײַבן, ח ס - ו ש ל ו ם, ח ל ש ו ת... און ער טרײסט זיך: געלױבט איז גאָט, װאָס קײנער גײט נישט! און אפילו עמיץ זאָל גײן, װעט אים אױך נישט אײַנפאַלן, אַז איך האָב געלט בײַ מיר... מישטײנס געזאָגט, װעמען מע געטרױט געלט!... נאָר אַ קאָפּ זיצן, דערנאָך גײ!

נאָר די ברעמען פאַלן אים צו װי בלײַ.

— גײן, הײב זיך אױף, ש מ ר י ה! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קען ער נאָך, אָבער אױספירן נישט; ער קען זיך נישט רירן. אים דאַכט זיך דאָך, אַז ער גײט, אַז ער גײט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעט ער שױן אַלע הײַזלאַך... דאָ װאױנט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זײ אַלע, ער דינגט בײַ זײ פורן... צום אידן איז נאָך װײַט, נאָר גלײַכער צום אידן... און אים דאַכט זיך, אַז ער גײט צום אידנס הײַזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל װײַטער, װײַטער... מ ן - ה ס ת ם דאַרף אַזױ זײַן... עס ברענט דאָרט אַ פרײלאַך פײַערל אױפ'ן קױמען — דאָס גאַנצע פענסטערל איז לוסטיק און רױט: די גראָבע מירל שױמט א ו ו ד א י אַ גרױסן טאָפּ קאַרטאָפל און זי איז אים שטענדיק מ כ ב ד מיט אַ קאַרטאָפל; אַ פאַרגעניגן אַ הײסע קאַרטאָפל! — און ער רוקט זיך װײַטער. אַזױ דאַכט זיך אים, ה ג ם ער זיצט אױף אײן אָרט.

דער פראָסט האָט אַ ביסל געלאָזט; עס הײבן אָן פאַלן ברײטע, דיקע פלאַכעס שנײ.

אים איז אַ פּ נ י ם אױך װאַרעמער געװאָרן אין דער שנײ-קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שױן בײַם אידן אין שטוב. מירל זײַערט די קאַרטאָפל; ער הערט, װי דאָס װאַסער גיסט זיך: זיװר, זיװר, זיװר, און אַזױ גיסט זיך פון זײַן לאַסטיקענער קאַפּאָטע אױך. י ו נ ה גײט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז (זײַן שטײ-

גער איז צו זינגען נאָך מ ע ר י ב, ווייל דעמאָלט איז ער הונגעריק) און מאַכט אַלע מאָל: „נו, מירל!“

נאָר מירל יאָגט זיך נישט: „פּאַמעלאַך טוט זיך בעסער!“

— צי שלאָף איך און עס ח ל ו מ'ט זיך מיר? — ווערט ער ראַפּטאַם פריילאַך־דערשראָקן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין זיין עלטערער זון... ח נ ה! ח נ ה! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר ח נ ה דערקענט אים נישט, און ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק... כאַ, כאַ, כאַ! ער דערציילט י ו נ ה'ן, אַז ער פאָרט צום טאַטן; ער פרעגט אוים אויפ'ן טאַטן, ער האָט דעם טאַטן נישט פאַרגעסן! און י ו נ ה זאָגט אים נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפ'ן באַנק־בעטל!... מירל האָט צו טאָן: זי איז פאַרנומען ביי די קאַרטאָפל, זי וועט נישט מ פ ס י ק זיין; זי שמייכלט נאָר, זי רייבט די קאַרטאָפל מיט'ן גרויסן הילצערנעם לעפל און שמייכלט!

— אָ! ח נ ה מוז זיין רייך, גאָר רייך! אַלץ איז אויף אים גאַנץ, און אַ קייט!... א פ ש ר טאַמבאַק? ניין, א ו ו ד א י גאָלד! ח נ ה וועט נישט טראָגן קיין טאַמביקענע קייט. ח"ו... כאַ! כאַ! כאַ! — ער גיט אַ קוק אויפ'ן פּיעקאַליק... כאַ! כאַ! כאַ! — ער פלאַצט שיר פאַר געלעכטער. יאַנקל, בערל, ז כ ר י ה... אַלע דריי... כאַ! כאַ! כאַ! זיי האָבן זיך באַהאַלטן אויפ'ן פּיעקאַליק. דאָס איז ג נ ב י ם! כאַ! כאַ! כאַ! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי וואָלט כאָטש אויך האָבן דאָס נ ח ת!“ דערווייל באַשטעלט ח נ ה צוויי גענז. „ח נ ה! ח נ ה! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!...“ — און אים דוכט זיך, אַז ער צעקושט זיך מיט ח נ ה'ן...

— הערסטו, ח נ ה, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָל דיך זען!... יאַנקל, בערל, ז כ ר י ה! אַראָפּ פון פּיעקאַליק! איך האָב אייך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט קו־מען! אַ ו ה א ־ ר א י ה, איך האָב אייך מיטגעבערענגט קעז, א מ ת'ן שאָפענעם קעז! זעט נאָר, קומט, קינדער! איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט. וואָס? א פ ש ר נישט? א מ ת, אַ שאָד די מאַמען!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיר קינדער האָבן אים אַרומגע־רינגלט און האַלזן אים און קושן און דריקן זיך צו אים צו.

— נאָר וואַלנע, קינדערלאַך, וואַלנע! דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין שוין נישט קיין יונגער מאַן, איך בין אַן אַכציקער!... וואַלנע, איר דושעט מיך, וואַלנע, קינדערלאַך... אַלטע ביינער! וואַל־

נע, איך האָב געלט אין קעשענע! מיר, ב״ה, געטרויט מען געלט!... גענוג, קינדערלאַך, גענוג!...

און עס איז געווען גענוג... ער איז געבליבן פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אויף דעם בוזים-קעשענע.

י. ל. פרץ.

דאָס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווײַטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ.
אַ, גאָט, האָב רחמנות, די אָרימע
פון בײַזן געוויטער באַשיץ,

וואָס אַרבעטן שווער אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווײַט פון דער הײַם
און האָבן קײַן אָרט, וואו זיך שיצן,
קײַן שײַער, קײַן דעכל, קײַן בוים!

וואָס זײַנען אַוועק אונטערוועגנס,
די פורן מיט משא פאַרלײַגט,
און ווײַט איז פאַר זײַ נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווײַקט.

וואָס שטײַען אין מאַרק מיט די קוישן:
מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט,
און אַלע, וואָס זײַנען איצט דרויסן,
וואָס ס'טרײַבט זײַ דער הונגער און נויט.

און אַלע וואָס זײַנען פאַרוואָגלט,
וואָס האָבן קײַן ווינקעלע ניט, —
די אַלע פון בײַזן געוויטער
באַשירעם זײַ, גאָט, און באַהיט!

א. רייזען.

צוויי ברידער.

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלאַך אַ הייזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך פּראָסטע, אָן ע ז ו ת, אָן שטאָלץ,
אָן פוצאַכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענסטער אַ קליינטשיקס, נאָר ח נ׳עוודיק-האָלד;
די זון — זי באַשיט עס טאָג-טעגלאַך מיט גאָלד!
ל ב נ ה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט.
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטריי,
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז ב ש ו ת פ ו ת — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כ ש ר׳ן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל;
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט.
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך ע ש י ר ו ת פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרימער מאַן,
כ׳פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ׳וואָלט אויפ׳ן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס׳טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „אַי, ברודער! וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט

און אלץ, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דעם ס ו ד,
איך קאָן דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער אינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט!
גיי, פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
ביים עלטערן פלאַמט שוין די ת א ו ו ה אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם ס ו ד!
ער קוקט אויפ'ן וואַלד,
און ג נ ב'עט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד, צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיט'ן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלאַך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס.
עס טריפן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן — דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפט — און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, ש ו ט ה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלזסט אים; דו האַלסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערן פון ד'אויגן אַרויס!

פֿאַרשוועגדסט דײַן פֿאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!
רײַך וועסטו זײַן ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דײַן ברודער אַן אײַדעלע פֿעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאַפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאַר און צאַפּ!
זאָל ער נאַר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פֿאַבריק
און מאַך דיר דײַן גליק;
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!

די ליפּן פֿאַרביסן, די פֿויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פֿון וואַלד.
די אויגן, זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאַר מאַכן אַ פּרואוו;
אַ שטאָך וועל איך געבן, אַ קליינעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך ווייס!
נאַר טרערן און שווייס,
הערסטו דאָך, זײַנען בריליאַנטן!"

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינ'ם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פֿענסטער אַרײַן:
ווי לאַכט עס אַ ברודער בײַם ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלײַך
דעם וואַלד און דעם טײַך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פֿאַרשוואונדן, עס ווײַכט זיי דער שלאָף.

אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק.
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטיק, דער צווייטער פאַר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מײַן ע ש ר ו ת, מײַן רײַכטום, מײַן גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מײַן שווייס און מײַן בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זײַט י ם
רײַסט מען זיך שוין בײַ די האָר!

י. ל. פּרץ.

צוויי פרויען.

באַגעגנט האָבן זיך צוויי פרויען, גוטע פרײַנד,
אין מאַרק בײַם פולן וואָגן:
— וואָס זעט איר מיר אויס הײַנט
אַזוי ניט גוט? — האָט איינע
מיט מיטגעפיל געווענדט זיך צו איר ש כ נ ה.
(און צווישן אונז גערעדט —
געוועזן זײַנען ביידע ווי די גענזלאַך פעט.)
— איר וואָלט מיך גאָר ניט פרעגן, ווען איר ווייסט,
וואָס הייסט,
אַ דינסטמיידל צו האָבן אין אַ הויז. —
האָט יענע אָפּגעענטפערט איר דערשלאָגן.
— איר הערט נאָר אויס:
אָט נעכטן האָט זיך דאָס מײַן מויד,
פון העלער הויט,
פאַרגלוסט צו וואַשן גרעט און באַקן ברויט.
פאַרשטייט איר, מ ן - ה ס ת ם,
דעם גאַנצן טאַראַראַם,
וואָס איז פון פרי ביז שפּעט בײַנאַכט געווען אין הויז.
אַ גאַנצן טאָג בין איך אין ערגעץ ניט אַרויס,
געזעסן
און נאָכגעקוקט איר, ווי זי טוט.
עס האָט מיר, זאָג איך אײַך, ביז טויט דערעסן.
דאָס גראָד: זי האָט בײַ מיר אַ ווײַלע ניט גערוט
און האָט געאַרבעט ווי אַ ש ד;

ביי איר האָט דאָרטן אין די הענט
גענברענט!
זי האָט די גרעט
צעוואַשן זילבער־ריין
און שיין
און אָפּגעבאַקט דאָס ברויט, ווי אויפ׳ן זון.
און איך, — איז ווי איר זעט, בין היינט דערפון
אַ קראַנקע; קוים נאָר וואָס איך שטיי
און גיי.
די דינסטן, הערט איר, טרייבן מיך אַריין אין גרוב...

די צווייטע פרוי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן,
האָט צוגעגעבן מיט דעם זעלבן ניגון:
— אַ קלייניקייט, צו אויסהאַלטן אַ שטוב!...

גאַנץ אָפט באַגעגענען זיך מיר
מיט מענשן פון דעם זעלבן שניט:
זיי טוען זיך אַליין צו קיין זאַך ניט אַ ריר
און ווערן נאָר פון יענעמס אַרבעט מיד.

נחום יערוסאַלימטשיק.

די פאַבריק.

אַמאָל בין איך אַ קליין אינגעלע געווען, און מיין וועלט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע מיט די זעקס קליינע שמאָלע געסלאַך, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווי שוואַרצע סטענגעס, מיט דעם טייכעלע הינטער אַ קליין שמאָל געסעלע...

פלעגט זיך אַמאָל טרעפן, אַז לויפנדיק אַזוי צום טייכעלע, פלעגט עמיצנס אַ טאַטע אונז באַגעגענען און אונז אַ רוף טאָן מיט אַ בייזער: וואוהין? פלעגן מיר זיך מאַכן כלא־ידע און פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן. אַי וואָס? שפּעטער וועט מען שמייסן? מילא! וואָס נאָכדעם וועט זיין, האָבן מיר ניט געזאָרגט.

ס׳איז ווינטער. מיר אינגלאַך זיצן אין חדר און לערנען גמרא. דער פּרק איז אַ שווערער, צו שווער פאַר אונזערע קעפּלאַך. דער רבי שרייט און שרייט.

ס׳עפנט זיך אויף די טיר און עס לויפט פריער אריין א ווייסע פארע אין ח ד ר, נאכדעם פאלט אריין בערל דער שמיד, א חדר־אינגלם א טאטע. ער קומט געוואר ווערן, וואס מאכט זיין יאסקע, און גלאט א ביסל שמועסן מיט א אידן א „ת ל מ י ד ־ ח כ ם“ — מיט׳ן ר ב י׳ן.

— ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם, ר ב י! — ציט דער שמיד אוים דעם ר ב י׳ן זיין גראבע פארהארעוועטע האנט.

— ע ל י כ ם ־ ש ל ו ם! — ענטפערט דער בייזער ר ב י און סטארעט זיך צו שמייכלען, נאר דאס קומט אים זייער שווער אן.

— זיצט, ר׳ בער! — נו, ש ק צ י ם, — ווענדעט זיך דער ר ב י צו אונז, — זיצט רואיק א ווײַלע, קוקט איבער די ג מ ר א דער־ווײַל און איך וועל א ביסל שמועסן מיט ר׳ בערן.

מיר קוקן זיך אלע אײַן אין דער גרויסער ג מ ר א, נאר אונ־זערע אויערן זײַנען אנגעשטרענגט צו הערן עפעס נײַס, וואס בער דער שמיד האט געבראכט, ווײַל בער דער שמיד ברענגט שטענדיק א ס ך נײַס, ווען ער קומט.

— א וועלטעלע געווארן, א גרויל, א גרויל! — הייבט אן דער שמיד.

— ד ה י י נ ו, ר׳ בער? — ווערט נײַגעריק דער ר ב י און שטעלט אן די אויערן צו הערן עפעס אינטערעסאנטס.

— א קליין שטעטעלע, — הייבט אן דער שמיד, — מ׳שטיינס־געזאגט, זעקס געסלאך מיט א מארק, די ג ו י׳אישע געסלאך איז דאך ניטא וואס צו רעכענען, איר פארשטייט?... און אין אזא שטעטעלע מאכט מען גאר א פאבריק... א פאבריק! א גרויל!

— א פאבריק! — גיב איך א קלאפ א ח ב ר מיט׳ן פוס...

— אין ג מ ר א קוק! — גיט א געשריי דער ר ב י.

— אזוי גאר! — ווענדט זיך דער ר ב י צום שמיד. — א פא־בריק דא אין שטעטל; צי מ ש ו ג ע?

— א פאבריק פון שוועבעלאך.

— פון שוועבעלאך! — גיב איך ווידער א קלאפ א ח ב ר מיט׳ן פוס.

— אזוי גאר, פון שוועבעלאך! וואס איך הער! — וואונדערט זיך דער ר ב י און גלאצט אוים די אויגן.

— יא, יא, ביי אונז אין שטעטעלע שטעלט מען א פאבריק פון שוועבעלאך.

— מ ש ו ג ע, פ ש ו ט מ ש ו ג ע. — לאכט דער ר ב י. — וויפיל שוועבעלאך דארף האבן אונזער שטעטל? לאמיר א פ י ל ו

רעכענען אַ מאה פּעקלאַך אַ וואָך... לוינט דאָס דען?... פּשוט משוגע...

— רעכנט אײַך, — גיט דער שמיד קאַלטבלוטיק צו פאַרשטיין, — אַז אַ פאַבריק מאַכט זיך ניט נאָר פאַר איין שטעטל אַליין. די שוועבעלאַך קאָנען אָנגיין אומעטום אין דער גאַנצער וועלט... איר פאַרשטייט...

— ווער מאַכט די פאַבריק? — פרעגט דער רבי.

— עפּעס אַגרויסער גביר, פון מינסק; האָט אַ מטמון מיט גאָלד און זוכט געשעפטן.

— און וואו מאַכט ער די פאַבריק? — פרעגט דער רבי ווייטער.

— אָן אָרט האָט ער אַ גאָלדענעם, בײַם טײַכל, אַ זעלטענער פּלאַץ.

— בײַם טײַכל! — רײַסט זיך אַרויס בײַ אונז חדר־אינגלאַך ווי אין איין קול אַ געשריי, און מיר קוקן זיך אַלע איבער.

— בײַם טײַכל! — קלאַפּ איך מײַן חבר אונטער׳ן טיש מיט׳ן פוס, און מײַן האַרץ ווערט איבערפולט מיט עפּעס מאָדנע געפילן, און פאַר מײַנע אויגן מאָלן זיך פאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פאַלן צו די פיס בערל דעם שמיד און וויינען פאַר אים און בעטן אים תחנונים:

— רב בער, האָט רחמנות, זאָגט מיר דעם אמת, טאַקע בײַם טײַכל מאַכט מען די פאַבריק?... טאַקע בײַם טײַכל?... און מיר גלויבט זיך דאָס גליק ניט...

נאָך פּסח איז די פאַבריק פאַרטיק געוואָרן. מיר, חדר־אינגלאַך זײַנען געקומען צולויפן אָנקוקן זי. איר אויסזען האָט אונז געשראָקן. די הויכע קוימענס האָבן פונדערווײַטנס אַזוי בייז געקוקט און האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וועלן חרוב מאַכן דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס געפינט זיך אַרום.

— אַ, סאַראַ הויכע קוימענס! — האָט יאָסקע, אַ חדר־אינגל, פון ווײַטן אָנגעוויזן.

— ווי עם הודזשעט! — האָט אַ צווייטער אינגל ווי מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— קומט נענטער, וואָס האָבן מיר מורא? — האָט זיך איינער געמוטיקט.

— טאַקע, וואָס האָבן מיר מורא? — האָבן מיר זיך אַלע געפאַסט מוט. — קומט זען.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען נענטער און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט

ביים טײַכל. דאָס וואַסערל האָט שטיל און טרויעריק געדרוישט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וויינט... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס טײַכעלע האָט מורא פאַר דער גרויסער פאַבריק...

און ניט נאָר אויף מיר אַליין האָט דאָס טײַכעלע אַזאַ'ן אײַנדרוק געמאַכט. אַלע חדר־אינגלאַך האָבן, אַנשטאָט צו קוקן אויף דער פאַבריק, זיך אין וואַסער אײַנגעקוקט און האָבן עפּעס ווי געזיפצט.

— מוטנע וואַסער געוואָרן!

— טאַקע! — האָט אַ צווייטער טרויעריק מודה געווען.

— דאָס איז פון רויך פון די קוימענס...

— אַ ר'חמנות אויפ'ן טײַכעלע. — האָט אַ אינגעלע כלומרשט לאַכנדיק געזאָגט.

— משוגע'נער! — האָבן מיר פון אים אָנגעהויבן צו לאַכן, די הערצעלאַך אָבער אינעווייניק האָבן אונז געקלעמט און עס האָט זיך וויינען געוואָלט...

„ספירה“ האָט זיך געענדיקט. עס איז געווען אַ הייסער טאָג, און לערנענדיק מיט'ן בייזן רבי'ן, האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג אין זינען געהאַט גיין פּאַרנאַכט, אַרײַנוואַרפן זיך אין אונזער ליב טײַכעלע.

און מיט אומגעדולד האָבן מיר געקוקט בגנבה אין פענסטער, צו זען, וואו האַלט שוין דער שאָטן פון די הײַזער. ווען וועט שוין די זון אויף אונז רחמנות האָבן און וועט זיך איבערפּעקלען ערגעץ ווײַט הינטער די הײַזער, כדי דער רבי זאָל אונז שוין לאָזן פרײַ...

און אָט איז שוין די גאַנצע גאַס „שאָטן“ געוואָרן, דער פאַסטוך האָט שוין די טשערעדע געטריבן, און דער רבי האָט אונז פרײַ געלאָזט.

— באָדן זיך! — האָבן מיר אין איין קול אויסגעשריגן, און זיך געלאָזט אַראָפּ פון געסל צום טײַכל.

— הערסט, ווי עס פײַפט! — האָט גייענדיק איין חבר, ווי באַזאָרגט, אויסגערופן, צוהערנדיק זיך, ווי פון ווײַטן פײַפט די פאַבריק.

— זאָל פײַפן! וועט זײַן פריילאַכער זיך צו באָדן. — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

נאָר וואָס נענטער מיר זײַנען געקומען צום טײַכל, אַלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן. עפּעס האָט אונז דאָס האַרץ פאָרגעזאָגט טרויעריקס...

איך האָב זיך געלאָזן לויפן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט וועלן דערמיט צוגעבן מוט מײַנע חברים; נאָר קו־מענדיק נאָנט צום טײַכל, בין איך געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגלי־ווערטער.

— ניטאָ, ברידער, קײן טײַכל! צוריק! — האָב איך ווי מיט אַ געוויין אויסגעשריגן.

— דזז!!! — האָבן די קוימענס געפּײַפט.

— דזזז!!!

די חדר־אינגלאַך זײַנען נענטער צוגעקומען, האָבן אײַנגע־בויגן די קעפּ אַרײַנצוקוקן אין טײַכעלע און מיר האָבן אַלע אַ לאַנגן זיפץ, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם, אַרויסגעלאָזן.

— אוי!

דאָס וואַסער האָט אויסגעזען, ווי אין אַ טעלער פאַרבליבן קאַלט געקעכטס, פאַרגליווערט. אויפ׳ן גליווערײַ זײַנען געווען אָנגעוואָרפן העלצעלאַך, צעבראָכענע קעסטעלאַך און סתם מיסט. און אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ מאָדנעם שטיקנדיקן גערוך.

מיר זײַנען אַזוי געשטאַנען, ווי פאַרשטײנערט, אַ פּאָר מינוט, געקוקט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. פּלוצים האָבן מיר דערהערט עפּעס אַ גראָב קול רעדט צו אונז:

— וואָס טוט איר דאָ? האַ?

מיר האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן דערזען אַ הויכן גראָב־בײַ־כיקן אידן, מיט אַ פּליך אויפ׳ן קאָפּ: ער שטײט און קוקט אויף אונז און שמײכלט; מיר האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

— וואָס טוט איר דאָ? האַ? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— באָדן זיך ווילן מיר! — האָט זיך בײַ מיר עפּעס ניט ווילנ־דיק אַרויסגעריסן פון מויל.

— כאַ־כאַ־כאַ! באָדן זיך! — האָט זיך דער הויכער בײַכיקער איד פאַנאַנדערגעלאַכט. — נו, גיכער טוט זיך אויס! כאַ־כאַ־כאַ!

— אַמאָל פלעגן מיר זיך באָדן. — האָט אַ צווײט אינגל, ווי דורך טרערן, אַרויסגעזאָגט. — אַמאָל איז געווען רײנע וואַסער...

— אַמאָל! אַמאָל! — האָט דער הויכער בײַכיקער איד זיך פריילאַך געמאַכט מיט אונז. — אַמאָל איז אויך אַ קוטץ געווען צו באָדן זיך! באָדט זיך איצטער... כאַ־כאַ־כאַ! אָט איצטער באָדט זיך!... כאַ־כאַ־כאַ!...

זײַן לאַכן האָט אונז ווילד געררייצט. און אײנער פון אונז, בלאַס ווי דער טויט, האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַ בראַנד אין אײַער פאַבריק!...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער בײַכיקער דיקער איד פאַנאַנ־דערגעלאַכט. — אַהיים, שקאָצים!

גײענדיק צוריק אַהיים, האָט מיר געקלונגען אין די אויערן דעם

אידנס געלעכטער, דער „דזזז!...“ פון די קוימענס, און דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט, ווי שוועבל אויף מײַן האַרץ.

— אַ בראַנד אין דער פאַבריק! — האָט דער אינגל דעם גאַנצן וועג געשאָלטן.

— דערשטיקט האָט זי דאָס טײַכעלע! — האָט אַ צווייטער געזיפצט...

און לאַנג האָבן מיר דאָס טײַכעלע באַוויינט און נאָך לענגער די פאַבריק געשאָלטן...



אין פאַבריק.

איינמאָל האָט מיך איציקל מײַן תלמיד שטאַרק געבעטן, איך זאָל מיט אים גיין באַקוקן דעם פאָטערס פאַבריק. ער וויל מיר ווײַזן די טײַערע און קונציקע מאַשינען.

איך האָב אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן, גיי איך.

אין פאַבריק אַרײַן גייען מיר דורך אַ שמאָל פּעדערהײַזל, וואו צוויי מענשן קענען נישט צוזאַמען דורכגיין, נאָר איינער נאָכ׳ן אַנדערן. פון דאָרט זײַנען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסן הויף אַרויס, פון הויף ערשט אין פאַבריק אַרײַן. אין פאַבריק איז נאָך מער רחוות ווי אויפ׳ן הויף.

און די פאַבריק איז פול מיט וואַרשטאַטן. און בײַ יעדן וואַרשטאַט שטייט אַ פּועל. דער וואַרשטאַט וואַרפט זיך, און דער פּועל וואַרפט זיך מיט׳ן וואַרשטאַט. און דער פּועל מיט׳ן וואַר-

שטאַט זעען אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאָקלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעם דורך לעדערנע רימענס, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער פּועל, וואָס טוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבן קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין תלמיד וויל מיר אַלץ פּאַרטייטשן, געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך: וואָס מען אַרבעט, ווי אַזוי מען אַרבעט; נאָר — איך הער נישט, איך שרעק זיך פאַר די קלאַפּנדע גולמות...

די אויערן ווערן טויב פון גערויש און געקלאַפּערײַ...

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט און רײַבט און קריצט מיט די ציין...

און אַ וואונדערלאַכע מחשבה פליט דורכ'ן מוח:

„און ווען עס קומען אַהער, אין גיהנום אַרײַן, די גרעסטע נביאים: ישעיה, ירמיה, און ווען משה־רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מײַלער און זיי ווילן רעדן, צי וואָלטן זיי איבערגעשריען דעם גיהנום, צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפּײַניקטע נשמות געהערט?“

— ניין, זיכער נישט! — טראַכט איך און לויף אַרויס, באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס פאַר שרעק!

און מיר גייען ווײַטער דורכ'ן שמאָלן פעדערצימער, און איך מיט יצחק'ן קענען צוזאַמען נישט דורכגיין...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? — פרעג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבעטער, — ענטפערט יצחק'ל, — איינעם נאָכ'ן צווייטן רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנב'עט פון פאַבריק... כלים, סחורה....

— גנבים זײַנען זיי, גנבים?

— נישט אַלע, חס ושלום! נאָר אויף טייל פאַלט אַ חשד!...

— און אַז אויף אַ טייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלע?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קען נישט מבייש זײַן, רעווידירט מען אפילו די מײַסטער אַליין...

י. ל. פּרץ.

אין דער הוטע.

א.

מאטקע האט דערזען פון דערווייטנס, ווי א פייער רייסט זיך ארויס פון א גרויס הויז און שלאגט אין דער הייך מיט א וואלקן רויך. ער האט געמיינט, אז עס ברענט, און איז נייגעריק געווארן. נאר ער האט געזען, אז אנטאן מאכט זיך גארנישט דערויס, איז ער אויך רואיקער געווארן און האט גארנישט גערעדט. באלד זיינען זיי אנגעקומען אין א דארף אריין. זיי זיינען דורכגעגאנגען א שטרעקע קליינע הילצערנע הייזלאך. פאר די טירן זיינען געזעסן גויים אין די העמדער און האבן געריי‌כערט פיפקעס און פאפיראסן. טייל זיינען געשלאפן אויף די שוועלן פון זייערע הייזלאך. אויף א שוועל האט זיך געהערט א הארמאניקע שפילן און פון דערווייטנס איז געקומען צושלאגן דער רויך פון פייער, וואס דער ווינט האט צוגעטריבן און איינגעדעקט די שלאפנדיקע, ווי אין א וואלקן.

וואס נעענטער מאטקע איז צוגעקומען צו דעם הויז, פון וואנען דאס פייער מיט'ן רויך האבן געשלאגן, אלץ מער האט ער זיך געשראקן דערפאר. ארום דעם הויז איז פינסטער געווען. מען האט נישט געזען קיין שטערן און קיין נאכט. מען איז געגאנגען אין א וואלקן'רויך, נאר פון צייט צו צייט האט אויפגעפלאמט א פייער, און דער וואלקן רויך איז באלויכטן געווארן. און מאטקע האט דערזען איינצלנע געשטאלטן פון מענשן, וועלכע שטייען מיט נאקעטע הענט און ארבעטן עפעס. אין א מינוט ארום איז דאס פייער אויסגעלאשן געווארן, און אלצדינג איז ווידער פארשוואונדן אין וואלקן רויך. מאטקע איז געשפרונגען נאך אנטאנען איבער קאלוזשעס קאלך, אספאלט און אפגעווארפענע קופעס מיט שמאטעס און גלאז-מעל. די נאקעטע פיס זיינע האבן געטראטן אויף אנגעווארפענע בערגלאך צעבראכענעם גלאז, אויף שטיקער שפיציקע צעבראכענע'פלאשן, גלעזער און באנקעס — און דאך האט ער זיך גארנישט פארוואונדעט; די הויט פון זיינע פאדעשוועס זיינען אזוי פארשטיינערט געווארן, ווי א זויל פון א שוך...

באלד איז ער אריינגעקומען אין א גרויסער, גרויסער קאמער אריין, וואס איז באלויכטן געווען מיט גרויסע שטיקער פייער-פלאמען, וואס האבן זיך ארויסגעריסן פון אויוון. אין'דער קאמער איז ווארים געווען און די ווארימקייט האט מאטקען ארומגענומען און עס האט אים גוט געטאן נאך דער קעלט פון דער נאכט. ווייניק מענשן זיינען

געוועז אין דער קאַמער. אַ פּאָר ג ו י י ם , אויסגעטאָן ביז צו די הויזן נאַקעט, זייַנען געשטאַנען אַרום אַ גרויסן, גרויסן פייַער־קעסל און מיט לאַנגע, שפּיציקע צוואַנגען האָבן זיי געמישט אין דעם קעסל. טייל־מאָל האָט אַ ג ו י אויפגעעפנט פון קעסל אַ טירל, און אַ פייַער־צונג האָט געגעבן אַ שפּרונג אַרויס, ווי זי וואָלט געוואָלט אויפלעקן דאָס גאַנצע הויז מיט די מענשן. נאָר באַלד האָט זי דער ג ו י אַרייַנגעוואָרפן צוריק אין קעסל אַרייַן און פאַרהאַקט דאָס טירל נאָך זיך... מאָטקע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון קאַמער און איז ערשטוינט און דערשראָקן געוואָרן פון אַלעם, וואָס דאָ טוט זיך.

ב.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מאָטקען אויפגעריסן פון שלאָף אַ לאַנגער שנייַדנדיקער פייַף, ווי אַ ח י ה וואָלט געשריען. ער האָט זיך אומגעקוקט און ניט דערקענט, וואו ער געפינט זיך. אַרום אים האָבן זיך געדרייט מענשן, און די קאַמער איז שוין איצט אַזוי וואַרים געוועז פון דעם געהייצטן אויוון, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט ווערן צעפלאַצט פון דער אָנגעפּרעסטער היץ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם הילצערנעם דאַך. די קאַמער איז געוועזן זייער לאַנג און ברייט, צוזאַמענגעהאַקט פון האָלץ. אינמיטן קאַמער איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון, רויט פון פייַער, וואָס האָט געברענט אין אים. און פון אויוון האָט געיאָגט אַזאַ היץ, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלצדינג, וואָס שטייט לעבן אים, ברענט ער אויף. אין דער קאַמער זייַנען וואָס אַמאָל מער אַרייַנגעקומען קינדער, אינגלאַך און מיידלאַך. אַלע האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט, געבליבן נאָר אין די בלויזע אונטערהויזן און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אויוון. באַלד האָט מען אויפגעעפנט די טירלאַך פון אויוון, און מאָטקע האָט דערזען, ווי פייַער גיסט זיך דאָרטן ווי וואַסער.

אַנטאָן האָט געגעבן אַ וואונק צו אים, און מאָטקע איז מיטגעגאַנגען. אַז ער איז נאָענט צוגעקומען צום אויוון, האָט ער געמיינט, אַז די היץ וועט אים באַלד אויך פאַרברענען; נאָר ער האָט געזען, ווי אַנדערע קינדער שטייען, אינגערע נאָך פון אים, און מיידלאַך אויך צווישן זיי, האָט ער געוואָלט ווייַזן, אַז ער קאָן אויך, און אַוועקגעשטעלט זיך לעבן אויוון בייַ אַנטאָנען. לעבן אַנטאָנען זייַנען שוין געשטאַנען אינגלאַך און אַ מיידל, אַ אינגערע פון אים, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים און ער אויף זיי מיט נייַגעריקייַט. באַלד האָט אַנטאָן אויפגעעפנט דאָס טירל פון אויוון און פון דאָרט האָט אָנגעהויבן צו יאָגן נאָך אַ גרעסערע היץ. מאָטקע האָט געמיינט, אַז נאָך אַ מינוט

וועט ער ניט אויסהאַלטן, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר די קינדער און ניט גערירט זיך פון אָרט.

אַנטאָן האָט אויף אַן אײַזן געגעבן אַ נעם אַרויס פון אויוון אַ שטיק פײַער, אויפגעהויבן עס, געגעבן אַ בלאָז אין אײַזן, געפורעמט עס און האָט איבערגעגעבן מאָטקען און געוויזן, אַז ער זאָל בלאָזן דורך דער רער פון אײַזן אין פײַער אַרײַן.

— שטאַרקער!

מאָטקע האָט אַרײַנגעבלאָזן, וויפיל כּוח ער האָט געהאַט.

— נאָך שטאַרקער!

מאָטקע האָט שטאַרקער געבלאָזן.

— אָט אַזוי. איצט גיב עס אים. — ווײַזט אַנטאָן אויפ'ן אַנדערן אינגל.

יענער אינגל האָט עס אָנגעבלאָזן און ווידער עס איבערגעגעבן דער קלײַנער מײדעלע מיט די בלײכע בעקעלאַך. די מײדל האָט עס ווידער אָנגעבלאָזן, ביז דאָס שטיק פײַער אויפ'ן שפּיץ אײַזן איז געוואָרן אַ גרויסער באַלאָן. האָט עס ווידער אַנטאָן גענומען און האָט עס אַרײַנגעלאָזן אין אַ פאָרם אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום האָט מאָטקע געזען, צו זײַן גרויסער פאַרוואונדערונג, ווי אין דער פאָרם איז אויס דעם שטיק פײַער, וואָס ער און די אַנדערע קינדער האָבן געבלאָזן, געוואָרן אַ גרויסע פלאַש.

— אוי, וואָס איז דאָס? — האָט זיך מאָטקע געפרײט.

— ריר עס אָן מיט דער האַנט. — זאָגט אַנטאָן.

מאָטקע האָט עס אָנגערירט מיט דער האַנט און באַלד מיט אַ קוויטש אויסגעשריען.

— כאַ-כאַ-כאַ! — לאַכן די קינדער פון אים. — אַזאַ גרויסער יונג און שרײַט.

— עס איז דאָך גאָרניט הײס. — זאָגט דאָס נײַגעריקע מײדעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן מאָטקען, און האָט אָנגענומען די פלאַש מיט אירע הענט און איבערגעטראָגן פון אײן אָרט צום צווייטן.

— זעסט, אַזוי דאַרפן די הענט אויסגעאַרבעט ווערן, זאָלסט קענען פײַער נעמען מיט די הענט, אַז דו ווילסט אַ „בלאָזער" אין אַ הוטע זײַן.

— און איך וועל אויך קענען! — האָט מאָטקע אויסגעשריען פאַרשעמט, וואָס דאָס מײדל האָט געהאַלטן די פײַערדיקע פלאַש אין דער האַנט. ער איז צוגעלאָפן און געכאַפּט די פלאַש אין האַנט אַרײַן.

דאָס פײַער האָט אים געברענט די הויט; אויף דעם אָרט, וואו ער האָט זיך צוערשט אָפּגעבריט, האָט עס אים געשטאָכן, ווי מיט טיפע

שפּילקעס; די אויגן זײַנען אים אָנגעלאָפֿן געוואָרן מיט טרערן, און אינוויַניק האָט עס אים צוגעדריקט. און ער האָט ניט נאָכגעלאָזט די פֿלאַש, געהאַלטן זי פֿעסט אין דער האַנט. דערנאָך, אַז ער האָט זי אָפּגעלאָזט, איז זי געבליבן צוגעקלעפּט צו דער האַנט, און די הויט האָט זיך אָפּגעשײַלט אויף דער פֿלאַש אַרויף.

דער יונג האָט ניט געשריען. ער איז בלײַך געוואָרען, און די אויגן האָבן זיך אים באַגאָסן מיט טרערן.

— אַזוי ביסטו אַ כוואַט, וועסט זײַן אַ „בלאָזער“, האָסט גע־קראָגן דאָס ערשטע פֿײַער. ווער עס וויל זײַן אַ „בלאָזער“, מוז פֿײַער פֿאַרזוכן.

אַנטאָן האָט ווידער געכאַפּט שטיקער פֿײַער פֿון אויוון אַרויס, געגעבן אַ בלאָז און איבערגעגעבן מאָטקען דאָס אײַזן ווײַטער צו בלאָזן. די האַנט איז אים געווען אָפּגעבריט, ער האָט ניט געקאָנט דאָס אײַזן האַלטן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט דאָס וואַרימע אײַזן מיט דער אָפּגעבריטער האַנט אַרומגענומען, האָט עס זיך צוקלעפּט און עס האָט יעדעס מאָל אַ נײַע שטיק הויט,׳אַ שטיק פֿלײש פֿון דער האַנט מיטגעריסן. דער יונג האָט געביסן די צונג פֿאַר ווייטיק און געשוויגן. די היץ האָט וואָס אַמאָל מער געשלאָגן פֿון אויוון; אין האַלז איז טרוקן געוואָרן. ער האָט שוין אַלץ געהאַט אַראָפּגעריסן פֿון זיך און איז געשטאַנען, ווי די אַנדערע קינדער, נאַקעט, און גע־זען, ווי די אַנדערע קינדער גיסן אין זיך אַרײַן גאַנצע קוואָרטן וואַסער פֿון דעם עמער, וואָס שטייט לעבן זיי, האָט ער אויך אַרײַנגעגאָסן דאָס וואַסער אין זיך. נאָר די היץ האָט דאָס וואַסער באַלד אויסגע־טריקנט און פֿון די נאַקעטע לײַבער האָט אָנגעהויבן אַרויסצושלאָגן אַ פּאַרע און אויפֿ'ן גאַנצן לײַב האָט זיך געזעצט אַ ראָסע. דאָס וואַ־סער האָט געקאָכט אינוויַניק פֿון דער היץ, ווי אין אַ קעסל, און עס האָט געיאָגט די פּאַרע פֿון זיך.

נאָר מאָטקע האָט געטאָן זײַן אַרבעט מיט חשק, אַ ביסל זיך שעמענדיק פֿאַר דער קלײנער מיידל, וואָס בלאָזט געשווינטער און שטאַרקער פֿאַר אים און טרינקט אויס מער וואַסער פֿאַר אים.

שלום אַש.



דער גנב.

א.

— הונטס קאָפּ! קעצענער מ ו ח! — שרײַט מ א י ר דער סטאָליער אויף זײַן לערנאינגל, וואָס שטײט אויף די קני און קלײַעט אונטער אַן אַלטער עטאַזשערקע אַ נײַ פּיסל! — ניט אַזוי!

יאָסל, דאָס לערנאינגל, בלײַבט אַ מינוט שטײן מיט'ן פּענזל אין האַנט און קוקט זיך אײַן אויף דעם אָרט, וואו ער דאַרף קלײַען. די אויערן זײַנען בײַ אים אָנגעשפּיצט צו הערן, וואָס דער באַלעבאָס וועט אים ווײַטער זאָגן.

— ווײסטער קאַליקע! — שרײַט ווידער מ א י ר: — דו שמירסט אויס אינגאַנצן די עטאַזשערקע מיט קלײ! נעם ניט אַזוי פיל!... ס'וועט זײַן לויז, אַ שמאַטקעלע נעם!

יאָסל וואַרפט אַרײַן דעם פּענזל אין קלײ, געפינט אַ שטיקל שמאַטע און ווישט אָרום דעם צאַפּן.

שרײַט שוין מ א י ר, עס איז צופיל. רײַסט יאָסל אָפּ אַ שטיקל, שמירט קרעכצענדיק ווידער אָן מיט קלײ און לאָזט אַרײַן אין לאָך. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און קלאַפּט אויבן צו מיט אַ האַמער.

— וויש אָפּ גיכער! — שרײַט מ א י ר, אַנווײַזנדיק אַראָפּ מיט'ן פינגער, וואו עס האָט אַרויסגעשפּריצט קלײ.

יאָסל פּאַלט כ ו ר ע י ם און ווישט אָפּ דאָס פּיסל מיט דער פּאָלע פון'ם רעקל.

— אַזוי, זאָגט מ א י ר, מאַלאַדיעץ! — און גיט אים אַ פּאַטש איבער דער פּלײצע.

די צוויי ווײכע ווערטער און דער פּאַטש איבער דער פּלײצע האָבן אויף יאָסלען אַ שטאַרקן ר ו ש ם געמאַכט. זייער זעלטן הערט ער פון דעם באַלעבאָס אַ ווייך וואָרט, און דעמאָלט, ווען ער הערט עס, וואָלט ער פאַר אים ער ווייס אַליין ניט וואָס געטאָן, אין פײַער אַרײַן געלאָפן. אים פּײַניקט דאָס געוויסן, פאַרוואָס ער קען ניט אַר־בעטן, פאַרוואָס ער קען דעם באַלעבאָס ניט צופרידן שטעלן. ער ווערט אויף זיך שטאַרק בייז: פאַרוואָס דאַרף זיך דער באַלעבאָס מיט אים אָפּעסן דאָס האַרץ? און אים דאַכט זיך, אַז ער האָט טאַקע אַ פאַר־שטאָפּטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטײט גאָרניט, אַז ער וועט קײנמאָל־קײנ־מאָל זיך ניט אויסלערנען די אַרבעט; ער וועט בלײַבן אַ קאַליקע, אַ ווײסטער קאַליקע...

— נו, וואָס שטײסטו, וואָס? — דערהערט ער דעם באַלעבאָס ק ו ל.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַרשטאַט און געכאַפּט הובלען אַ ברעטל. הובלענדיק כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קוק צו די אַרבעטער; קענטיק איז, אַז ער איז זײ מ ק נ א. וואָס זײ זײַנען שוין „אַרבעטער“; יענע מאַטערן זיך גאָר ניט אַזוי ווי ער — טראַכט ער... ס׳אַר אַ לאַנגע סטרוזשקעס בײַ זײ פֿליט אַרויס! איז ער זײ מ ק נ א... בײַ אים וויל גאָר דער הובל ניט נעמען.... ער באַטראַכט דעם הובל פֿון אַלע זײַטן, שלעפּט פֿון אינווייניק די פּאָר׳ע ק ש נ׳טע סטרוזשקעס, דערנאָך טאַפּט ער די שאַרף פֿונ׳ם הובל און פֿאַרקלערט זיך טיף: טעמפּ?... שאַרף... שאַרף... טעמפּ... ער פֿירט מיט׳ן פֿינגער הין און צוריק. ער ווייס ניט, אָן וואָס דערקענט מען, צי איז דער הובל שאַרף אָדער טעמפּ, און דאָס טאַפּן געפֿעלט אים שטאַרק, — דאָס איז שוין מ ע ש ה אַרבעטער. און אים פֿאַרגלוסט זיך צוגײן צום שאַרפֿשטײן און אים אויסשאַרפֿן... וואָס, ער קען ניט?... אַ מ צ י א ה... מיט איין האַנט דרייט מען און מיט דער צווייטער שאַרפֿט מען...

— אויף וואָס האָסטו זיך דאָרטן פֿאַרטראַכט? — דערהערט ער ווידער דעם באַלעבאָס ק ו ל.

ער דערשרעקט זיך. הייבט אָן גיך צו אַרבעטן און פֿאַרגעסט שוין גאָר צו טראַכטן, צי איז שאַרף דער הובל אָדער ניט. ער פֿילט דעם באַלעבאָס אויגן אויף דער פּלײצע, וויל ער, אַז יענער זאָל זײַן צופֿרידן פֿון אים.

— ר ב מ א י ר! — רופֿט זיך פּלוצלונג אָן אַן אַרבעטער. — בײַ אונז איז קײַן פּימס ניטאָ, און איך וועל זיך באַלד שטעלן פּאָליטורן.

— ניטאָ קײַן פּימס? נו, דאַרף מען שיקן. גיב אַ שפּרונג! — זאָגט ער צו יאָסלען, אַרויסנעמענדיק דאָס בײַטעלע פֿון קעשענע. יאָסל איז אָן אַ היטל, מיט באָרוועסע פֿיס אויף די הייסע שטײנער, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן געלאָפֿן, האַלטנדיק די מ ט ב ע אין מויל און אונטערפֿײַפֿנדיק. אַ פּאָר מאָל האָט ער געכאַפּט אַ שטויס אין ברוסט אַרײַן פֿון די פֿאַרבײַגײער, נאָר ער האָט זיך א פ י ל ו ניט אומגעקוקט און איז ווײַטער אָן אָטעם געלאָפֿן, וואַרפֿנדיק מיט די הענט און אונטערשפּרינגענדיק ווי אַ יונג לאָקשיקל; און לויפֿנדיק האָט ער דאָך ניט פֿאַרגעסן וואַרפֿן אַ שטײנדל אויף אַ הונט, וואָס איז אים אָנגעלאָפֿן אַנטקעגן. צוריקוועגס האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויפֿ׳ן שטיקל פּימס און אים האָט זיך דאָסמאָל געדאַכט, אַז דער קרעמער האָט אים ווינציק געגעבן. אים האָט דאָס שטאַרק געאַרט. ער וואָלט

געוואָלט ברענגען וואָס מער. ווען ער זאָל האָבן ביי זיך אַ קאָפּיקע אָדער צוויי, וואָלט ער דערלייגט און וואָלט געבראַכט אַ ס ך, אַ גרויס שטיק פּימס; דער באַלעבאָס וואָלט אים געזאָגט „מאָלאָדיעץ" און אפשר נאָך אַ גלעט געטאָן אין באַק...

— וואָס האָסטו פאַרגעסן? — האָט אים דער באַלעבאָס געפרעגט, ווען ער איז אַרײַנגעקומען; אים איז גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען, יאָסל זאָל שוין זײַן צוריק. נאָר דערזעענדיק דעם פּימס ביי אים אין די הענט, האָט ער שמייכלענדיק אויסגעשריען: „טפו — זאָלסטו ווערן! ס'איז אַ שד, ניט קיין אינגל!"

יאָסלען האָט אַזש אַ קיצל געגעבן אינווייניק; אים זײַנען די ווערטער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און עטלאַכע מאָל האָט זיך ביי אים איבערגע'ח ז ר'ט: — „אַ שד, ניט קיין אינגל!" און יעדעס מאָל, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, האָט דאָס גאַנצע קלײַנדיקע פּנים זײַנס אויפגעלעבט און אַ שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זײַנע ליפּן.

ב.

ווען ער לייגט אַוועק די אַרבעט, שפּילט ער זיך מיט'ן באַלעבאָס דרײַ־יאָריקן אינגל; ח ו ץ וואָס מען צווינגט דאָס אים צו טאָן, האָט ער דערצו שטאַרק אַליין ח ש ק. דאָ האָט ער די מעגלאַכקייט צו שפּילן; ער האָוקעט ווי אַ הינטל, מיאַוקעט ווי אַ קאַץ, מעקעט ווי אַ קעלבעלע, מרוקעט ווי אַ קו און קוואַקעט ווי אַ הון, אַז זי וויל זיך לייגן. און ווען דעם קינד ווערט דאָס צוגעגעסן, שפּרינגט ער אַרום און הייבט אָן טאַנצן אויף אַלע פיר, פאַרשפּרינגט ערגעץ און באַהאַלט זיך און לאָזט פון דאָרטן אַרויס מ ש ו נ ה'דיקע ק ו ל ו ת. דאָס קינד זוכט אים; און מיט אַמאָל שפּרינגט ער אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש. דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ געשריי פון שרעק מיט פרייד צוזאַמען. ער כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, זעצט דאָס ביי זיך אַנידער אויף די קני, און דאָ הייבט זיך ביי אים אָן אַ נײַס: „זאָג, ווי אַזוי הייסט דער טאַטע?" — און איידער נאָך דאָס קינד ענטפערט אים, פאַרכאַפּט ער אַפריער: „זאָג מ א י ר!" ער האָט זייער ליב זאָגן דעם באַלעבאָס נאָמען: דער נאָמען איז ביי אים ווי אַ מין הייליקייט, דערפאַר וואָס ער רופט אים קיינמאָל ביים נאָמען ניט, נאָר „באַלעבאָס".

— און ווי אַזוי הייסט די מאַמע? — פרעגט ער ווייטער.

— די מאַמע? — פרעגט דאָס קינד פאַרקלערט.

דאָ כאַפּט ער זיך שוין ניט אַזוי גיך און לאָזט אַ ביסל דעם קינד קלערן, כאָטש די באַלעבאָסטע רופט ער אויך קיינמאָל ניט ביים נאָ־

מען, שטײט זי אָבער בײַ אים אַ ס ך נידעריקער פֿונ׳ם באַלעבאָס.
— זאָג ר ח ל ! דער טאַטע — מ א י ר, די מאַמע ר ח ל, דער טאַטע מ א י ר . . .

אָט אַזוי קען ער אָפּזיצן אַ שטיק צײַט, ביז דאָס קינד ווערט מיד אים נאָכצוזאָגן. דאַן ווערט אויף עטלאַכע מינוט שטיל. בײדע, יאָסל מיט׳ן קינד, פֿאַרטראַכטן זיך טרויעריק. דאָס קינד הײבט אָן ציען אין שטוב אַרײַן, יאָסלען גיט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ: ער האָט מ ו ר א בלײַבן אַלײן אין דעם האַלב-פֿינסטערן וואַרשטאַט.
— יאַנקעלע, ווילסט, איך וועל דיר מאַכן אַ פֿערדעלע?
— אַ פֿערדעלע?
— יאָ, אַ פֿערדעלע, איך מאַכן אַ שײן פֿערדעלע!
— נו, מאַך שוין. — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און נעמט דאָך ניט אַראָפּ די אײגעלאַך פֿון דער טיר, וואָס פֿירט אין שטוב אַרײַן.
— איך מאַכן אַ שײן פֿערדעלע, — שרײַט אוים יאָסל נאָכאַמאָל און הײבט אָן זוכן אַ ברעטל, — אַ שײנס, ס׳וועט האָבן אַ װײדעלע.
— פּיסעלאַך?
— פּיסעלאַך אויך, וואָס דען?
ער כאַפּט אַ שטיקל ברעטל און הײבט אָן שניצן. דאָס קינד קוקט אים אין די הענט אַרײַן.
— נו, גיב מיר שוין פֿערדעלע!
— אַ, דו, אַזוי גיך?
דאָס קינד הײבט אָן מאַכן פּיסקעס און לאָזט זיך אין שטוב.
— יאַנקעלע, וואוהין זשע גײסטו?
דאָס קינד ענטפֿערט ניט און קײַקלט זיך אַרײַן אין שטוב, פֿאַלנדיק איבער שטיקלאַך האָלץ.
— איך האָב דיך שוין פֿײַנט! — מורמלט פֿאַר זיך יאָסל, אים בײז נאָכקוקנדיק. — אַ פֿײַג האָסטו בײַ מיר, ניט קײן פֿערדעלע — אוים!...

ג.

יאָסל איז אַן עלנטער. זײַן נ ש מ ה דאַרשט נאָך אַ װײך וואָרט. ער איז אַזוי גליקלאַך, ווען דער באַלעבאָס וואַרפֿט אויף אים אַ פֿרײַנדלאַכן קוק, ווען ער זאָגט אים: „מאָלאַדיעץ!“ דעמאָלט ווערט יאָסלען וואַרימער און ליכטיקער אויף דער נ ש מ ה.
כ ד י צו פֿאַרדינען דעם באַלעבאָס אַ גוט וואָרט, האָט ער אײנמאָל באַשלאָסן אויפצושטײן גאַנץ פֿרי, פֿריער נאָך ווי דער באַלעבאָס אַלײן, און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק צום פענסטער געוואָרפן... פינסטער... דערפרייט ער זיך שטאַרק. ער טוט זיך אויף גיך אָן און לאָזט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט גיין אין קיך נאָכ'ן לעמפּל. אַט טאַפּט ער אָן עפּעס שטעכעדיקס... אַ זעג... און דאָס ?... עס פאַלט עפּעס, עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ, און פּלוצים, ווי פון דער נאַכט אַרויס, דערהערט ער אַ בייז ק ו ל : „וואָס טוסטו דאָרט ! ?"

ער בלייבט פאַרגליווערט, ענטפערט אין אַ מינוט אַרום : „איך... איך..."

— וואָס „איך", „איך" ? הונטס קאָפּ דו ! וואָס דרייסטו זיך אַרום ! ! ! ?

— איך האָב געוואָלט... איך וויל !...

— אין דער ערד מיט'ן קאָפּ ! פאַרוואָס שלאָפסטו ניט ? !

ער וויל זאָגן, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. נאָר עפּעס שעמט ער זיך... ער שטייט, האָט שוין מ ו ר א אַ טריט צו טאָן... דער קאָפּ זיינער איז אויסגעדרייט אַהין, פון וואַנען דער ק ו ל גייט. ער וואַרט, דער באַלעבאָס זאָל אים ווידער פרעגן ; איצט וואָלט ער שוין געזאָגט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. ער הערט שוין אָבער גאָרניט, און די שטילקייט ווערט נאָך געדיכטער און דריקנדיקער ווי פריער, און דאָס האַרץ זיינס ווערט אויך באַדריקט, ווי פאַר וויינען... ער דערפילט זיך אַזוי עלנט... דאָס האַרץ קלאַפּט... ער האָט מ ו ר א . . . די שאַפּע אָן טירלאַך איז אָנגעשטאָפּט מיט נאַכט אינווייניק...

ער מאַכט זיך אָבער האַרץ און לאָזט זיך ווייטער גיין.

— וואָס פאַר אַ ר ו ח ו ת טראָגן אים דאָרטן אַרום ?

— גיי נאָר, טו אַ קוק. — הערט ער דעם באַלעבאָס ק ו ל.

עס עפנט זיך איין טיר, די צווייטע, און אַט באַווייזט זיך אין דער פינסטערניש עפּעס אַ ווייס שטיק...

— ווער איז דאָרט ?

יאָסל האָט מ ו ר א צו ענטפערן.

— יאָסל ?

— איך... — רעדט ער קוים אַרויס.

— וואו ביסטו דאָרט ערגעץ ?

— אַט בין איך. — ענטפערט ער שטיל.

— וואָס טוסטו דאָרט ?

כאָטש ער האָט שוין אָנגעוואָרן אינגאַנצן דעם ח ש ק צו דער אַרבעט, דאָך ענטפערט ער :

— איך בין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

— וואָס, צו דער אַרבעט?! — האָט מ א י ר אַויסגעשריען.

— צו דער אַרבעט איצט?... דריי אַ זייגער צו דער אַרבעט? דו ג נ ב דו! אַהערצו גיי!!

— וואָס, צו דער אַרבעט איז ער אויפגעשטאַנען? — פרעגט אויך די באַלעבאָסטע פאַרוואונדערט.

— אַזאַ ג נ ב! צו דער אַרבעט, זאָגט ער, איז ער אויפגע־שטאַנען! אַזאַ מ י ן הונטס קאָפּ! וואָס זאָגסטו, ער וויל פאַר־דרייען... אַהערצו גיי!

— דער הובל, וואָס פעלט, — רעדט ווידער די באַלעבאָסטע פון שלאָפצימער אַרויס, — מוז אויך זיין זיין אַרבעט.

— צי ער איז אַ ג נ ב? נו, נו! איך ווייס שוין פון לאַנג! אַ... אַזאַ מין... נו, גיי האַלט אַזעלכעס אין שטוב, לאָז אַזעלכעס איבער אַ ווערקשטוב! ער קאָן אַרויסטראָגן וואָס ס'איז דאָ. מען דאַרף אַ ס ף? ער לייגט אַריין אַ שטיקל געצייג אין קעשענע און טראָגט דאָס אַרויס... מ'דאַרף זיך אומקוקן, כ'ווייס? — א פ ש ר פעלט שוין עפּעס... ער שטייט נאָך, ער וואַרט, איך זאָל צו אים צוגיין! וואָס שטייסטו דאָרט? אַהערצו גיי!

— ער וועט איבער נאַכט ניט אַנטלויפן!

— ניין, אַז ער איז אַן ע ק ש ן, בין איך נאָך אַ גרעסערער!

אַ פּאָר מינוט שטיל. עס הערט זיך נאָך יאָסלס איינגעהאַלטן געוויין.

— מ א י ר, פאָלג מיך, גיי שלאָפן!

ווידער שטיל.

מ א י ר באַרעכנט ענדלאַך, אַז ביינאַכט, איז טאַקע ניט כ ד א י צו מאַכן געשעפטן, און לאָזט זיך מיט כ ע ס צוריק אין שלאָפצימער, וואַרפט זיך אַריין אין בעט מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט ער זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען...

יאָסל איז געבליבן זיצן ביים קאָמאָד און געוואַרט אויף זיין פ ס ק ־ ד י ן...

יונה ראָזנפעלד.

דער סטאָליער.

עס רוקט זיך דער ווינטער אַריבער דער וועלט
און שרעקט אַף דעם ע ו ל ם מיט ווינטן און קעלט.

און ח י י ם דער סטאָליער פאַר שרעק איז גאָר טויט.
ער האָט אין דעם זומער פיל הײַזער געבויט;

געמאַכט זיי אי ווארים, געמאַכט זיי אי פעסט,
עס זאָלן צו זיי האָבן קײַן ש ל י ט ה די פרעסט.

פאַרריכטן זײַן הײַזל האָט ער נאָר פאַרפעלט,
אַרײַן זאָל ניט קומען די ביטערע קעלט.

דאָס דעכל אין לעכער האָט ער ניט פאַרדעקט,
ער האָט ניט א פ י ל ו די שפּאַלטן פאַרשטעקט.

אוי, אָרימער, דײַן אַרבעט האָט אַלעמען פאַרהיט
פון גרויזאַמן ווינטער, נאָר דיך אַליין ניט!...

א. רייזען.

דאָס בעקער־אינגל.

באַגעגנט האָב איך דאָס אינגעלע אין אַ שפּײַז־געוועלב האַלב צען אַ זייגער אָוונט, זומער.

געזעסן איז דאָס אינגעלע בײַ דער טיר פון געוועלב אויף אַ קאַסטן. לעבן זײַנע דאַרע, נאַקעטע, קויטיקע פיסלאַך איז געשטאַנען אַ קויש מיט עטלאַכע איבערגעבליבענע בייגל, בלייכע, דאַרע, אויסגעקניפּטע פון טויזנטער הענט און פאַרבראָקירט געוואָרענע.

איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן און איך האָב געמיינט, אַז פאַר מיר זיצט אַ קינד, וואָס מע האָט נאָר־וואָס פון שפּיטאָל אויסגעשריבן, אָדער בעסער, וואָס מען דאַרף אים אין שפּיטאָל אַרײַננעמען...

— וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס, אינגל? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט זיך געפּוילט, אָדער ניט געקענט ענטפערן. ער האָט אָנשטאָט אַן ענטפער שווער געאָטעמט.

— ביסט קראַנק?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניט. קענטיק, אַז וועגן קראַנק זײַן האָט ער געהאַט אַ באַגריף, אַז מען מוז ליגן אין בעט און מען קען שוין קיין טריט ניט מאַכן.

— וואָס זשע זעסטו אַזוי שלעכט אויס?

ער האָט געשוויגן און האָט נאָך מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע, אויסגעלאָשענע אויגן.

— ביסט פאַרמאַטערט?

די דאָזיקע פראַגע האָט ער שוין פאַרשטאַנען. דאָס וואָרט פאַר־מאַטערט איז אים באַקאַנט. און ער האָט גלײַך ווי צופרידן פון דעם, וואָס איך האָב געטראָפן, געענטפערט:

— יאָ, פאַרמאַטערט.

— וואָס פרעגט איר? — האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט די באַלע־באָסטע, זעענדיק, אַז איך, אַ מענש אין אַ קאַפּעליוש, אינטערעסיר זיך מיט אַזעלכע נאַרישקײַטן. — ער איז קוים אַרײַנגעפאַלן אין גע־וועלב.

— דאָ איז אַ פּ י ל ו ניט קיין אָרט... — האָט זי צוגעגעבן.

דאָס אינגעלע האָט אויף איר אַ מאַטן בליק אַ וואָרף געטאָן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער בליק באַטײַט: נאָך אײַן ווײַלעטשקע.

— פאַר וואָס גייסטו שוין ניט אַהיים שלאָפן? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך וועל איצט דאַרפן אַרבעטן. — האָט ער שטיל געענט־פערט.

— וואָס הייסט, די אַרבעטסט נאָר בײַנאַכט? — האָב איך גע־פאָרשט.

— ניין. — האָט ער קוים געענטפערט.

— בײַטאָג אויך?

— יאָ.

— ווען זשע שלאָפסטו?

— פון צוויי ביז פינף.

איך האָב שיר ניט אויסגעשריען: „ביסט אַ קליין ליגנערל!" — נאָר איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זײַן אויסגעדאַרט, פאַר דער צײַט פאַרעלטערט פּ נ י מ'ל און האָב אים געגלויבט...

— „און דער באַלעבאָס אַרבעט אויך אַזוי פיל?..." — האָב איך געפרעגט.

— ער אַרבעט גאָרניט.
— „און די באַלעבאָסטע?"
— אויך ניט.
— „און די קינדער זײַנע?"
— אויך ניט; איך און נאָך דרײַ מענשן אַרבעטן.
— „וויפיל נעמסטו אַ וואָך?"
— גאָרניט...
— „וואָס הײסטו?"
— צוויי יאָר אומזיסט.
— „דאָס קען ניט זײַן!" — האָב איך, גרויסער ח כ ם, אויסגעשריען. — דאָס קען ניט זײַן, זאָג דעם א מ ת."

דאָס אינגעלע האָט שוין אָבער געשוויגן. וואָס אַרט אים, אַז איך גלויב ניט; און אַז איך וועל אים יאָ גלויבן, וועט אים שוין בעסער זײַן? אין דער צײַט, וואָס ער וועט מיר ענטפערן, וועט ער בעסער צומאַכן אויף אַ קלײַן ר ג ע'לע די אויגן. ס'איז אַזאַ מ ח י ה!...

— וואָס גלויבט איר דאָ ניט! — האָט זיך די קרעמערן אַרײַנגעמישט. — בעקערײַ איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. די געבעקס מוזן זײַן פריש, מוז מען אַרבעטן בײַ דער נאַכט...

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן דערויף, נאָר דאָס אינגל האָט זיך אויפגעכאַפּט, און קראַצנדיק זיך אין דער הוילער, ערטערווײַז צעבלוטיקטער ברוסט, האָט ער מיט געבעט געפרעגט:

— ווי שפּעט איז איצט?
— דרײַפערטל צען.
— אוי-אוי-אוי! — האָט ער אויסגעשריען און האָט זיך אויפגעשטעלט; נאָר ער איז שיר ניט אומגעפאַלן.
— וואָס אײַלסטו זיך, נאָר? — האָב איך אים געפּרובירט פאַרהאַלטן. — גײ אַהײם און לײג זיך שלאָפן.
— איך האָב ניט קײן הײם...

„ער האָט ניט קײן הײם." ער האָט נאָר אַ בעקערײַ מיט אַן אויוון מיט אַ קויש, און אַ שטיקעלע פאַדלאָגע אַ דרײַ ש ע ה צו שלאָפן, — מער האָט ער גאָרנישט...

א. רייזען.

אליין, אליין...

אליין, אליין... נאך גאר א קינד,
א קינד א שוואכם, א קינד א צארטם,
דער פנים בלאס, און דאר די האנט!
אין פרעמדן לאנד, אין פרעמדן לאנד!

אליין, אליין... אין לעבנס-קאמף,
אין ביטערן, אין שווערן קאמף
מיט עלנט, נויט, מיט הונגער-טויט —
פאר ברויט, פאר ברויט, פאר טרוקן ברויט!

י. א. דאנטש.

דער שניידער.

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אלט;
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט.
ס'איז פינסטער, אומעטיק און קאלט.
א קראנקער שניידער זיצט און נייט.
דער שניידער נייט,
די נאדל גייט.
דער מוח דרייט,
ס'איז גרוים די נויט,
ניטא קיין ברויט, ניטא קיין ברויט.

דעם פנים געל, פארצאגט, פארטראכט;
די נאדל רודערט טאג און נאכט;
פון צייט צו צייט א פוסטער הוסט
האלט אויף די האנט. רייסט אויף די ברוסט.

אין שטוב איז אומעטיק און פוסט;
פון וויג א זיפץ, פון בעט א הוסט;
א קליינטשיק לעמפל ברענט זיך שוואך;
א דראבנער רעגן קלאפט אין דאך.

— „וואָס טוסטו, שנײַדער, אויף דער וועלט?“
— „איך לעב“... — אַ שווידערלאַכע קעלט
נעמט אָן בײַם האַרץ: פאַרפלוכטע נויט!
אַז דאָס הײסט ל ע ב ן, וואָס איז טויט?!
דער שנײַדער נײט,
דער מ ו ח דרײט.
ס'איז גרויס די נויט.
ניטאָ קײַן ברויט, ניטאָ קײַן ברויט.

ש. אנסקי.



דער שניידער. ה. גאָלדבערג.

דער קראַנקער פינגער.

בײַ זעליקן, אַ בלאַסן אַכצניעריקן פועל, װעלכער אַרבעט שױן בײַ לײזער דעם שנײַדער צװײ יאָר און באַקומט שכירות פופציק רובל אַ יאָר מיט קעסט, האָט „אָנגעריסן“ אַ פינגער. און אַקוראַט יענער פינגער, אָן װעלכן די נאָדל קען ניט אױסקומען, מוז אים נײטיק האָבן. ערב רײַסן האָט זעליק קײַן יום־טוב דערפון ניט געמאַכט. ער האָט אפילו געװאוסט, אַז דעם יום־טוב פון פינגער־רײַסעניש װעט ער מוזן פײַערן, עס העלפט ניט קײַן חכמות! ער האָט געמאַכט עטלאַכע טעג „נדחה“, אָפּגעלײגט אױף מאָרגן, איבערמאָרגן און װײַטער אױף מאָרגן. דעם לעצטן פרימאָרגן איז ער אָבער אױפגעשטאַנען מיט אַ פינגער, װאָס האָט געהאַט דעם אױסזען פון אַ גלאָז, און מיט אַ שטעכעניש, װאָס איז אַזש אין די שפּיץ פינגער פון די פיס פאַרגאַנגען. אַז ער האָט געדאַרפט אָנטאָן דאָס רעקל און דער קראַנקער פינגער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די צעריסענע אונטערשלאַק פון אַרבל, האָט ער זיך שמערצלאַך פאַרקרימט און געגעבן אַ קרעכץ װי אינדערהײם פאַר דער מאַמען: — אײַ!

דאָ אָבער, בײַם שנײַדער, האָט עס קײנער נישט געהערט און זעליק האָט זיך ניט געקענט קײַן עצה געבן, װאָס צו טאָן, װי אַזױ מעלדעט מען עס פאַר'ן באַלעבאָס און פאַר דער באַלעבאָסטע. מע דאַרף האָבן דערצו אַ כּוח פון אַ... ער װײס אַלײן נישט, װאָס פאַר אַ כּוח — ער װײס נאָר, אַז ער װעט עס ניט קענען מעלדן.

און זעליק באַשליסט זיך שװײַגן, זיצן אַן אָנגעטאָנענער און שװײַגן אין געהאַקטע װאונדן; זאָל זײַן װאָס עס װעט זײַן; װעט אױסקומען צו דערצײלן, װעט ער דערצײלן.

די צװײ איבעריקע פועלים האָבן זיך שױן אָנגעטאָן און האָבן זיך געזעצט צו דער אַרבעט. זעליק האָט אױף זײ געקוקט מיט קנאה. אָט זײַנען זײ גליקלאַכע מענשן; זײ האָבן געזונטע מיטלסטע פינגער און װעלן זיך זעצן ביז אָנבײַסן און נײען, און נאָכדעם װעלן זײ זיך „אַרײַנרײַבן“ די גוטע קאַרטאָפל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טײַערן מילכיקן קרופניק פאַרזופּן און זיך װײַטער זעצן נײען, ביז מיטאָג; שײן און פײַן. װאָס װעט זײַן מיט אים?...

— װאו איז דאָס זעליק ערגעץ? — קײַקלט זיך אַ קול פון לײזערן, װעלכער שטײט בײַם גרױסן טיש און צײכנט אָן אַ סורדוט מיט קרײַט, װאו די קנעפּ אײַנצונײען.

— איך בין דאָ... — שטאַמלט זעליק, שטײענדיק אין װינקל, װײס ניט, װאָס צו ענדיקן, און בלײַבט אַנטשװיגן.

לײזער װערט נשתּומם פון ענטפער, גיט אַ קוק אין זע־ליקס װינקל און װיצלט זיך.

— ביסט דאָ? יישר כּוחך! װילסט זיך דורכגײן אפשר אַ ביסל שפּאַצירן? אינדערפרי שאַדט עס נישט. עס װעט זיך עסן געשמאַקער...

— אַ פינגער רײַסט... — מאַכט זעליק אַ טריט נעענטער צום טיש, און שטרעקט אױס דעם קראַנקן פינגער, מיט אַ מינע פון אַ גנב, װען ער איז זיך מודה, אַז ער האָט גע'גנב'עט.

— װאָס? — דערהערט ניט, אָדער מאַכט זיך לײזער ניט הערנ־דיק. — װאָסער ציג?

— אַ פינגער אָנגעריסן, װי אַ גלאָז! — װערט שױן זעליק דרײס־טער און האָט אַ העזה אונטערצורוקן דעם גלעזערנעם פינגער גלײַך דעם באַלעבאָס אין די אױגן אַרײַן און שמײכלט, װי גערעדט: „נאַ, האָב פון מיר נחת”!...

— ביסט אַ חכם! — שרײַט אױס לײזער, קוקנדיק מיט אַ דאָקטאָרישן בליק אױפ'ן פינגער. — האָסט געפונען אַ צײַט װען אַ יום־טובֿ צו מאַכן.

— װאָס קען איך העלפן? — פאַרענטפערט זיך זעליק און שמײכלט, דאַכט זיך, מיט אַ טרער. — דאָס איז דאָך ניט מיט אַ כּיװן...

— ניט מיט אַ כּיװן, יאָ מיט אַ כּיװן, — חקרנ'ט זיך לײזער בײזלאַך, — די אַרבל, װאָס דו האָסט צו מאַכן, װעלן אָבער דערפון ניט װערן פאַרטיק.

„גוט אָפּגעשפּילט! דאַנקען גאָט!” — טראַכט זעליק נאָך דעם באַלעבאָס װערטער, און ער װאָלט שױן זײַן גאָר צופרידן, װען ער װאָלט געהאַט אַזאַ װינקל, װאו צו באַהאַלטן זיך, אַז קײנער זאָל אים ניט זען, ער זאָל זיך קענען זיצן שטילערהײט און צוהערן זיך צום װײטיק און פאַמעלאַך קרעכצן: אײ—אײ...

אַזאַ אָרט איז אָבער ניטאָ, סײַדן אין קיך; אין קיך קאָכט אָבער ציפּע אָנבײַסן, און זי איז בײַם קאָכן זײער בײז און װעט אים געװיס ניט לאָזן זיצן רואיק!...

ער שטײט אינמיטן שטוב און װײס זיך ניט צו װאָס צו כאַפּן.

— אױ, עס נעמט! עס נעמט! — פּרואװט ער אַרױסרופן בײַ לײזערן מיטלײד צו זיך, אױסשטרעקנדיק אינדערהײך דעם פינגער.

די צוויי פּ ו ע ל י ם גיבן אויף אים אַ קוק, ווי גערעדט: ברו־דער, וואָס קענען מיר דיר העלפן?... ווייסט דאָך...

נאָר זעליקן איז זייער בליק ניט וויכטיק; אים איז נייטיק פון דעם באַלעבאָס אַ וואָרט... לייזער אָבער שווייגט.

— ער מוז זיין אין כ ע ס! שרעקט זיך זעליק און פּרוּווט פאַרגרינגערן לייזערס כ ע ס מיט אַ קרעכץ. עס טוט טאַקע וויי. עס שניידט ווי מיט אַ מעסער.

— אַ, ווי עס רייסט!

— נו, ברודער! — ווענדט זיך לייזער צו אים. — קיין ס כ נ ו ת שטעקט ניט, סיידן פאַר מיין קעשענע. קרעכצענדיק גיי אין בעט...

זייער ניט גוט, דער באַלעבאָס איז טאַקע אין כ ע ס. קרעכצן דאַרף מען ניט. וואו דען טוט מען זיך אַהין?

זעליקן פאַלט גאָר איין צו זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז מאָרגן וועט דער פינגער זיכער בעסער ווערן.

— מאָרגן וועל איך מ ס ת מ א קענען נייען... — שטאַמלט ער אַרוים.

— איך בין גליקלאַך! — ענטפערט לייזער איראָניש.

— ע, דאָס איז שוין אַן ע ו ו ל ה. — טראַכט זעליק. — איך קוק ניט, וואָס דער פינגער שטעכט מיר, ווי מיט נאָדלען, און וויל זיך סטאַרען מאָרגן נייען און דו — גאָרנישט. ביסט אַ שלעכטער...

און זעליק באַשליסט, אַז ער וועט גאָר נישט באַשטיין אַן אים. וואָס שרעקט ער זיך אַזוי? אַ נייס, אַז עס רייסט אַן ביי אַ שניידער־יונג אַ פינגער, מע נייט אַזוי פיל! אַ קלייניקייט! אַ פינגער איז דאָך ניט פון אייזן, רייסט ער אַן אַמאָל, איז וואָס איז דאָס פאַר אַן אומ־גליק! עס איז אַ ה ע ז ה צו זיין אין כ ע ס! זעליק ווערט שטאַרק ב ר ו ג ז: ל א ד י, וואָס דער באַלעבאָס טרייסט אים ניט, קרימט ער זיך נאָך. וואָס קרימסטו זיך?

און זעליק פּראָטעסטירט שטאַרק אין האַרצן קעגן באַלעבאָס און רוקט זיך אָפּ מיט האַלב זיכערע טריט צום בעט, וואו ער זעצט זיך אַוועק, קוקט אויפ'ן פינגער, בלאָזט אויף אים און פאַרגינט זיך אַרויס־לאָזן אַ קרעכצעלע און איז זיך גאָר מ ח י ה... מ ו ר א האָבן וועל איך, וואָס? טראַכט ער ביי זיך דרייסט און נעמט זיך קרעכצען אָפּטער און העכער. און ער פילט, אַז ער איז גאָר נישט אַזאַ ציטע־ריקער, ווי מען מיינט...

— נ י ש ק ש ה, אַז ער דאַרף און ער וויל, קען ער קרעכצען... ער לאַכט פון אים...

אין אַ פּאָר ש ע ה אַרום איז ציפּע אַרײַן פון קיך אין שטוב און אַ פאַרשוויצטע, מיט אונטערגעשאַרטע עקן פון טיכל אויף די אויערן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט אַ שטרענגן פּ נ י ם, האָט זי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:

דער אָנבײַסן איז שוין פאַרטיק! מע דאַרף גרייטן צום טיש.

זעליק, וועלכער פלעגט אַלע טאָג דעם ראַפּאָרט אָפּוואַרטן מיט גרויס אומגעדולד און אויסהערן ניט אָן פרייד, האָט איצט דערפילט אַ שוידער איבער זײַן קערפּער, האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן צום פינגער, ווי ער וואָלט אים אָן ע צ ה געפרעגט:

„קאָן איך גייען צום טיש עסן? געניייט האָב איך הײַנט ניט... ווי זאָגסטו — עס פּאַסט?"

דער פינגער האָט אָבער נאָך שטרענגער געקוקט, גלײַך אַ שטאַרקן שטאָך געטאָן און גאָר נישט געענטפערט.

זעליק האָט געזען, ווי ציפּע שפּרייט אויס איבער'ן האַלבן טיש אַ טישטוך, לייגט אַוועק אַ לאַבן ברויט מיט אַ מעסער און זי לאָזט זיך גייען צוריק אין קיך. ווידער זעט ער, ווי די צוויי פּ ו ע ל י ם איי־דער זיי גייען זיך וואַשן, ברעכן אָפּ צו ביסן ברויט ע ד ־ ל ח ש ב ו ן און קײַען מיט אַפּעטיט. דער פינגער שטעכט אַז וואָס אַ ר ג ע מער, ער איז אָן א מ ת'ער ח ו ל ה. דער קאָפּ א פ י ל ו טוט אים וויי, און דאָך ווי צו ל ה כ ע י ס ווילט זיך אים הײַנט מער עסן ווי אַלע טאָג. און גאָט ווייס, צי וועט ער האָבן כ ו ח איינ־זיצן אַזוי אויפ'ן בעט און ניט גייען עסן.

צוצוגייען אָבער צום טיש דאַרף מען אויך האָבן כ ו ח. וואו זשע נעמט מען אים? מ ה דאָך, אַז ער נייט אויף אינדערפרי אַ פּאָר הויזן און פאַרדינט זיכערע 2—3 גילדן, זעצט ער זיך עסן ווי אָן אָרעם ב ח ו ר און עסט אַלע מאָל וויניקער, וויפיל ער וויל, ווײַל אים דאַכט זיך אַלץ, אַז לייזער קוקט אים אין מויל אַרײַן און רעכנט זיך, צי לוינט אים צו האַלטן אַזאַ עסער, אַ פּ ש י ט א שוין הײַנט, וואָס ער האָט גאָר נישט פאַרדינט...

און די פראַגע „עסן צי ניט" פילט אָן זעליקס מ ו ח און ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע דעם ווייטיק.

אָט זיצט שוין לייזער בײַם טיש, בײַ די זײַטן — די צוויי פּ ו ע ל י ם, זיי קוקן צו דער קיך־טיר, פון וואַנען ציפּע דאַרף עפּעס אַרײַנטראָגן. עס געדויערט עפּעס צו פיל. לייזער ווערט בייז און גיט אַ ברום.

— וואָס פאַרקעסטו זיך דאָרטן? — דײַנע שיינע מ א כ ל י ם!

זעליק דערשרעקט זיך פאַר'ן באַלעבאָס שלעכטן הומאָר. צוגייען

צום טיש איז איצטער אַ ס כ נ ה. ער זעט, ווי די פּ ו ע ל י ם, וואָס האָבן געזונטע פינגער און האָבן ערלאַך דעם גאַנצן פרימאָרגן געאַרבעט, ציטערן אויך ווי אַ פיש אין וואַסער. קיינער די שטיקלאַך ברויט און קענען דוכט זיך ניט אַראָפּשלינגען... און זעליק בעט גאָט, אַז מען זאָל גאָר ביים טיש פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט דאָ ערגעץ אין שטוב אויפ'ן בעט ערגעץ נאָך אַ פּ ו ע ל, וואָס מען רופט אים זעליק... זאָל מען אים לאָזן זיצן רואיק, זאָל ער ניט דאַרפן באַגעגענען זיך מיט לייזערס בליקן...

נאָר עס געראָט ניט. אַז ציפּע טראָגט אַריין די גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און די טעלער מיט די זויערע אוגערקעס, ווערט לייזער ווי ווייכער. ער זאָגט מ ב י נ ו ת אויף די קאַרטאָפל און עסט מיט גרוים אַפּעטיט. זעליק וואַרט אויף עפּעס און דאָס האַרץ וואַרפט זיך, ווי ער וואָלט ערוואַרטן דעם באַשלוס פון זיין לעבן.

— וואו איז דאָס ערגעץ זעליק? — פרעגט פלוצים ציפּע, וועלכע זיצט שוין אויך ביים טיש.

זעליק רעכנט ניט פאַר איבעריק צו געבן אַן ענטפער דורך אַ קרעכץ, און זאָל מען שוין דאָרט ביים טיש דערקלערן, וואָס מיט אים איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— זעליק איז אַ ח ו ל ה! — הערט ער לייזערס איראָנישן טאָן.

— זעליק! — רופט ווידער לייזער.

— האָ! — רעדט זעליק שוואַך אַרוים, און וואַרט אויף אַן איינ-לאַדונג צום טיש.

— פונדעסטוועגן גיי עסן. — רופט לייזער.

„פונדעסטוועגן" — וואָס עפּעס „פונדעסטוועגן"? — קריטיקירט ער אין געדאַנק דעם באַלעבאָס טאָן, און ער איז זיך נ ו ק ם און שווייגט, כאָטש ער ווייס, אַז די נ ק מ ה איז אַ געפערלאַכע. יעדע מינוט, יעדע ר ג ע ווערט אין שיסל ווייניקער.

— וואָס? אַ פינגער רייסט אים מ ס ת מ א? — פרעגט ציפּע קאַלט, ווי איר גייט די גאַנצע מ ע ש ה ניט אָן.

— וואָס דען? — ענטפערט נאָך קעלטער לייזער. — ווען זאָל רייסן אַ פינגער, אַז ניט אים? זעליק, גיי צום טיש!... — זעליק גיט אַ קלער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין קיין ד ע ה ניט האָבן, גייט ער צום טיש, זעצט זיך אויף דעם שפּיץ בענקל און ער הייבט ניט אויף די אויגן.

— לייג אים אַריין אין טעלערל עטלאַכע קאַרטאָפל. — ווענדט זיך לייזער צו ציפּען. ציפּע רוקט אים אונטער אַ טעלערל מיט עט-לאַכע קאַרטאָפלעס און זעליק מאַכט זיך האַרץ און עסט אויף איינע.

ער וויל נעמען אַ שטיקל ברויט, נאָר קײַן אָנגעשניטענע אויפ'ן טיש איז ניטאָ. יעדער האַלט לעבן זיך אַ שטיקל, און ער אַליין זאָל נעמען זיך דעם לאַבן און אָפּשנײַדן האָט ער הײַנט ניט קײַן העזה, און ער עסט אָן ברויט.

— ווײַז, ווײַז דעם פינגער! — רײַסט איבער אינמיטן ציפּע. זעליק לאָזט דאָס עסן און כאַפּט זיך מיט אימפּעט ווײַזן דעם קראַנקן פינגער, זאָל זי ניט טאַקע זען, זאָל זי ניט מײנען...

— אַ פינגער ווי אַ באַרג! — זאָגט ציפּע און קערט גלײַך אָפּ דעם קאָפּ. — ער וועט צערײַבן אַ וואָך, אויב ניט מער.

לײזער גיט אַ קרומען בליק אין זעליקס ווינקל. זעליק ווערט צע־טומלט, און פאַר צעטומלונג נעמט ער נאָך אַ קאַרטאָפל, נאָר אַראָפּ־שלינגען קען ער בשום־אופן ניט, ער ווערגט זיך מיט איר. די אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט בלוט, אין די שלײפן האַקט, און דער פינגער קערט ממש וועלטן. ער שטעכט און רײַסט און ברענט...

זעליק דערשלינגט ווי עס איז די קאַרטאָפל און אַ קרעכץ געבנ־דיק הײבט ער זיך אויף און גײט אַוועק צום בעט און באַשליסט, אַז ביז וואַנען דער פינגער וועט זיך ניט אויסהײלן, וועט ער צום טיש עסן אפילו ניט צוגײן.

צוקומענדיק צום ווינקל בעט, וואָרט ער דאָך, אַז מע וועט אים אײַנלאַדן צום קרופּניק. און עס קען זײַן, אַז ער וואָלט אפשר געבראָכן דאָס וואָרט און געגאַנגען... ציפּע איז זײער אַ שלעכטע באַ־לעבאַסטע, קרופּניקעס אָבער, אַ מכה איר, קאָכט זי זײער גוטע.

צום קרופּניק אָבער לאַדעט מען שוין אים ניט, און זעליק האָט חרטה, וואָס מיט די פּאָר קאַרטאָפל האָט ער זיך נאָר מיאוס געמאַכט, און ער זאָגט זיך אַליין מוסר:

— פרעסער! אַז מע נײט ניט, עסט מען ניט, ליגט מען אין גע־האַקטע וואונדן.

און דער פינגער שווײַגט אויך ניט. ער הײבט אָן וואָס אַ מינוט שאַרפער צו שנײַדן. זעליקן ווערט דאָס האַרץ עפּעס אַזוי שוואַך, אַזוי גרינג, אַז עס דאַכט זיך אים, אָט, אָט שפּרינגט דאָס אַרויס, און ער בלײַבט נאָר מיט'ן קראַנקן פינגער אַליין...

א. רייזען.



דער שניידער. א. ליליען.

דער בלײַכער אָפּרײַטער.

איך זע דאָרט אַ בלײַכן אָפּרײַטער,
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זײַט איך געדענק אים, אַלץ נײַט ער
און לײַגט זײַנע קרעפטן אַוועק.

איך שטײַ און באַטראַכט דאָרט זײַן צ ו ר ה,
זײַן צ ו ר ה פאַרשמירט און פאַרשוויצט,
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קײַן ג ב ו ר ה,
דער אימפּעט נאָר פּראַצעוועט איצט.

עס פאַלן די טראָפּנס כ ס ד ר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפּן זיך אײַן אין די קלײַדער,
און טרינקען זיך אײַן אין די נעט.

איך בעט אײַך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלײַכער די בלוטיקע ראָד?
אָ, ווער קען זײַן ענדע מיר זאָגן?
ווער ווײַס יענעם שרעקלאַכן ס ו ד?

אָ, שווער, זײַער שווער דאָס צו זאָגן!
דאָך אײַנס איז באַוואוסט און באַשײַדט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט ת י כ ף אַ צווײַטער און נײַט.

מ. ראָזענפעלד.

דער אַלטער שנײַדער.

ער זיצט און נייט שוין פילע יאָרן,
און זײַן בלייכער פנים שוויצט.
די באָרד איז אים שוין ווײַס געוואָרן,
ווי דער פאָדים, וואָס ער נוצט.

ניטאָ כמעט אין שטאָט אַ מײַסטער,
וועלכן ער האָט ניט געדינט;
און דאָך האָט ער קײַן סענט אין טײַסטער
און קײַן ברויט פאַר ווײַב און קינד.

ער קומט אַרײַן אין שאָפּ באַגינען
און פאַרדינגט שוין זײַנע הענט;
ער האַלט פאַראייִנס אין איין פאַרדינען
און פאַרהולטעוועט קײַן סענט.

ער שאַפט שוין, ווען עס גרויט דער מאָרגן,
און ער שאַפט נאָך שפּעט בײַנאַכט,
און שטענדיק, שטענדיק וואו צו באָרגן
זיצט ער טרויעריק און טראַכט.

דער מײַסטער איז מיט אים צופרידן,
ווײַל ער טענה'ט ניט קײַן סך,
ער מאַכט אין שאָפּ ניט קײַן יאַרידן
און באַליידיקט ניט זײַן פאַך.

ער קומט און גייט אוועק אין שטילן;
רעדן — רעדט פאַר אים דער הוסט;
די טרערן פאַרדעקן אים די ברילן,
און דעם שמאַרץ פאַרדעקט די ברוסט.

די אַרבעטס-מענשן אַלע קוקן
אויף דעם קראַנקן מיט אַ וויי;
זיי קוקן אויף זײַן מידן רוקן,
וועלכער קרימט זיך בײַם גענייִ.

זײַ זעען שוין דעם שוואַרצן זיגל,
פֿאַר זײַן ערלאַכקײַט די שטראָף...
זײַ זעען, פּונקט ווי אין אַ שפּיגל,
אין דעם אַלטן זײַער סוף.

מ. ראָזנפֿעלד.

דער פּרעסער. א. ליליען.

דור הולך ודור בא.

א.

אַן אויסגעשטערנטע נאַכט; אַ הײליקע, פּאַרכטיקע סליחות־נאַכט. שטילע, פֿינקלדיקע שטערנדלאַך קוקן אַראָפּ פֿון הויכן בלויען הימל אויפֿ'ן האַלב־אײַנגעשלאָפֿענעם שטעטל. אין האַלב־אײַנגעשלאָפֿענעם, ווײַל אין מאַנכע הײַזער איז מען נאָך וואַך. בײַ זעליק שוסטער איז נאָך אָפֿן טיר און טויער, און זײַנע געזעלן זײַנען אַזוי פֿאַרטיפֿט אין דער אַרבעט, אַז זײַ באַמערקן נישט די ליכטיקע אײַנגעלאַך פֿון הימל, וואָס האָבן געוואונקען צו זײַ דורך די אָפֿענע פֿענסטער. די בלײַך־לאָמפּן אין שטוב בלענדן זײַ די מידע אויגן, און זײַ לאָזן זײַ גערנוויליק אַראָפּ צו דער אַרבעט.

פֿאַרנומענער פֿון אַלע איז דער לאַנגער נאָטע. ער וויל זיך פֿאַרשלאָגן מיט'ן האַמער די געדאַנקען; זײַ לאָזן זיך אָבער נישט.

„עס גײען אַזעלכע הײליקע טעג. אַן אוצר געלט דאַרף מען... און פֿון וואַנען? איבער'ן זומער האָט ער נישט פֿאַראיבעריקט

קיין רובל... פאַר זיך עפּעס צו קויפן אויף יום-טוב — איז קיין רעדע נישט; זאָל נאָר אין שטוב זײַן צו לײַטן גלײַך".

„אַ מאָסע הוצאות: אויף ראש-השנה — ברוינע פויגל... אויף יום-כיפור — עופות; כאַטש צו אײַנציקע כפּר ה'לאַך פאַר יעדן קינד. דערנאָך גייט ערשט סוכות. מען זיצט מיט מענשן אינײַנעם אין סוכה, דאַרף מען האָבן אַ לעש-ציקל, צוקער-באַבעס גרויסע, — נישט פאַרשעמט צו ווערן פאַר לײַט". און ער טרײַבט זיך צו; בעסער אַרבעטן אין דער נאַכט אַרײַן, אַבי צו זײַן אַ מענש צווישן מענשן.

און ער הייבט און לאָזט אַראָפּ אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער דעם האַמער אויף דער האַרטער פּאָדעשווע, אַרומפּאַרנדיק מיט איר איבער'ן שטיין, וואָס איז געלעגן אויף זײַנע אויסגעדאַרטע דינע קני.

חיים'ל, זײַן אַכצן-יעריק אינגל, וואָס העלפט אים אונטער און גרייט אים צו אַרבעט, זיצט אָן דער זײַט, כמעט הינטער דעם פאָטערס אַקסל, און קאַוועט אַ שטיוול, קלאַפּנדיק שוואַך און לאַנגזאַם מיט'ן העמערל. די פּלעקלאַך האָבן זיך דאָס מאָל נישט גלאַטיק געגליטשט אין דער געלעכערטער זויל אַרײַן. טײַל צעבראָכן זיך, טײַל שפּרינגען אינגאַנצן אַוועק, גלײַך זיי וואָלטן געגאַרט זייער יונגן מײַסטער, שפּילנדיק מיט אים אין באַהעלטעניש, קוים מאַכט ער צו איין אויג פאַר מידקײַט. און די מידקײַט באַפאַלט אים פון צײַט צו צײַט. דעמאָלט טוט ער זיך אַ וויג, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר דערשפּירנדיק דאָס קאַלטע אײַזערנע העמערל בײַם שטערן, כאַפּט ער זיך אויף און קוקט זיך אום מיט צוויי אָפע-נע, דערשראָקענע אויגן, צי לאָכן נישט פון אים די געזעלן. מען האָט עס גראָד נישט באַמערקט, נאָר ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין: „עס איז קיין תכלית נישט צו שלאָפן". ער ווייס, אַז דער פאָטער וועט וואַרטן אויפ'ן שטיוול. „פּע, אַ מיאוס'ע זאַך דער שלאָף!"

כדי מער נישט אײַנצושלאָפן, לייגט ער אַוועק דעם שטיוול און גייט צו צום קובל וואַסער, דערפרישט זיך מיט'ן קאַלטן וואַסער דאָס פּנים מיט די אויגן און גייט שטאַלץ צוריק צו דער אַרבעט. אויפ'ן וועג וואַרפט ער אַ דרייסטן בליק צום וואַנט-זייגער. „אָ-וואַ, האַלב צוועלף! מען דאַרף זיך צורירן". ער אײַלט זיך צו זײַן אָרט, און פון אונטער'ן העמערל שיטן זיך לעבעדיקע קלעפּ איבער די קעפּ-לאַך פון די אומרוהיקע שטיפטן; ווי אַ האָגל שיטן זיי זיך, די קלעפּ, און קלינגען/אָפּ פון די ליידיקע גרויסע פענסטער, וואָס שטייען אין דרויסן בײַם אָפענעם פענסטער, אָפּוואָרטנדיק, מען זאָל זיי אָנפּאַקן מיט שוכוואַרג און אַוועקשיקן אויף די ווײַטע מערק.

ב.

עלקע, א דיקלאך ווײַבל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאָסטע, איז געשטאַנען בײַם קוימען און געפּרעגלט פּעטס אויף אַ פּאַטעלניע. דערבײַ האָט זי פון דער וועטשערע אויך נישט אַראָפּגעלאָזט קײַן אויג. זעליק, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פון גאַס; און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפן דאָס עסן פאַרטיק. געשיקט טוט זי פלוצלונג אַ גאָס נאָך עטלאַכע לעפל פּעטס אויף דער פּאַטעלניע; דער זאַד פון צאַפּלדיקן פּעטס אויף דער קאָכנדיקער פּאַטעלניע וועקט דעם לאַנגן נאָטען פון זײַנע יום־טוב׳דיקע דאגות.

— אָט אַזוי איז אַ תענוג! — טראַכט ער, אַן אויג וואַרפנדיק צום קוימען. — גרויסע באָבעס מיט ברייטע קלאָרע פאַרפל, מיט אַ יויך באַגאָסן, דערנאָך מיט פּעטס... אַ מאכל! דאָס מאָג שוין ראָטשילד עסן! דאָס וואָסער קומט אים אין מויל אַרײַן... דערבײַ דערפילט ער אָבער, אַז דאָס האַרץ ווערט אים אויך וואָסערדיק, אַז דער געשמאַק פון „ראָטשילדס מאכל", וואָס צעגייט זיך אין שטוב, שוואַכט אים וואָס אַ מאָל מער אָפּ.

ער קען לענגער שוין נישט זיצן, און ער דרייט זיך איבער צו חיי׳מ׳ען און זאָגט אים:

— ווי האַלסטו מיט דער אַרבעט? שוין צײַט צו גיין אַהיים.

— באַלד, טאַטע. — ענטפערט חיי׳מ׳ל דערפרייט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי ביידע אָפּגעלייגט די אַרבעט, אָנגעטאָן די כאַלאַטלאַך און געוואונשן אַ גוטע נאַכט דער באַלעבאָסטע. דערבײַ האָט נאָטע אַ פרעג געטאָן, וואו ער, איר מאַן, קאָן זיך אַצינד געפינען. זי פרעגט: „צו וואָס?" און ער ענטפערט, אַז ער דאַרף אַ ביסל געלט. עלקע גיט אַ צי מיט די אַקסל, אַז זי ווייס נישט, און נאָטע מיט׳ן אינגל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זאָגנדיק נאָך אַמאָל „אַ גוטע נאַכט" צו דער באַלעבאָסטע מיט די איבערגעלאָזטע געזעגן.

ג.

אויף יענער זײַט שוועל האָט נאָטע דערזען פאַר זיך דעם שיינעם לויטערן הימל מיט די פינקלדיקע שטערן, און האָט דערפילט, אַז זײַן האַרץ ווערט פול מיט שטילער פרייד; דעם הונגער האָט ער פאַרגעסן.

— גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט! — זאָגט ער צו חיי׳מ׳לען און טראַכט באַלד, אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר די, וואָס מוזן זיצן און אַרבעטן אין שטוב! דאָס זאָגט ער שוין חיי׳מ׳לען נישט.

— פ ר נ ס ה! — טראַכט ער װײַטער. — מען מוז אַהײם ברענגען כאָטש אַ קערבל...

נישט װילנדיק טוט ער זיך אַ טאַפּ אין קעשענע און רונצלט אײַן דעם שטערן. „װאָס זי װעט זאָגן, װעט זי גערעכט זײַן“. — טראַכט ער. — „זונטאָג געגעבן איר אַ רובל; נו, איז שױן, געלױבט איז גאָט, דינסטאָג בײַנאַכט. איר שװער ביטער האַרץ װעט זי, דאַכט זיך, צו מיר אױסגיסן“.

ער װיל זיך קלאָר מאַכן, צי װעט ער נאָך קאָנען אױסהאַלטן, דאָס מאָל אַהײם צו קומען אָן געלט. ער פּרוּװט זיך טרײסטן: עס איז שױן שפּעט, צינד דאַרף זי דאָך קײן געלט נישט! דעם טאָג איז זי שױן איבערגעקומען. א ל א מאָרגן? װעט ער באַלד אין דער פֿרי כאַפּן צװײ־דרײַ רובל און אַהײם טראָגן. אָבער נאָכ׳ן גאַנצן י ש ו ב ־ ה ד ע ת איז אים דאָך שװער אַהײם צו גײן מיט די לײדיקע הענט. „זי װײס גאָר נישט, װי שװער עס קומט אָן דאָס קערבל אַרױסצוקריגן!“ — פֿאַרענטפֿערט ער זיך פֿאַר זיך אַלײן. „זי מײנט, איך רעד נישט, מאָן נישט! רעד. אַז װען מען דאַרף אַ רובל, װערט ער נ ע ל ם!“

— קום, טאַטע! — װעקט אים ח י י מ׳ל, אָנרירנדיק אים בײַם אַרבל. נאָטע באַמערקט עס נישט און שפּרײַזט נאָך שטילער. ער דערמאָנט זיך, אַז נאָך בײַם אָנבײַסן, האָט זי אים דערמאָנט, און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער װעט איר שפּעטער שיקן. האָט זי, נעבאַך, געמוזט שװאַרצן זיך דאָס פּ נ י ם און גײן באָרגן אױף װעטשערע אין קלײטל. און א פ ש ר האָט זי גאָר נישט באַקומען! דאָס װאָלט שױן גאָר שרעקלאַך געװען. „נײן, — באַפֿעסטיקט ער זיך אין דער ד ע ה, — אַזױ גײט מען נישט אַהײם!“

ח י י מ׳ל ציט אים בײַם אַרבל, און ער טראַכט: װען כאָטש אַ צװײ זילבערנע רובל, גײ איך אױף אַן אײַזערנער בריק. איך קום אַהײם מיט אַ מ ל י ץ ־ י ו ש ר. װאָס געװען איז געװען, נאָר געװאוסט װאָלט זי, אַז מאָרגן האָט זי מיט װאָס אַרױסצוגײן אין גאַס אַרײַן... עס װאָלט געװען װי בײַ לײַטן; װי אַמאָל. זי װאָלט אים גאָר אַנדערש מ ק ב ל ־ פ נ י ם געװען. זי װאָלט געװען אַזױ ליב. דאָס טעלערל פֿון הימל װאָלט זי אים צוגעבױגן.

— הער, ח י י מ׳ל! — װענדט ער זיך צום זון. — דו גײ אַהײם, און איך װעל אָפּזוכן זעליקן און כאַפּן בײַ אים אַ ביסל געלט.

— װעסט אים דען געפֿינען אַצינד?

— א פ ש ר. ר׳איז א ו ו ד א י אין שענק.

ח י י מ׳ל לאָזט זיך עס צװײ מאָל נישט זאָגן, נעמט זיך אַראָפּ

אין אַ זײַטן־גאַס און זײַנע יונגע פֿלינקע טריט הערן זיך וואָס אַמאָל ווײַטער און ווײַטער און ווערן באַלד פֿאַרהילכט.

ד.

די געסלאַך זײַנען שוין שטיל און לער, די קלײנע נידעריקע הײַזלאַך שלאָפֿן שוין לאַנג מיט פֿאַרמאַכטע לאָדן, ווי אַראָפּגעלאָזטע ברעמען אויף פֿאַרשמאַכטע אויגן. זעלטן, דורך אַ שפּאַלט פֿון אַן אײַנגעטריקנטן לאָדן, ציטערט אַרויס אַ רויטלאַכע שײַן און לײגט זיך איבער דער ברײט פֿון געסל ווי אַ העל פּאַסיקל. ס׳מערסט שלאָפֿט מען שוין. און נאָטעם מידע אויגן און מידע פֿיס האָבן זיך אויך געבעטן רו. נאָר ער האָט געמוזט שפּאַנען איבער די שטילע געסלאַך. די ברעמען זײַנען אים שווער געוואָרן ווי בלײַ; די פֿיס הײבן זיך קוים. אין גאַנצן פֿילט ער זיך, ווי נאָך אַ לאַנגן שווערן ת ע נ י ת. אַזוי דערגרײכט ער די שול־גאַס.

און ער שפּרײַזט ווײַטער און איז פֿון דער שול־גאַס אַרײַן אין מאַרק, וואו ער האָט פֿון דערווײַטנס דערזען די שענק, צו וועלכער ער איז געגאַנגען. די טיר פֿון שענק איז שוין צוגעמאַכט. עס איז אָבער נישט מעגלאַך! ער גלויבט זײַנע אויגן נישט און גײט צו פּרוּוון די טיר. און ער האָט זיך דערפֿרײט, אַז זי איז נישט מער ווי צוגעלענט פֿאַר י ו צ א זײַן. ער האָט דאָך נישט געוואוסט, ווי צו כאַפּן וואָג: „אַרײַנגײן, צי נישט אַרײַנגײן?“

ער קלערט, אַז גלאַט אַרײַנקומען עמיצן זוכן און גאָרנישט געבן צו לײזן, האָט גאָר קײן פּ נ י ם נישט, און צוריקגײן מיט וואָס ער איז געקומען, ווילט זיך אים א ו ו ד א י נישט. וואָס טוט מען?... וואָלט ער געהאַט כאָטש אַ פֿינף קאָפּיקעס, טראַכט ער, אומזיסט זוכנדיק אין בײדע וועסטל־קעשענעס. ווען ער האָט 5 קאָפּיקעס, וואָלט ער אַרײַנגעקומען טרינקען אַ גלעזל ביר און וואָלט א ג ב געוואָרפֿן אַ בליק אין אײן שטוב, אין דער צווײטער, ביז ער וואָלט אים דערטאַפּט. נאָר טו עפּעס אָן אַ גראָשן בײַ דער נ ש מ ה. אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך אײַנרוסן דאָס פּ נ י ם... איז ער א פּ י ל ו דאָ, זיצט ער נישט אַלײן, זיצט ער מיט אַ גאַרבער און שמועסט וועגן יוכטן, צי מיט אַ ס ו ח ר און רעדט וועגן עקספּעדיציע. „נו, — טראַכט ער טרויעריק, — וועל איך... נאָטע... צוגײן גלאַט פֿון דער העלער הויט: זעליק! איך דאַרף געלט. נײן! עס פּאַסט נישט“. און נאָך אַ לאַנגן י ש ו ב בײַ דער טיר פֿון שענק, האָט ער זיך איבערגעדרײט און צוריק אַהײם געגאַנגען.

ה.

מ ר י ם זײַן פרוי איז נאָך נישט געשלאָפן, ה ג ם זי איז שוין געלעגן אין בעט. ח י י מ'ל האָט איר איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען אויפזוכן זעליקן, און זי האָט וואַכנדיק געוואַרט אויפ'ן מאַן מיט געלט. אין קלײנעם נידעריקן שטיבל האָבן געעטעמט אַכט נ פ ש ו ת. מ ר י ם מיט צוויי קינדער זײַנען געלעגן אין אײן בעט, ח י י מ'ל — אין דער העלפט פון צווייטן: די צווייטע העלפט האָט ער איבערגעלאָזט פאַר'ן פאָטער. צופוסנס דעם מענישן בעט אויף אַ באַנק שלאָפן צוויי קינדער, איבערגעדעקט מיט'ן פאָטערס אַן אַלטער קאַפּאָטע; נאָך אײנס ליגט קעגנאיבער דער באַנק, אויף אַן אַלטמאָדישן פלאַכן קאַסטן, צוגעדעקט מיט דער מוטערס פאַטשײלע, נישט ווײַט פון איר בעט. דאָס בלאַסע פ נ י מ'ל אויפ'ן טונקל-קלײנעם קישעלע, וואָס איז אַנגעשפּאַרט אַן קוימען, שימערט פאַר בלאַסקײַט. איבער'ן קוימען שײַנט אַ קלײן לעמפל און וואַרפט זײַנע דינע טרויעריקע שטראַלן צום ש כ ן — דעם מעשענעם, פון פליגן געשפּרענקלטן הענגלײַכטער. דאָס אָרימע פײַערל האָט אויך אַזוי טרויעריק געקוקט אויפ'ן גאַנצן „כ ל י - ב י ת"; דער ע י ק ר — אויפ'ן קלײנעם, רויט געפאַרבטן טישל מיט'ן ווײַס-האַלצערנעם שטול, מיט דער צעפלאַצטער דעק, וואָס פלעגט זיך אָפט עפענען, ווי פליגל פון אַ ס ו כ ה.

עס הערן זיך טריט אונטער'ן פענסטער. מ ר י ם דערקענט דעם גאַנג און שטעלט אַן די מאַטע אויגן צו דער טיר, אין וועלכער דער „לאַנגער נאַטע" האָט זיך באַלד באַוויזן. שטיל ווי אַ ג נ ב איז ער אַרײַנגעקומען און געהיט זיך, די טיר זאָל בײַם עפענען און פאַרמאַכן קײַן סקריפּ נישט טאָן. אויף די שפּיץ-נעגל איז ער צוגעגאַנגען צום טישל, אויסמײַדנדיק דעם הענג-לײַכטער, פון וועלכן ער האָט שוין נישט אײנמאָל געכאַפּט אַ פּ ס ק פאַר קריכן אים אין וועג אַרײַן. ער וואַרפט אַ פּרואוונדן בליק איבער מ ר י מ'ס בעט, צי זי שלאָפט, צי נישט, און דערזעט אירע אָפענע אויגן. זי קוקט אויף אים, באַטראַכט זײַן אויסגעדאַרטע פיגור, זײַן בלאַס געזיכט, און פלוצלונג דערפילט זי צו אים אַזאַ הארציק מיטלייד, אַז זי וואָלט אים די נ ש מ ה אַוועקגעגעבן, אַבי ער זאָל באַווײַזן אַ פרײַערן מוט. זי ווייס, אַז נאָר צוליב איר און די קינדער ווערט ער אַזוי פאַרשוואַרצט און געפּײַניקט. זי שטאַרקט זיך און פרעגט שטיל ווי אַ שטילע טויב: „נאַטע, האָסט אים געפונען?" ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ: „נײַן!" זי פאַרשטיקט אַ זיפץ און זאָגט אים: „נעם דיר דאָרט די

וועטשערע פון אויפ'ן קוימען". און גיט צו מיט אַ שווערן אָטעם: „נאָר וואָס פאַר אַ ט ע ם וועסטו שוין פילן... באָבעלאַך מיט פאַרפל, אַז עס שטייט לאַנג"... און ער טראַכט: „באָבעלאַך מיט פאַרפל... טאַקע אַ שאָד, פרישערהייט שמעקט עס גאָר אַ מ א כ ל"... ער ווענדט זיך צום קוימען, נעמט אַרויס אַ טעפל פון קאַלטן אַש, און צוריקגייענדיק צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפל מיט דער צווייטער האַנט. „געוואָרן אַ פּאַפּ דערפון, אַ פּאַפּ צום וואַרשטאַט", — זאָגט ער, נעמענדיק דעם לעפל צום מויל. ער דערמאָנט זיך אָן זע־ליקס וועטשערע. „אַ שיינער ח י ל ו ק!" — טראַכט ער. פיל עסן קען ער דאָך נישט: „פּאָרט אַ פּאַפּ", און מער נאָך — פאַר מידקייט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפל, און ער ווערט באַלד איינגע־שלאָפן אין די קליידער.

ו.

גאַנץ פרי איז נאָטע ווידער אַוועק צו דער אַרבעט.

ער האָט שוין געטראָפן איייניקע געזעלן ביי די וואַרשטאַטן. דער „גיכער פייוול" האָט שוין געהאַט „פאַרשנורעוועט אַ פאָר צום קאָ־וועץ". נאָטע זעצט זיך צו, און נישט פיל שפּעטער איז אים ח י מ'ל געקומען צו הילף. אַ שווערער אומעט ליגט אויף נאָטעס געזיכט.

„וואָס זיצסטו עפּעס היינט אַזוי?" — האָט פייוול געפרעגט.

„עט, גאָר נישט!... ס ל י ח ו ת־טעג... וואָס? טאַנצן זאָל איך?" — ענטפערט נאָטע אָן אַ בליק צו טאָן צום פרעגער.

דערווייל איז זעליק אָנגעקומען פון גאַס. נאָטע האָט געפּאַסט מוט און געבעטן עטלאַכע רובל. זעליק האָט אים געגעבן דריי רובל. ח י מ'לס אויגן האָבן אָנגעהויבן שטראַלן פאַר פרייד, ווען דער פאָ־טער האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט אַהיים צו טראָגן דער מוטער, און ער איז מיט אַ רוישנדן קלאַפּ אין טיר אַרויסגעפלויגן פון שטוב. נאָטע וויל זיך אויך פרייען, נאָר ער קען נישט, עפּעס פילט ער זיך נישט גוט. ער האָט דערפילט ווי אַ קנויל אונטער'ן האַרצן און באַ־קומען אַ שרעקלאַכן ווייטיק. פאַר די אויגן איז אים פינסטער גע־וואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן. עס מאַכן זיך אים די אויגן צו און דער שטיוול פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט: עס ווערט אים הייס אין אַלע גלידער. מיט אַלע קרעפטן עפנט ער די אויגן און וויל זיך אויפהייבן און אַרויסגיין זיך אָפּקילן אויף דער לופט: דאָרט וועט אים אויך גרינגער זיין צו אָטעמען; נאָר ער קען נישט. ער שפּירט, אַז ער וועט אומפאַלן, ווי ער וועט זיך נאָר רירן פון אָרט.

פײַוול האָט עס באַמערקט און פֿרעגט, וואָס אים איז. „ס'איז מיר נישט גוט". — ענטפֿערט ער מיט אַ קורצן, שטילן אָטעם און ווײַזט אים, אַז עס קלעמט אים אונטער'ן האַרצן. די ח ב ר י ם לויפֿן צו אים צו, מען האָט אים געוואָלט אַנלעגן אויף זעליקס בעט, נאָר נאָטע גיט אַ צײַכן, מען זאָל אים אַרויספֿירן אויף דרויסן. מען טוט זײַן ווילן. פֿײַוול נעמט אָן בײַ אײַנער, נאָך אַ געזעל בײַ דער צווייטער האַנט, און מען פֿירט אים לאַנגזאַם אַרויס פֿאַר דער טיר. זיי האָבן אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטײַן, וואָס איז דאָרט געלעגן, און ער האָט אָנמעכטיק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט מיט אַ פֿאַרשטיקטן ברומען פֿון אַ פּרעסנדיקן ווייטיק.

— „ס'איז דיר בעסער?" — פֿרעגן די ח ב ר י ם. ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף „ניין" און קען קוים אַרויסברענגען אַ שטיל געבעט, מען זאָל אים אָפּפֿירן אַהיים. פֿײַוול האָט געהייסן אַרויסדערלאַנגען פֿון שטוב די כאַלאַטלאַך; זיי האָבן זיך און נאָטען אָנגעטאָן און אַהיים געפֿירט אים אונטער די הענט. נאָטע פֿילט זיך אַלץ שווערער און שווערער, די פֿיס האָבן זיך אים נאָר אָנמעכטיק נאָכגעשלעפּט. פֿאַר דער טיר איז זיי מ ר י ם, וואָס האָט זיי דורכ'ן פֿענסטער געזען, אַקעגן געלאָפֿן מיט אַ געשריי און פֿאַרבראָכענע הענט. נאָך איר — ח י י מ'ל.

— „גאָט אין הימל!" — האָט זי פֿאַרצווייפֿלט אויסגעשריען. — „וואָס איז מיט אים געשען? ראַטעוועט, ראַטעוועט אַ מענשן, אַ טאַטן פֿון קליינע קינדער!"

ח י י מ'ל האָט ביטערלאַך געוויינט און געקלאַפּט זיך מיט די פֿויסטן אין קאָפּ.

— „אַ ביסל וואַסער! קאַלט וואַסער ברענגט אַרויס!" — האָט פֿײַוול געשריען.

ח י י מ'ל האָט גיך אַרויסגעטראָגן אַ שעפּ וואַסער פֿון שטוב און מיט האַסט אַ גאָס געטאָן אויפֿ'ן פּאָטערס געזיכט. דער פּאַר'ח ל ש'טער האָט געעפֿנט די אויגן און געגלאָצט אויף אַלע זײַטן; נאָר ער האָט זיי באַלד צוריק צוגעמאַכט. ש כ נ י ם זײַנען זיך דערווײַל צוזאַמענגעלאָפֿן, מער געשריען, ווי עפּעס געטאָן, און עס האָט נישט געהאָלפֿן. מען פֿירט נאָטען אין שטוב אַרײַן, מען לייגט אים אויפֿ'ן בעט, און פֿײַוול לויפֿט נאָך אַ דאָקטער. אין דער לופֿט פֿון קליינעם שטיבל, וואָס איז אָנגעפֿילט געוואָרן נאָך מיט מענשן פֿון גאַס, האָט נאָטע דעם רעשט אָטעם פֿאַרלאָרן... דאָס געשריי און געוויין ווערט העכער. דערויף קומט אָן דער דאָקטער, וואָס האָט שוין געטראָפֿן צוגעלייגטע וואַרים-פֿלעשער און האָט זיי פֿאַרטוישט אויף הייסע

קאַמפּרעסן. אויך האָט ער אַ רעצעפּט פאַרשריבן און איז אַוועקגע־גאַנגען.

נאַטע איז אַלץ כ מ ע ט ווי אַן אָטעם. מיט אַמאָל האָבן זיך אים הויך אויפגעריסן די ברעמען, די אויגן האָבן זיך אים פון קאָפּ אַרויסגעזעצט און איבערגעקערט זיך מיט די שוואַרצאַפּל אַרויף אונ־טער׳ן שטערן. ער האָט אָנגעהויבן כאַרכלען; ער ג וס׳עט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט עמיץ.

— די „טרויעריקע קלעזמער“. — ענטפערט פייוול מיט ביטער־קייט אין דער שטימע.

אַ פּאָר מאָל רייסט זיך דער קראַנקער און וואָרפט זיך, זוכנדיק לופט, ווי אַ פריש געפאַנגען פישל זוכט וואַסער. דערנאָך אַ שטאַר־קער און לעצטער כאַרכל... און נאַטען איז אויסגעגאַנגען די נ ש מ ה. מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, אַ ב ר כ ה געמאַכט און אַראָפּגע־הויבן דעם טויטן אויף דר׳ערד. די אַרויסגעשטויסענע מ ר י ם באַוויינט אים פאַר דער טיר. „לאָזט מיך! — שרייט זי. — לאָזט מיך נאָך איין מאָל אָנקוקן מיין מאַן, רייסט מיך נישט אַוועק פון אים, לאָזט אויך צו מיינע שוועלבעלאַך, זאָלן זיי אים באַוויינען... קלאָגט אויף אייער בראָך! קלאָגט, יונגע י ת ו מ י מ׳לאַך, אויף אייער טאַטן!“ — זי האָט זיי געוויזן צום פענסטער אין שטוב אַריין: „דאָרט איז אייער געטרייער שפייזער, אומגליקלאַכע פייגעלאַך!...“ ח י ימ׳ל איז געשטאַנען ביי דער זייט און אַלץ געשלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט.

— „זאָל שוין זיין גענוג!“ — האָבן איניקע מאַנסלייט גע־שריען. — „נעמט זי אַוועק וויט... מען טאָר נישט מ צ ע ר זיין קיין טויטן“.

מען האָט זי מיט געוואַלט אַוועקגעפירט צו אַ ש כ ן. פייוול האָט אַ וואונק געטאָן צו צוויי פון זיינע ח ב ר י ם: „קומט צו זעליקן, מען מוז נעמען עטלאַכע רובל אויף ת כ ר י כ י ם.“ — האָט ער זיי געזאָגט, און אַלע דריי זיינען אַרויס פון שטוב.

ז.

זעליקס באַלעבאָסטע האָט שוין דערפון געוואוסט און איז זיי אַקעגן געלאָפן, קלאָגנדיק און מיט פאַרבראָכענע הענט: „אַן אומ־גליק, אַזאַ אומגעריכטער ח ו ר ב ן. קינדער קרוין! וואָס זאָל איך אייך זאָגן! דער פינסטערער „ו נ ת נ ה ת ו ק ף“! נאָך פאַר אַ יאָרן אָנגעה׳ת מ׳עט געוואָרן!“

— „וואו איז זעליק?“ — האָט פייוול איבערגעריסן די קלאָג. זי ווישט זיך אויס די אויגן און ענטפערט טרוקן און באַליידיקט, אַז

ער וועט באַלד קומען: „זעצט אײַך!". זעליק איז אויך באַלד געקומען און האָט צוגײַענדיק צו זײַ געפרעגט: „איר זײַט שוין געווען בײַ דעם ג ב א י פ ו ן ח ב ר ה ק ד י ש א?" — „נײַן, — האָט פײַוול געענטפערט, — מען דאַרף געלט אויף ת כ ר י כ י ם, כאָטש אַ רובל זעקס, און איר מוזט די ט ו ב ה טאָן און געבן". זעליק האָט פײַוולען אַ צײַכן געגעבן, ער זאָל נישט רעדן אַזוי הויך פאַר'ן ווײַב; עס איז אָבער שוין צו שפּעט געווען. זי גיט אים אַ צי בײַם אַרבל. זי וויל אים עפּעס זאָגן אָן אַ זײַט. ער מאַכט זיך נישט הערנדיק, גיט פײַוולען זעקס רובל. פײַוול מיט די ח ב ר י ם גײַען אַרויס. דעמאָלט ערשט פרעגט ער, וואָס זי וויל אים זאָגן.

— ווער וועט אָפּאַרבעטן דאָס געלט? — פרעגט זי צאָרניק. — דיר ח ל ו מ'ט זיך, אַז נאָטע לעבט נאָך?..." „נישט דײַן ד א ג ה!"— ענטפערט ער און גיט צו:

— ח י י מ'ל וועט אָפּאַרבעטן; ד ו ר ה ו ל ך ו ד ו ר ב א!

י. מ. ווייסנבערג.

דער שוסטער.

צום העמערל.

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צ ר ו ת און לייד אָן אַן עק!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
דער זייגער — ער שלאָגט שוין באלד צוועלף;
די אויגן — זיי מאַכן זיך צו.
גיב כ ו ח ו ת — אָ, גאָטעניו, העלף!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער ג ב י ר ה'טעס טעכטערלס שיך!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס.
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

א. רייזען.

דער מויער.

ביינוש דער מויערער איז היינט פריילאַכער ווי אַלע מאָל אוועק־געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער וועט אַרבעטן נישט ווייט פון הויף, אין וועלכן ער וואוינט, און אַז ער וועט שטיין אין דער הייך אויף די „ריסטעוואַניעס", וועט ער קאָנען זען זיין ד י ר ה. ער וועט קאָנען לוסטיק מאַכן זיך מיט זיין ש ר ה - ל א ה'ן און שפּילן זיך מיט'ן קליינעם „וואַזיק", מיט זיין אינגסטער טאָכטערל, וואָס האָט נאָך אַרומגעפויזעט. דאָס האָט אים געקיצלט און ער האָט שוין פאַרגע־ניגנד געשמייכלט. ער האָט צונויפגעקליבן זיין געציייג אונטער־זינגענדיק. פאַרבייגייענדיק האָט ער אַ קניפּ געטאָן דאָס עלטערע פינפיעריקע טאָכטערל, אַ שלעפּ געטאָן ש ר ה - ל א ה'ן פאַר'ן קלייד און אַריינגעכאַפּט דעם „וואַזיקס" הענטל אין מויל. ער האָט געשטיפּט.

— „נו, איצט װעלן מיר ה ו ל כ'ן." — האָט ער געזאָגט און אַרױפגעלײגט דאָס זעקל מיט די געצײַג אויף די אַקסלען. ער האָט אָנגעקושט די דרײַ טעכטער און אַרומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע ש ר ה־ל א ה'ן, װאָס האָט אים באַגלײט ביז דער טיר מיט אַ גלאָז טײ אין דער האַנט.

ער האָט צענױפגעלײגט די ליפּן, װי אויף אַ קוש צו טאָן, נאָר ער האָט נישט אַ קוש געטאָן. ער האָט נאָר אױסגעשאָסן מיט די ליפּן איר אין געזיכט: „פּו־פּו!"

די קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

„פּו!" — האָט דאָס „װאָזיק" איבערגעמאַכט, פויזענדיק איבער דער פּאָדלאָגע.

— „גײ שוין, גײ, מ ש ו ג ע'נער!" — האָט ש ר ה ־ ל א ה אַרױסגערעדט מיט ליבע.

ער איז אַרױס.

— „גײ געזונטערהײט". — האָט זי אים נאָכגערעדט. זי האָט געװאָלט אים נאָך עפּעס זאָגן: עס האָט זיך איר געװאָלט מיט אים רעדן, נישט אָפּלאָזן אים אַזױ גיך.

— „װען זאָל איך דיר ברענגען װאַרמעס?" — פרעגט זי אים, אַרױסגײענדיק נאָך אים, כאַטש זי װײס שוין גאַנץ גוט די ש ע ה.

— „נישט פריער, נישט שפּעטער". — װיצלט ער זיך, גײט זײַן װעג און קוקט זיך נישט אום.

— „בײנוש, װאַרט!" — שרײַט זי אים נאָך אין הויף. — „װאָס אַנטלויפסטו אַזױ?"

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקערט זיך צו איר מיט'ן פּ נ י ם. זי איז צו אים צוגעגאַנגען.

— „טאָמער װאָלט געװען אַ ס ב ר א, אַז הײַנט זאָלסטו גאָר קומען אַהײם װאַרמעס עסן? דאָ דערבײַ דאָך."

— „דאָס איז אַ פּלאַן!" — האָט ער געענטפערט. — „גוט, מיר װעלן שוין זען".

און זײ זײַנען זיך צעגאַנגען. און בײנוש איז געגאַנגען און געטראַכט, װאָס טוט מען עפּעס אָפּ פאַר אַ שפּיצל פון די ריסטעװאַניעס.

אין דער זעלבער גאַס, אויפ'ן דריטן הויז, לינקס פון דעם הויף, אין װעלכן בײנוש האָט געװאױנט, האָט מען אַרױפגעשטעלט אַ פערטן עטאַזש. שטײענדיק אין דער הײך אויף דער לינקער זײַט פון מויער, האָט מען געקאָנט זען בײנושעס הויף, װי אויף דער האַנט. מען האָט געזען, װער עס גײט אַרױף און אַראָפּ אין הויף. בײנושעס ד י ר ה איז געװען פּונקט אַנטקעגן מיט דעם אײנציקן פענסטער צום הויף:

מען האָט אפילו געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין צימער.

ביינוש איז אומגעדולדיק געוועזן ביי דער אַרבעט: מען האָט ערשט געמויערט דעם פראָנט. ער פלעגט זיך אָפּרייסן פון דער אַר־בעט, צוגיין צום לינקן עק פון די ריסטעוואַניעס, אַ וואַרף טאָן אַ בליק אויף זיין הויז און אָן חשק אומקערן זיך צוריק צו דער אַרבעט. דער קאָפּ איז אים פאַרנומען געוועזן מיט'ן געדאַנק, וואָס טוט מען אַפּ פּאַר אַ שטיק. ער לייגט די ציגל, שיט די וואַפּנע און טראַכט און שמייכלט. אים טוט הנאה דאָס שטיק, וואָס ער וועט אָפּטאָן.

ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר שעה און מער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן. ער איז צו צום עק ריסטעוואַניע, האָט זיך אָנגע־שפּאַרט מיט דער לינקער זייט אָן דעם שטייענדיקן זייל און דעם רעכטן פוס אויסגעשטרעקט אויף הינטן.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פענסטערל. טאָמער וועט ער דערזען שרה־לאה'ן. נאָר די זון האָט געשיינט אין די שויבן און ער האָט גאָר נישט געקאָנט זען. דאָס האָט אים אַ ביסל פאַר־דראָסן. ער האָט אָנגעהויבן אומצואוואַרפן מיט דער רעכטער האַנט: טאָמער קוקט שרה־לאה אין פענסטער, וועט זי אים באַמערקן. שרה־לאה, וועלכע פלעגט אויך אָפט צוגיין צום פענסטער, טאָ־מער וועט זי דערזען ביינושן, האָט אים טאַקע באַלד באַמערקט און איז געשווינט אַרויס פון שטוב. ער האָט איר אַרויסגעשטעקט אַ צונג. זי האָט זיך צעלאַכט און אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט — ער זאָל נישט שטיין ביים ברעג.

— „זע, שטיי נישט אַזוי". — האָט זי געמאַכט מיט די ליפּן און די הענט.

ער האָט איר באַוויזן, אַז ער האַלט זיך פאַר דעם זייל און אַרויס־געשטעקט איר נאָך אַ מאָל די צונג. און אים פאַרווילט זיך זען פון דאַנען די קינדער, דערהויפּט דעם „וואָזיק". ער באַווייזט איר מיט די הענט, זי זאָל אַרויסברענגען די קינדער.

— „דאָס וואָזיק, דאָס וואָזיק, מיר, מיר!" — מאַכט ער מיט די ליפּן, וואַרפט אום מיט ביידע הענט, ווי צווישן זיי וואָלט ער געהאַלטן דאָס קינד, און ווייזט אָן מיט דער רעכטער האַנט אויף זיך.

שרה־לאה איז אַריין אין שטוב און אין גיכן אַרויס פון דאָרטן מיט'ן „וואָזיק" אויף די הענט און מיט ביידע עלטערע ביים קלייד.

— „אָן, דער טאַטע, אָן, דער טאַטע". — זאָגט זי צו זיי און ווייזט

אַן מיט'ן פינגער, וואו עס שטייט דער טאַטע. די קינדער זוכן מיט די אויגן.

די עלטערע באַמערקט אים און הייבט אָן אונטערצושפּרינגען: „דער טאַטע! דער טאַטע!"

די אינגערע מאַכט שוין אַ וויינענדיקן קול און פרעגט: „וואו טאַטע? וואו טאַטע?"

און דאָס „וואַזיק" קוקט ת מ'עוואַטע אין אַלע זייטן. און ביינוש מאַכט גרימאַסן, טשמאַקעט מיט די ליפּן, פּייפט און בלאָזט. ער האָט זיך גאַר פאַרגעסן, וואו ער שטייט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז געווען פאַרטרונקען אין זיין גליק.

— „וואָס איז דאָס, דער האָט שוין גאַר נישט וואָס צו טאָן?" — האָט זיך דערהערט הינטער אים אַ געשריי. דאָס איז געווען דער ריאַדטשיק, וועלכער איז אַרויף מיט'ן באַלעבאָס פון מויער באַ־טראַכטן די אַרבעט. ביינוש האָט אַ ציטער געטאָן, געוואָלט איבער־דרייען זיך, אויסגעגליטשט זיך און... ער איז אַראָפּגעפאַלן אַראָפּ.

פון דריטן הויף האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדער אויסגעשריי.

ד. פינסקי.



פון דער אַרבעט גלייך אין קבר. דובאַט.

ווײַ איז יענעם.

ווײַ איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זײַן הויז אָן משפט שטעלט
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערן פאַרפוצט,

און די ווענט געפאַרבט פאַרשידן
מיט דער אַרבעט פון דעם מידן.
ניט קײַן פאַרב איז דאָס, נאָר בלוט!
ווײַ איז יענעם, ווער דאָס טוט...

א. רייזען.

אין א שאכטע.

אין די קוילן-גרובן.

מיט מײַן לעמפל אויפ׳ן שטערן (די אײגענע לעמפלאַך, וואָס די קוילן-גרעבער טראָגן אויף זײער שטערן צו באַלײַכטן דעם פלעק, וואו זײ שטײען און וואו זײ באַדאַרפן מיט דעם שפּיציקן האַמער דער-לאַנגען) האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אין אײנעם פון די קלײנע פלאַכע וואַגאָנעלאַך, וואָס זײַנען אָנגעלאָדן מיט קוילן פון אונטער דער ערד. כ׳האָב זיך אינ׳ם קוילן-שטויב אַרײַנגעזעצט, דעם קאָפּ אײַנגעבויגן צו די קני. נאָכדעם ווי די קוילן זײַנען געוועןאויסגעלאָדן, אַלץ פאַר-

טיק, האָט זיך דער צוג פון אָרט אַ ריס געטאָן און מיט אַ טרוקענעם גערויש זיך פּוועקגעקײַקלט אין באַרג אַרײַן. אַלץ טיפער, ווײַטער, ווי אַ פײַל פון בויגן, האָבן זיך די וואַגאָנעלאַך געטראָגן דורכ׳ן שמאָלן, פינסטערן טונעל.

מיט אַמאָל זײַנען די וואַגאָנען שטײַן געבליבן. דאָ איז דער הויפּט פּונקט, פון וואַנען די וועגן צעלויפן זיך אויף אַלע זײַטן. פון דאַנען האָב איך זיך גענומען לאָזן צופוס. מײַן באַגלײַטער וואָרנט מיך, כ׳זאָל זיך היטן, דעם קאָפּ ניט צעשלאָגן. דער טונעל איז נידעריק און ס׳קומט אוים צו גײַן כסדר אײַנגעבויגן, צווישן שמאָלע רעלסן פּאַר וואַגאָנעלאַך, וואָס ווערן מיט מול-אײזלען געשלעפּט. כ׳בין אַ ווײַלע געבליבן שטײַן און זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו אַלץ אַרום. שטיל. אַן אונטערערדישע שטילקײַט. די לופט ווערט אַהער געטריבן פון דרויסן דורך מאַשינען. מען שפּירט ניט, אַז דאָ איז ווינציק לופט. אײן זאַך אָבער איז מיר געווען קשה׳דיק: פאַרוואָס שלאָגט אַ פּאַרע פון מײַן מויל אַנטקעגן ליכט פון מײַן לעמפּל און מײַן העמד קלעפּט זיך מיר צום לײַב?

באַלד האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען פון דער שטילקײַט אַזעלכע געהײמניספולע גערוישן.

— וואָס רוישט דאָס אַזוי ווי וואַסער ערגעץ ווײַט?

— דאָס הערט מען, ווי די לופט קומט אָן אין די זײַטיקע קאַמערן.

— וואָס קנאַקט עס אַזוי אין די ווענט, גלײַך עמיצער ברעכט האָלץ אויפ׳ן קני?

— דאָס דריקט די משא אויף די ווענט; שטיקער קוילן-שפּע־נער פּלאַצן אָפּ פון די ווענט; ניט קײן געפאַר.

מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט פון פערד, און אַ גערויש פון אײַזערנע רעדער האָט זיך געלאָזט פילן אין די רעלסן בײַ מײַנע פיס.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס קומען אָן מול-אײזלען; זײ פירן אַרויס קוילן צום צענטער. לאָמיר זיך באַהאַלטן, וואָרים דער וועג איז דאָ שמאָל און דער וואַגאָן קאָן אונז פאַרטשעפּען.

מיט אַ הונדערט טריט ווײַטער איז געווען אַ לאָך אין וואַנט, ווי אַ גרויסער אויוון; און כ׳האָב זיך אַהין אַרײַנגערוקט, די פיס אונטער זיך און באַלויכטן מיט מײַן לעמפּעלע. לעבן מיר, זײַט בײַ זײַט, מײַן באַגלײַטער, אויך אַ קוילן-גרעבער, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה.

צוויי מול-אײזלען זײַנען אָנגעקומען, לויפנדיק אונטער דעם

קנאַק פון אַ בײַטש, שלעפנדיק אַ וואַגאָן קוילן. מיט דער בײַטש קנאַקט אַ געשטאַלט פון אַ מענשן, וואָס שטײט בײַ דעם הינטערשטן טײל פון וואַגאָנעלע. בײַם שוואַכן שײַן האָב איך באַמערקט, ווי די מול־אײזלען בײגן אײַן זײער רוקן אין דער העלפט, ניט אָפּצושלאָגן זיך אין דעם טונעל־געוועלב, און אַזוי אײַנגעבויגענערהײט זײַנען זײ פאַרבײַגעלאָפן און פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

מערקווירדיק, ווי נאָך פון דערווײַטנס האָב איך באַמערקט, ווי די אויגן האָבן בײַ זײ געברענט ווי בײַ אַ קאַץ אין דער פינסטערניש. מען זאָגט, אַז זײ ווערן דאָ בלינד אין די שאַכטעס. בײַם שײַן פון לעמפל האָב איך נאָך אַ זאַך באַמערקט, אַז די מול־אײזלען האָבן זײער אַ געזונטן און פעסטן אויסזען, כאָטש זײ קומט אוים צו שלעפן די מ ש א אײַנגעבויגענערהײט, און ס'האָט מיך געוואונדערט, פאַר־וואָס מײַן באַגלײטער האָט אַזעלכע אײַנגעצויגענע באַקן...

מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן ווײַטער צופוס. וועגן און הינטער־וועגן, הויפט־גאַסן און זײַטיקע קאַמערן, מיט אַ ס ד ר צעשניטן און צעמאָסטן, און כ ס ד ר די סאָלידע קוילן־ווענט. אויף די ווינקלען אויפשריפטן, נומערן פון די גאַסן. די קוילן־ווענט גלאַנצן און פינקלען מיט זײער שוואַרצקײַט אַנטקעגן דעם שײַן, וואָס אויף מײַן שטערן.

ס'הײבן זיך אָן צו דערהערן אײנציקע קלעפ. מיט שפיציקע האַ־מערס האַקט מען ערגעץ אין וואַנט. ווײַט, גאָר ווײַט איז עס נאָך. דאָרט אין דער ווײַטקײַט וויגט זיך אַ רויטלאַכער שוואַכער שײַן. אין דעם שײַן וויגן זיך צווײ שאָטנס פון מענשן. מײַנע אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער טונקלקײַט און כ'זע גאַנץ גוט פון ווײַטן. דאַכט זיך מיר, אַז מײַן לעמפל אויפ'ן שטערן איז מיר איבעריק. איך קום אַלץ נעענטער צו די שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך און וואַרפן דעם רויטלאַכן שײַן פון זיך און — זײ באַקומען אַ מ מ ש ו ת, מענשן. דאָס זײַנען צווײ קוילן־גרעבער בײַ דער אַרבעט. צווײזווײַז, צווײזווײַז, געפינען זײ זיך בײַ זײער אַרבעט, יעדער אין זײַן גאַס. בײַם עק גאַס, מיט'ן פ נ י ם צום וואַנט, און האַקן, און האַקן די סאָלידע קוילן־וואַנט און מאַכן דעם טונעל אַלץ טיפער...

— העלאָ!

זײ ענטפערן שטיל. לאָזן אַראָפּ זײערע שפיציקע האַמערס, קערן אָפּ זײערע פ נ י מ'ער צו אונז, קוקן און שמײכלען. די פ נ י מ'ער שוואַרץ, בלויז וואו דער טראָפּן שווײס האָט זיך אַראָפּ־געקײַקלט, איז געלבלאַך. מיר דאַכט זיך, אַז אָט די צווײ מענשן האָבן גאָר קײַן ש ו ם ש י י כ ו ת ניט מיט די אַלע, וואָס לעבן אויף דער ערד. דאַכט זיך, יונגע מענשן גאָר, און דאָך זעען זײ אוים

ד ו ר ו ת אַלט; אָט ווי דער באַרג וואָס איבער אונז — אַזוי אַלט...

— אַרבעט, אַרבעט! אַ שאָד די צײַט. איר אַרבעט דאָך פון טאָג. — זאָגט צו זײ מײַן באַגלײטער.

און זײ נעמען זיך ווידער צו דער אַרבעט. אײנער הײבט אויף זײַן שפּיציקן האַמער און הײבט אָן צו האַקן אויטאָמאַטיש אין דער נידער; לעבן זײַנע טריט האַקט ער אַלץ טיפער און טיפער דעם שפּיציקן האַמער אין וואַנט אַרײַן. דער אַנדערער נעמט אַ לאַנגן עקבער, וואָס האָט פון דער אַנדער זײַט אַזאַ אויסגעבויגענעם, ברײטלאַכן אַנלען פאַר׳ן ברוסט. און ווען ער שטעלט צו דעם שפּיץ פון בויער צום וואַנט, שפּאַרט ער אָן זײַן מאַגערע, בײנערדיקע ברוסט אָן דעם אַנלען, דריקט פעסטער, פעסטער דרײענדיק דעם בויער אין וואַנט אַרײַן, בויערנדיק אַלץ טיפער און טיפער די לאָך אין דער שוואַרצער קוילן־וואַנט. אַז ער וועט מיט זײַן ברוסט און עקבער גענוג טיפע לעכער מאַכן, וועט ער דערנאָך זײ מיט פּולווער אָנפילן, אונטערצינדן דאָס קנײטל, אַנטלויפן, זיך אין אַ ווינקל באַהאַלטן און וואַרטן ביז עס וועט אויפרײַסן...

עס קומען אָן ווידער אַ פּאָר מול־אײזלען, בײגן זיך צו דער ערד און אַזוי אײַנגעבויגענערהײט טראָגן זײ זיך דורך, שלעפּנדיק מיט זיך דאָס קוילן־וועגעלע אויף די שטאָלענע רעלסן. ס׳הערט זיך אַ קנאַק פון אַ בײַטש.

— וויפיל געמאַכט נעכטן? — שרײַט מײַן באַגלײטער אַהין, וואוהין דער גערויש איז פאַרשוואונדן. און פון דאָרט קומט זיך צוריק צוטראָגן אַן ענטפער:

— פיר!

מיר קומען ווידער אַרויס צום הויפּט־וועג, צום צענטער. כ׳האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ קוילן־וואָגן וואָס איז געשטאַנען אויף די רעלסן. מײַן באַגלײטער האָט מיט אַ לאַנגן אײַזן אַ שניט געגעבן אין צווײ דראָטן, וואָס האָבן זיך איבער אונז געצויגן. פונקען האָבן זיך אַ שאָט געטאָן. ס׳איז אַ סיגנאַל צו דער וועלט, וואָס דרויסן. אונזער וואַגאָנעלע האָט זיך פון דאָרט אַ ריס געטאָן, טראָגנדיק מיך און מײַן באַגלײטער.

מיט אַ ווילדער קראַפט האָט עס אונז געריסן באַרג אַרויף אַלץ נעענטער צום אַרויסגאַנג. פון דעם שטאָלענעם גערויש האָב איך געמײנט, אַז די ווענט פון טונעל ווערן אָט, אָט צעטרײסלט. פון ווײַטן האָט זיך באַוויזן אַ דורכזיכטיקער זילבערנער פלעק, דאָס איז דער אַרויסגאַנג פון דער מינע, וואו דער ליכטיקער טאָג האָט גערוט.

פּרץ הירשבײן.

שאָכטער-ליד.

אַדיע, אַדיע דער ליבער זון,
דעם הימל און די שטראַלן!
מיר רײַסן אָפּ זיך איצט דערפון,
פאַר אונז איז אַלץ פאַרפאַלן.

דער טיפער וואַלד, דאָס פרײַע פעלד,
דעם פרילינגס אַלע פראַכטן...
אַדיע, אַדיע דער שײנער וועלט:
מיר גײען אין די שאַכטן...

עס גיסט זיך לופט אויף יעדן וועג,
עס קלינגען מאָרגן-לידער;
עס איז די נאַכט נאָר וואָס אוועק, —
פאַר אונז איז נאַכט שוין ווידער...

פאַר אונז איז נאַכט... אין גרוב אַרײַן,
געענוג וועט זײַן צו טראַכטן!
אַדיע, אַדיע דער ליבער שײַן,
מיר גײען אין די שאַכטן.

ז. סעגאַלאָוויטש.

ערלאַכע אַרבעט.

„ערלאַכע אַרבעט, ערלאַכע מי“ —
לײגן זיך שפּעט און אויפשטײן פאַר פרי.

אַרבעטן פערצן און לעבן — קײן שעה. —
וואו איז די ברכה, פרעג איך אײַך, דאָ?

„ערלאַכע אַרבעט, וואויל איז צו דיר!“ —
וואו איז די וואוילקײט? ענטפערט פאָרט מיר!

„ערלאַכע אַרבעט, ערלאַכע מי,“ —
טשעוועקעלאַך קלאַפּ, די נאָדעלע ציִ;

מויער זײ הײזער, קריך אויפ'ן דאַך,
אין דר'ערד גײ נאָך קוילן, ניט קוק אויף קײן זאַך;

שטעל אין סכנה דײַן לעבן, דײַן בלוט —
עס וועט דיר שוין וואויל זײַן, עס וועט דיר זײַן גוט!...

א. רייזען.

דער וואַסערטרעגער.

דער תענית.

אַ ווינטער־נאַכט. ש ר ה זיצט בײַם קאַגאַניק און שטאָפּט אַן אַלטן זאַק. די אַרבעט מיט געפֿראָרענע הענט גײַט ניט זײַער גע־שווינט. פֿאַר קעלט זײַנען איר אויך ברוין און בלוי געוואָרן די ליפּן. אָפּט לײגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפֿט זיך איבער דער שטוב צו דערוואַרימען די געפֿראָרענע פֿיס.

אין אַ בעט, אויף אַ גאַלן שטרוי־זאַק שלאָפֿן פֿיר קינדער: אין יעדער זײַט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלאַכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און בעט: „עסן!"

— וואַרט, וואַרט, קינדערלאַך, — טרייסט זיי ש ר ה, — אָט באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע. איך וועל אײַך אַלע אויפוועקן!

— און וואַרמעס? — פֿרעגן די קינדער ווײנענדיק. — מיר האָבן דאָך נאָך קײן וואַרמעס ניט געגעסן!

— וואַרמעס אויך!

זי גלויבט דאָך אַלײן נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט

די אויגן אין אַלע זײַטן, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן... נישטאָ!

לײַדיקע, נאַסע פיר ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוון! אַלץ איז נאַס און קאַלט! אויפ׳ן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ. אויפ׳ן אויוון — אַן אַלט אויסגעבויגן בלעכן חנוכה-לעמפּל; אין דער הייך, אין באַלקן, שטעקט אַ נאָגל — אַ זכר פון אַ הענגלײַכטער, — צוויי לײַדיקע בעטן אָן אַ קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט, אײדער די קינדער זײַנען רעכט אײַנגעשלאָפן. שרה קוקט אויף זיי מיט האַרצווייטיק, מיט רחמנות טראָגט זי איבער די פאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט, שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אַרײַן; קאַנען קלאַפּן — דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זײַט וואַנט. אַ שטראַל פון האָפענונג באַלײַכט איר אײַנגעשרומפּט פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אָן אַ פּוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפנט; עס קומט אַרײַן אַ בלאַסער, אײַנגעבויגענער איד מיט לײַדיקע קאַנען.

— נו? — פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט, גאָרנישט! מען האָט מיר אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען. יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן, איבערמאָרגן, ראש-חודש...

— די קינדער האָבן כמעט אין מויל נישט געהאַט. — מאַכט שרה. — כאָטש גוט — זיי שלאָפן... בידנע קינדער מײַנע! — זי קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און הייבט שטיל אָן צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל! די קינדער זײַנען אַזוי הונגעריק! מיט גוואַלד וויל זי אײַנהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זײַן אונזער סוף? — קלאָגט זי זיך. — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה, זינדיק נישט מיט די ריייד! פאַראַיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירה. די קינדער האָבן זיך בײַ טאָג געוואַלגערט אין גאַס, בײַ נאַכט — אין דעם הויף... הײַנט כאָטש אויף אַ שטרוי-זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט. זי האָט זיך דערמאָנט,

אַז דעמאָלט איז איר טאַקע אין מיטן גאַס אַ קינד אַוועקגעקומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הײַזעריק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

„און געשטאָרבן ווי אין וואַלד... נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.“

און ער טרייסט זי:

— וויין נישט, ש ר ה, וויין נישט! האָב אויף דיר אַליין ר ח מ נ ו ת, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרצן! זע, ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געווען אונזער ח ו פ ה... קוק אָן דיין פ נ י ם — ווייַ און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו? דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל ג י ב ו ר... היינט ביסטו געבויגן אין דרייען, קראַנק... ווייל דו האַלסט פאַר מיר ב ס ו ד! —

— אַך, גאָט, גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: „עסן, ברויט!“

— ח ל י ל ה! ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופן. די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ ת ע נ י ת. — זאָגט מענדל מיט אַ פינסטער פ נ י ם.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ ת ע נ י ת? וואָס פאַר אַ ת ע נ י ת? — פרעגן זיי וויינענדיק.

און מענדל פאַרציילט זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט נאָך ביי ש ח ר י ת, צום לייענען איז אַראָפּגעפאַלן די ס פ ר־ ת ו ר ה פון טיש.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופן אַ ת ע נ י ת, אפילו פאַר זויגעדיקע קינדער!

די קינדער שווייגן, און ער פירט ווייטער:

— אַזאַ ת ע נ י ת, ווי י ו ם ־ כ פ ו ר, ווי ת ש ע ה ־ ב א ב; פון היינט פאַרנאַכט אָן!

די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלאַך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַנאַניק, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרואיקט ער די קינדער. — גענוג! אין אַ ת ע נ י ת טאָר מען נישט טאַנצן...

די קינדער זײַנען צוריק אין בעט אַרײַן. פאַרגעסן דעם הונגער.

אַ מײדעלע הײבט אָן זינגען „א ב י נ ו מ ל ך", „אויף'ן היכן באַרג"... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַלע גלידער.

— זינגען טאָר מען אויך נישט. — מאַכט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע. די קינדער ווערן שטיל און שלאָפן אײַן, מיד פון טאַנצן און זינגען.

י. ל. פּרץ.



אָרימקייט און נויט.

דער טרעגער.

מ ש ה - א ה ר ן דער טרעגער גײט אַרום אַ בלײכער איבער'ן טראָטואַר און וואַרפט אומעטיקע, וויינענדיקע און פרעגנדיקע בליקן אויף יעדן פאַרבײַגײער. ער גײט צו צו אײניקע קראָמען, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרײַן, פרעגט מיט זײַן טרויעריקן בליק אויף אַרבעט פאַר זיך, און נישט באַקומענדיק קײן ענטפער, גײט ער אַוועק.

„וואָס גוטס, מ ש ה - א ה ר ן?" — פרעגט אים אַ קרעמער, אַ קײלאַכדיקער איד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ סאַמעטענעם היטל.

— אָט, צי איז נישטאָ עפּעס וואָס אָפּצוטראָגן." — ענטפערט ער און קוקט אַרײַן אין קראָם.

ער גײַט ווײַטער.

„וואָס דאַרפסטו?" — באַגעגנט אים מיט ר ו ג ז ה אַ קרע־מערן, וועלכע האָט געהאַלטן אין רעדן מיט איר מאַן אויף גאַנץ הויכע טענער.

— „אָט גאָרנישט..." — שטאַמלט ער. — „עפּעס וואָלט איך אָפּ־געטראָגן."

„אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען דיך געפינען." — שרײַט זי אויס מיט דעם זעלבן טאָן און נעמט זיך ווידער צום מאַן.

מ ש ה ־ א ה ר ן זיפצט שווער אָפּ, און זײַן געזיכט ווערט נאָך טרויעריקער. ער גייט צוריק צום עק גאַס, וואו עס שטייען נאָך אַ ס ך טרעגער. זײַן אומגליקלאַך געזיכט וואַרפט זיך זיי אין די אויגן.

„וואָס איז עס מיט דיר, מ ש ה ־ א ה ר ן?" — פרעגט אים איי־נער און זאָגט דערבײַ אַ פּאָר גראָבע ווערטער.

— „וואָס זאָל זײַן?" — רעדט ער אַרויס מיט האַרץ און קערט אום דאָס געזיכט צו די ח ב ר י ם. — וואָס זאָל זײַן, אַז מען עסט דעם פערטן טאָג נאָר טרוקן ברויט? וואָס זאָל זײַן, אַז פערטן טאָג אַז מען פאַרדינט נישט?!"

ער קוקט אַ ווײַלע אויף די ח ב ר י ם מיט ביטערקייט און קערט אָפּ פון זיי דאָס געזיכט.

די ח ב ר י ם בלײַבן שטיל. קיינעם ווילט זיך שוין נישט גלײַכווערטלען, און מען קוקט אַרײַן אין גאַס מיט אַ שווער געמיט. עס הערן זיך שווערע זיפצן.

„איך האָב שוין אויך דעם אַנדער טאָג אַ גראָשן נישט פאַרדינט". — רײַסט איינער איבער דאָס שווײַגן.

קיינער ענטפערט נישט אַ וואָרט. מען זיפצט נאָר שווער אָפּ און מען צעגייט זיך. מ ש ה ־ א ה ר ן הייבט ווײַטער אָן אַרומצו־דרייען זיך צווישן די קראָמען.

„מ ש' א ה ר ן! מ ש' א ה ר ן!" — רופט אים אַ ווײַלע שפּעטער אַ טרעגער. — „גיי, ס'איז דאָ אַ קאַסטן אָפּצוטראָגן. גיי, נעם... בײַ זאַלצבערגן. האָסטו כ ו ח?"

— „ס'וועט זיך געפינען!" — ענטפערט ער און אײַלט אַוועק.

אַ זעקס־פודאָווער קאַסטן. ער קאָן אים קוים רירן פון אָרט. ער שטייט אַ ווײַלע און קלערט, צי זאָל ער אים נעמען, צי נישט. אין קראָם מיינט מען, אַז ער באַקלערט, ווי בעסער אויפצוהייבן די מ ש א.

„שטעל אים אַרויף אויפ'ן גרויסן זאַק." — ראָט אים דער מ ש ר ת

און ווייזט אים אָן אויף אַ זאַק מיט שטריק, נישט ווייט פון קאַסטן.
ביי אים בלייבט צו נעמען דעם קאַסטן: זאָל ער אים נאָר האָבן אויפ'ן רוקן, וועט ער שוין גיין.

— „קום, העלף אַרויפשטעלן." — ווענדט ער זיך צום משרת.
„און אַליין?" — זאָגט דער משרת און גייט פון דעסטוועגן העלפן.



ביי די ערשטע פאָר טריט איז משה-אהרן שיר נישט אומגעפאַלן.
„שיכור ביסטו, וואָס?" — שרייט מען אים פון קראָם.
— „יאָ, שיכור!" — ברומט ער אָפּ און גייט אַוועק.
דער טרעגער, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן דעם קאַסטן, באַגעגנט אים און פרעגט מיט רחמנות:
„שווער?"
— „און אַז שווער, איז וואָס?" — ענטפערט ער אָפּ בייז פון אונטער'ן קאַסטן.
ער קאָן קוים טריט מאַכן, נאָר ער שטאַרקט זיך. ער וועט באַקומען צוואַנציק קאָפּיקעס.

עס הייבט אים אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן. דאָס בלוט האָט אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ. דאָך ער גייט. ער זעט שוין דאָס הויז, וואוהין ער דאַרף צושטעלן דעם קאַסטן.

אָבער דער שווינדל אין קאָפּ ווערט שטאַרקער. עס דוכט זיך אים, אַז עמיץ האָט אים לייכט אַ שטויס געטאָן אין זייט, און ער פאַלט ערגעץ, טיף, טיף... עס ווערט אים אַזוי גרינג אויפ'ן רוקן — ער פילט גאָר די משא נישט. עס איז אים נאָר אַ ביסל שוואַכלאַך ביים האַרצן, און דאָס פאַלן אין דער טיפקייט איז אויך עפּעס נישט שטאַרק אָנגענעם. עס ציטערט אין אים דאָס האַרץ, ער זאָל זיך נישט צע־שלאָגן, אַראָפּפאַלנדיק. נאָר אָט דערגרייכט ער דעם גרונד פון דער טיפעניש — ער גיט אַ ציטער און גלאָצט אויס די אויגן...

— — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל דאָס איז געווען אין כאָליערע־צייט, איז פאָרגעקומען אין גאַס אַזאַ מין געשפּרעך:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ רעדל?"

— „אַ טרעגער איז אַוועקגעפאַלן."

„געשטאָרבן?"

— „וואָס דען?"

„וואָס? פון כאָליערע?!"

— „ווער ווייס!"

„אַז די קבצנים עסן זיך אָן מיט שדים ווייסן וואָס!"

ד. פּינסקי.

אַ ביסל זונשיין.

פרימאָרגן האָט היינט מיר געבראַכט אַ ביסל זונשיין צום בעט,
און ווען איך האָב די אויגן אָן עפן געטאָן,
האָט זיך דער זונשיין צעוויגט און צעבלומט און צעגליט
אויף אַ ברוינעם טאַפּעט.
נאָר דאָרט קעגנאיבער מיין פענסטער אין ציגאַרן־פאַבריק
האָבן שאָטנס זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט
געוויגט זיך אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.
דער זייגער איז אינגאַנצן געווען אַרום ניין.

און מאָרגנדיק פריש האָט געוואונקען צו מיר פון טאַפּעט
דער געבלימלטער שײַן.
און דאָרט אין ציגאַרן־פאַבריק
זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט
זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט
זיך וויגנדיק הין און צוריק,
אַהין און צוריק,
האָבן מענשלאַכע הענט אײַנגעוויקלט אַ בלאַט אין אַ בלאַט.
אַ בלאַט אין אַ בלאַט.
אַ וויקל, אַ קײַקל, אַ דרײַ
און פון זיך אַ שאַר
אַ ציגאַר אויף ציגאַר. —
עס וואַקסן די בערגלאַך־ציגאַרן אַרויף אין דער הײך,
און ווײַט איבער זײַ,
אַזוי ווי אַן אויג דורך אַ גרױלאַכן רויך,
אַן עלעקטרישער לאָמפּ אײַנגעהילט אין אַ קאָלפּאַק פון בלויען קאָליר
האָט געקוקט מיט אַ פאָרוואורף צו מיר.

געווען איז שוין שפּעטער פון נײַן.
אויפ׳ן ברוינעם טאַפּעט האָט נאָך אַלץ זיך געבלימלט דער
זוניקער שײַן,
און איך האָב אַ צינד געטאָן פאַר זיך אַ ציגאַר,
און שלינגענדיק דורשטיק דעם רויך,
האָט אויפגעוואַכט טיף אין מײַן הארצן דער צ ע ר
פאַר שאָטנס געבויגענע זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט,
וואָס וויגן זיך אום אַהין און צוריק
אַהין און צוריק.

דער זונשײַן אויף מײַן ברוינעם טאַפּעט
פאַרוואַנדלט זיך שוין אין אַ געלבלאַכן פלעק.
אָט באַלד — און ער ועט פון מײַן בעט
אינגאַנצן אַוועק,
נאָר בלײַבן וועט דאָרט קעגנאיבער אין ציגאַרן־פאַבריק
די שאָטנס געבויגענע זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצוויִיט, זאַלבעדריט,
און וויגן זיך וועלן זײַ אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.

ז. וויינפער.

מען וואַרט.

א.

פרײַטאג פאַרנאַכט. בערגשולד דעם דרוקערס אַרבעטער האָבן שוין געענדיקט זײַער אַרבעט, וואַשן זיך אָפּ און גײַען אַרויס אין פאָר־צימער, וואָס דינט פאַר אַ קאַנטאָר, צו באַקומען זײַער געלט.

די קאַנטאָר איז אַ קלײַן פירעקיק צימער, צעטײַלט אויף צווײַען דורך אַ נידעריק ווענטל פון שטאַקעטלאַך. הינטער'ן ווענטל שטײַט אַ גרויסער שרײַבטיש מיט דרײַ שטולן אַרום אים. די ווענט זײַנען פאַר־נומען מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס ליגן אָפּגעדרוקטע ביכער. אויף דער וואַנט, לינקס פון טיש, הענגען אַלערלײַ חשבונות, בריף, נאָטיצן, אַ לוח, אַ זײַגער; אויפ'ן טיש ליגן פּאַפּירן, אַ קאַנטאָר־בוך, שרײַבגעצײַג.

אַז דער באַלעבאָס אָדער זײַן זון דער בוכהאַלטער זײַנען דאָ, טאָר קײַן אַרבעטער נישט אַריבער הינטער'ן ווענטל. נאָר איצט זײַנען די באַלעבאַטים נישטאָ, און די אַרבעטער — אַ מאַן צען — הערשן איבער דער גאַנצער קאַנטאָר.

נחום „קאַלאַטירע“, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, פון הויכן וואוקס, מיט אַ קלײַנעם, שיטערן, בלאָנדן בערדל, גרויע אײַגעלאַך און אַ רויט־לאַכער נאָז, אין אַ ברודיק העמד און אין אַן אַלט פאַרשמוצט היטל, צעוואַרפט זיך אויף דעם באַלעבאָס אָרט. די אַנדערע צווײַ שטולן פאַרכאַפּן מאיר און פײַוול, צווײַ יונגע בחורים פון אַ יאָר נײַנצן; צווײַ עלטערע אַרבעטער, משה דער געלער און הלל די לאַנגע נאָז, זעצן זיך אויף אַ גרויסער קופּע פּאַפּיר, וואָס ליגט אויף דר'ערד. אויפ'ן פענסטער זיצט, אויסגעצויגן די פיס, פישל, אַ בחור פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, מיט אַ שוואַרץ בערדל, געדרײַטע וואָנצן, אין אַ ווײַס העמד און אַ נײַעם קאַפּעליוש; ער קוקט אַרײַן אין הויף, פײַפט זיך אונטער אַ ליד און קוקט זיך נישט אום אויף דעם, וואָס טוט זיך אין קאַנטאָר.

אין טיר, וועלכע פירט אין דעם מאַשינענצימער און אויף וועלכער עס שטײַט אָנגעשריבן: „פרעמדע מענשן דאַרפן נישט אַרײַן“, שטײַט יאָשקע „קלאַפּער“, אַ אינגל פון אַ יאָר זעכצן, וועלכער האָט באַקומען דעם צונאָמען דערפאַר, וואָס ער לאַכט ווי געקלאַפּט. די איבעריקע שטײַען אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטל.

— „ווי מײַנט איר, חברה, הײַנט וועלן מיר קריגן געלט?“ — פרעגט משה דער געלער פון דער קופּע פּאַפּיר.

— „קדחת“. — האקט אָפּ נחום.

— „אַז בײדע זײַנען נעלם געװאָרן, איז אַ שלעכטער סימן“.

— מײנט מאיר.

דאָס פילן אַלע אַרבעטער, נאָר זײ זײַנען שױן געװאױנט אָװעק־צוגײן פרײַטאָג אָן געלט און זײ זײַנען איצט אױך „מוכן ומזומן“ אָװעקצוגײן מיט לײדיקע הענט און קעשענעס. אָבער דאָך רײצט זײ עס אַ ביסל און עס איז אומאַנגענעם — „מולקע“, װי זײ דריקן זיך אױס, — אַװעקצוגײן אָן געלט.

— „נו, איז װאָס װעט זײַן? איר װעט שױן אַמאָל געבן געלט?“ — רײַסט איבער אין אַ װײַלע אַרום די שטילקײט אַ יונגער אַרבעטער, װעלכער שטײט אָנגעשפּאַרט אױפ׳ן װענטל, װענדנדיק זיך צו נחומ׳ען.

— „געלט? נאָך װאָס דאַרפסטו געלט?“ — פרעגט אים נחום איראָניש, נאָכמאַכנדיק דעם באַלעבאָס קול.

— „איך דאַרף! װי הײסט, אױף װאָס איך דאַרף?“ — רעדט ברוגז דער אַרבעטער.

אַלע האַלטן אײַן דעם אָטעם. מען לאַכט נישט, נאָר אַ שמײכל צעקרימט די מײַלער. אפילו יאַשקע קלאַפּער, װעלכער לאַכט, װען מען באַװײַזט אים אַ פינגער, האָט פאַרדעקט דאָס מױל מיט דער האַנט און שטיקט אין זיך דעם געלעכטער. מען װײס, אַז איצט װעט זײַן אַ גאַנצער „טריאַטער“. נאָר פישל אַלײן זיצט נאָך אין דער פרײ־ערדיקער פּאָזע, פּײַפט זײַן לידל און קוקט זיך נישט אום. ער איז אַמאָל געװען אַ כאָריסט אין אידישן טעאַטער און האַלט זיך פאַר אַ מבין אױף אַקטיאָרסקע „שטיק“. אים שטײט נישט אָן צו לאַכן און נתפעל צו װערן פון „קאַלאַטירעס“ ברעכן זיך.

— „און איך זאָג, אַז דו דאַרפסט נישט.“ — זאָגט נחום פאַר־טראַגן און קוקט אַרײַן מיט אַ אָנגעקנײטשטן שטערן אין אַ חשבון, װעלכער ליגט פאַר אים אױפ׳ן טיש. — „װעסט זיך שבת באַגײן אָן געלט אױך... װײניקער עבירות טאָן“.

— „קע־קע־קע!“ — קלאַפּט אױס יאַשקע און פאַרשװינדט אין מאַשינענצימער.

— „ס׳איז שױן מײַן זאַך“, — ענטפערט דער יונגער אַרבעטער מיט כעס און שמײכלט, — „איר װעט פאַר מײַנע עבירות נישט לײַדן“.

— „און מיר װעט איר עפּעס געבן?“ — מישט זיך אַרײַן חיים „דראַנגײַלע“, אַ זײער הױכער און שמאָלער אַרבעטער, פון אַ יאָר פינף און דרײַסיק, װעלכער שטײט אָנגעשפּאַרט אױפ׳ן װענטל.

— „זאָל ער דאָס האָבן, וואָס ער וועט אונז אַלעמען געבן." — מורמלט פישל פון פענסטער, ווי פאַר זיך, נישט אַפּרײַסנדיק דעם בליק פון הויף.

נחום האַלט נישט אויס די ראַליע און צעלאַכט זיך.

די אַרבעטער האָבן זיך גלײַך דערמאָנט, וואו זײַ זײַנען אין דער וועלט, און דערפילט דאָס אומאַנגענעמע געפיל, וואָס האָט זײַ פריער געריצט.

— „עס ווערט שוין פינסטער, וואָס קומט ער נאָך נישט?" — פרעגט משה דער גלעזער אומגעדולדיק.

— „ער איז געגאַנגען געלט מאַכן, טריקנט ער איצט די פּאַפּיר-לאָך". — ווייצלט זיך פײַוול.

— „גייט אַ נאַר צו צו ריוותשען אין שענק, אויב איר געפינט אים נישט דאָרטן". — זאָגט נחום.

— „אַז עס וואָלט געווען אַ רעכטע חברה, וואָלט מען גע-דאַרפט גייִן מקל'ען אים". — זאָגט פישל מיט פאַראַכטונג, אַלץ נאָך קוקנדיק אין פענסטער.

— „קום, נו!" — זאָגט נחום.

— „ברעך זיך, ברעך זיך, קאַלאַטירע!" — איראָניזירט פישל.— „מיט דיר איז גוט דעם אויוון צו פאַרשטאָפּן".

— „אַ פּטשיק!" — ניסט אויס נחום.

פישל הייבט אָן ווײַטער צו פײַפן.

עס ווערט אַ ווײַלע שטיל.

— „אַ, זאָל ער דאָרטן!" — ברומט אַרויס הלל די לאַנגע נאָז.

„וועט איר מיר שוין געבן געלט?" — פרעגט ווײַטער חיים „דראַנגײַלע" נחומ'ען.

— „דו אויך?" — ענטפערט אים נחום מיט רוגזה. — „וויפיל קומט דיר?"

— „שוין פאַר צוויי וואָכן".

— „דרײַ נישט קיין קאָפּ! הײַנטיקע וואָך נאָך האָסטו בײַ מיר גענומען געלט".

— „איך האָב בײַ אײַך הײַנטיקע וואָך אַ קאָפּיקע נישט גענומען".

— „וואָס זאָגט מען צו אים, האַ?" — שרײַט אויס נחום, פאַרגלאָצט די אויגן און פאַרלייגט די הענט אויפ'ן בויך. — „איך האָב אים אַליין געגעבן מאָנטאָג, אָדער מיטוואָך, אָדער דאָנערשטאָג, אָדער פרײַ... פרײַ... איך האָב אים אַליין געגעבן!..."

אַלע צעלייגן זיך פאַר געלעכטער. דאָס מאָל האָט אים

ה פ נ י ם גוט געלונגען נאָכצומאַכן דעם באַלעבאָס, ווײַל דער „מ ב י ן" פֿון פֿענסטער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ בליק און אויך צעשמייכלט זיך. נ ח ו ם אַליין שטאַרקט זיך נישט אַ שמייכל צו טאָן.

— „אָבער מיר?" — זאָגט אָן אַנדער אַרבעטער פֿון ווענטל.

— „אַנו, קומט דער פֿרײַטאָג, איז נישט איבערצוטראָגן!" — שפּרינגט אויף נ ח ו ם.

— „זאָל שוין זײַן אַ מאָל געלט, באַלעבאָס!" — זאָגן אייניקע אויף אַמאָל.

— הײַנט איז נישטאָ קיין געלט, ב נ א מ נ ו ת, קוילעט מיך פֿאַר אַ קאָפּיקע." — ענטפֿערט זיי נ ח ו ם מיט אַן אומעטיקן ק ו ל, מיט אַ געבעט.

— „הײַנט איז נישטאָ, פֿאַראַכטאָגן איז אויך נישט געווען!"

— „נו, וואָס קאָן מען מאַכן? וואָס זאָל איך טאָן? עס איז ניטאָ, איז ניטאָ."

— „אַ שיינער ת י ר ו ץ!"

— „מען גיט מיר נישט, גיב איך אײַך נישט."

נאָר די אַרבעטער האָבן שוין געשפּילט דאָס „טריאַטער" אָן ח ש ק. עס איז אַלץ פֿינסטערער געוואָרן דרויסן און אין דער איי־גענער צײַט זײַנען ח ו ש כ'דיקער געוואָרן די אַרבעטערס פּ נ ים'ער. עס איז זיי אַלץ אומעטיקער און אומעטיקער געוואָרן, און זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו וואַרפֿן בליקן אין הויף אַרײַן פֿאַר אומגעדולד.

ב.

פֿאַרבײַ דעם פֿענסטער איז פֿאַריבער אַ שאָטן. נ ח ו ם מיט די אַנדערע אַרבעטער שפּרינגען אַרויס פֿון הינטער דעם ווענטל. מען צעשטעלט זיך מיט אָנגעקנייטשטע שטערנס און מען קוקט אויף דער טיר.

עס איז אַרײַן בערגשולד, אַ הויכער דיקער איד פֿון אַ יאָר פֿופֿ־ציק, מיט אַ ברייטער שיוולאַכער באָרד. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן ראָק און די הויזן זײַנען בײַ אים געווען פֿאַרלייגט אין די שטיוול. אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ געבלויזט העמד און אויפ'ן קאָפּ אַ קאַפּעליוש.

— „נישטאָ נאָך מענדל?" — האָט ער געפֿרעגט, בלײַבנדיק שטיין אין דער טיר.

— „ו ה י ל ד א י נ נ ו" (וועיהאַיעלעד איינענו). — ענטפֿערט נ ח ו ם.

יאָשקע דריקט נאָך שטאַרקער די האַנט צום מויל.

— „איז דאָך שלעכט!...“ — זינגט אויס בערגשולד, נעמט זיך פאַר׳ן באָרד און קוקט צו דער פּאַדלאָגע. — „וואָס טוט מען, קינדער־לאַך, עס איז דאָך וויַיטער קיין געלט נישטאָ?...“

„איך האָב זיך דאָ אַ פריער געזאָגט“. — זאָגט נ ח ו ם, און יאָשקע הייבט אָן צו קלאַפּן. נאָר די איבעריקע זיינען שטאַרק אָנגע־רוקט.

— „אַ שיינער ת כ ל י ת איז עס.“ — זאָמט ח י י ם ב ר ו ג ז׳דיק.

— „איז וואָס קאָן איך טאָן? — איך בין גענוג אַרומגעלאָפן.“ — ענטפערט בערגשולד און מאַכט פאַרצווייפלט מיט די הענט. — „עס איז שוין שפּעט, אַז נישט וואָלט מען געוואַרט אויף מענדלען. מענדל דאַרף געווים ברענגען געלט.“

— „נו, א ו ו ד א י, וואָס האָב איך איַיך געזאָגט?“ — וויצלט זיך נ ח ו ם.

— „ווער שטום אַמאָל!“ — שרייט אויס פישל מיט כ ע ס. — „קאַלאַטירע!“

— „מען זאָל אַרבעטן און אַ קאָפּיקע נישט זען.“ — מורמלט פישל.

— „ווי הייסט אַ קאָפּיקע נישט זען? דיר קומט עפּעס אַ ס ך?“— כאַפּט זיך אָן דער באַלעבאָס מיט פאַרדראָס.

— „איך אַרבעט די וואָך, דאַרף איך דאָס געלט“. — זאָגט פישל מיט האַרץ.

— „נו, וואָס קען מען העלפן? עס איז אַזאַ וואָך געוועזן.“ — ענטפערט בערגשולד און נעמט זיך פאַר די שליסעלאַך.

— „איז וואָס וועט זיין? גיט כאָטש עפּעס געלט.“ — רעדן עט־לאַכע מיט אַ מאָל.

— „אָבער מיר, ר ב א ב ר ה ם, וואָלט איר טאַקע געגעבן עפּעס געלט.“ — ווענדט זיך נ ח ו ם צום באַלעבאָס.

— „נו, נו, מאַך זיך נישט נאַריש, קאַלאַטירע.“ — שמייכלט בערג־שולד גוטהאַרציק. — „גייט, גייט, מען דאַרף שוין פאַרשליסן די טיר, שוין שפּעט. — זאָגט ער האַרציק־ווייך. — איר וועט שוין זונטאָג געווים באַקומען איַיער געלט.“

די אַרבעטער באַוועגן זיך פויל, שטעלן איבער די פּיס און רירן זיך נישט פון אָרט. מ ש ה דער גלער מאַכט אַ טריט צו דער טיר, דרייט זיך צוריק אום און בורטשעט.

— „עס איז אַ גוטער פּלאַן, ב נ א מ נ ו ת. כאַטש נעם און מאַך נישט דאָס אַנדערע מאָל קיין ש ב ת.“

— „אַז איך זאָג: זונטאָג — איז זונטאָג.“ — פאַרזיכערט בערג־שולד און עפנט די טיר. — „נו, גייט, גייט, ביי לייטן בענשט מען שוין ליכט. וואָס איך האָב זיך אָנגעלאָפן אַ ביסל!“

די אַרבעטער הייבן אָן אָן ח ש ק ארויסצוגיין פון טיר.

ד. פּינסקי.

מײַן אינגעלע.

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים שטענדיק שלאָפנדיק,
און זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב;
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינסטערניש געהילט;
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?“

איך הער עס צו און איל — עס מוז,
יאָ, יאָ, עס מוז געשען!

די פאָטער-ליבע פלאַקערט אויף:
עס מוז מײַן קינד מיך זען!...

איך שטײ בײַ זײַן געלעגערל,
און זע, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אײגעלאַך,
זײ עפענען זיך — „אַ, קינד!" —
זײ זעען מיך, זײ זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטײט דײַן פּאַפּאַ, טײַערער,
אַ פּעניליע דיר, נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלײַב צעווײטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט, און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מײַן קינד,
געפינסטו מיך ניט מער..."

מ. ראָזנפעלד.

דײַנע בלימלאַך טויט.

פעלד-בלימלאַך, מאַן-קעפלאַך און זאַנגען —
פלאַנץ זײ אויפ'ן ווײַסן לײַוונט,
פלאַנץ דעם רעשט פון פעלד-ח ל ו מ ו ת
מיט אַ טרײסלדיקער נאָדל...

אויפ'ן טישטוך וועלן שטײן באָקאַלן
מיט שוימיקע געטראַנקען,
אַרום טישטוך וועט מען זינגען;
און דײַנע פעלד-בלימלאַך, מאַן-קעפלאַך און זאַנגען
וועלן ליגן טויטע אויפ'ן ווײַסן לײַוונט.

יהואש.

חיים משרת.

א.

עס איז געווען איינע פון יענע ווינטער-נעכט, ווען דער אָרימאַן ווערט ביי זיך שטאַרקער, און הייבט אָן מיט מער עזות צו רעדן מיט'ן „סומך דלים“ און מאָנען ביי אים התחיבות.

דער פראָסט קנאַקט, ברענט. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט און הייבט אויף פון דער ערד אַ שנייענעם שטויב, טראָגט און דרייט אים אין דער לופט און שמייסט די דורכגייער אין פנים אַריין. עס פאַרכאַפּט ביי זיי דער אָטעם; דער שניי-שטויב שניידט שרעקלאַך אין געזיכט.

אין דער לופט טראָגן זיך אַרום טויזנטער קללות דעם ווינט און דעם וועטער, און דער ווינט ענטפערט אויף זיי מיט נאָך אַ העכערן פייפן און וואָיען, מיט נאָך אַ גרעסערן שטויב.

די גאַסן ווערן ליידיקער; אַלע איילן צו באַהאַלטן זיך פאַר דעם שרעקלאַכן וועטער. „גוט צו זיצן אין דער היים.“ — וויצלען זיך די באַלעבאַטים פון וואַרימע און ליכטיקע שטיבער און שמייכלען אונטער, ווי זיי וואָלטן געזאָגט אַ גרויסע חכמה.

„דער ווינט וועט גלאַט ניט אַראָפּ.“ — זאָגן אָרים און רייך: די רייכע — מיט אַ מינע פון געלערנטע לוח-מאַכער, און די איינוואוינער פון פינסטערע, קאַלטע און נאַסע דירות — מיט שרעק. דער אָרימאַן וואַרפט אַן אומרואיקן בליק אויף די ציטערנדיקע שויבן און ראַמען און דערנאָך אויפ'ן קופּקעלע קליינע נפשות, וואָס האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אַ ווינקל און פאַרקרימען די פּנים'לאַך פאַר קעלט און אַנגסט ביי יעדן פייף פון ווינט.

ב.

איינגעוויקלט אין אַ צעריסן טוך, מיט דער מאַמעס גרויסע שיך אויף די פיס, איז געלאָפן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען-עלף איבער דער גאַס. דער ווינט פלעגט זי אַלע ווייַלע אָפּשטעלן. דאָ האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אונטער'ן טוך, אָנגעבלאָזן עס ווי אַ זעגל און געריסן ביי איר פון קאָפּ; דאָ האָט ער איר פאַרשאָטן די אויגן מיט שניידיקן טרוקענעם שניי; דאָ האָט ער זיך אַריינגעיאָגט צו איר אין מויל אַריין, און עס פאַרפעלט איר אָטעם. זי האָט געמוזט אַלע ווייַלע אָפּשטעלן זיך, מאַכן צו רעכט דאָס טוך, אויסרייבן די אויגן אָדער איבערקערן זיך און כאַפּן דעם אָטעם מיט אַ קרעכץ, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט: „געוואַלד, וואָס וויל ער פון מיר?!...“

דאָך הערט זי נישט שטאַרק די קעלט. איר קעפּל איז זײַער פאַרנומען מיט איר שליחות: זי לױפט רופן איר טאַטן אַהײמ, װײַל דער מאַמען איז עפּעס נישט גוט.

כמעט אַ דערפראָרענע איז זי אַרײַנגעלאָפן אין גרינפעלדס אײַזן־קראָם, װאו איר טאַטע חײם איז געװעזן אַ משרת.

— „זע אין אַזאַ װעטער!" — האָט חײם דערשראָקן אױס־געשריען.

איר האָט אָנגעכאַפּט בײַם האַרצן: זי האָט זיך צעװײנט.

— „קום אַהײם, דער מאַמען איז ניט גוט!"

חײם איז בלײַך געװאָרן.

— „איך גײ שױן, איך גײ!" — האָט ער געזאָגט. — „לױף אַהײם, רבקה'לע!"

— „זאָלסט שױן קומען, הערסט!" — האָט אים רבקה'לע אָנגעזאָגט און איז נישט װילנדיק אַװעקגעגאַנגען.

— „איך קום שױן, איך קום שױן." — האָט ער געשטאַמלט, באַ־גלײטנדיק זי ביז דער טיר.

ג.

ער האָט זי נישט פאַרהאַלטן, זי זאָל זיך אָנװאַרימען, װײַל ער װײס, אַז מען דאַרף זי נײטיק אין דער הײם. ער װײס, װאָס דאַרטן טוט זיך. נאָך אין דער פרי האָט אים די װײַב אָנגעזאָגט, אַז הײַנט פילט זי זיך זײער שלעכט, און ער זאָל זען קומען װאָס פריער אַהײם, װאָרים מאַלע װאָס מען דאַרף. דעם גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען װי אױף הײסע קױלן; אין אָװנט איז ער נאָך אומרואיקער געװאָרן. מעשה־שטן איז דער אונטער־משרת אַװעקגעגאַנגען און זוימט זיך שױן עטלאַכע שעה. און דער באַלעבאָס איז שטאַרק פאַרנומען מיט דעם באַלאַנס, װי פאַר אַ באַנקראָט. ער האָט זיך פאַרמאַכט פון אין דער פרי אין צװײטן צימער, אין קאַנטאָרקע, און מען קאָן מיט אים אַ װאָרט נישט רעדן.

איצט איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע, האָט צוגע־לײגט אָן אױער צו דער טיר, נאָר ער האָט גאָרנישט געהערט. ער איז געבליבן אַ װײַלע שטײן, ניט דערװעגנדיק זיך אױפצועפענען די טיר; זײַן פּנים האָט זיך פאַרקרימט פאַר צער. ענדלאָך האָט ער זיך אײַנגעשטעלט און אױפגעעפנט אַ קלײנע שפּאַרע. דער באַלע־באָס, אַ הױכער, דיקער פינף־און־פופציקער, איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן װענטל פון שטול און געראױכערט אַ ציגאַר.

חײם האָט אַרײַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין טיר און געמאַכט אַ רחמנות־פּנים.

— „באלעבאָס... הער גרינפעלד!...“ — שטאַמלט ער מיט גע־בעט. — „מײַן טאָכטער...“

הער גרינפעלד האָט פאַרשטאַנען פון ח י י מ׳ס טאָן, אַז עס גײט נישט אום געשעפט, און איז געבליבן זיצן אין דער אײגענער פּאָזע, נישט אַ קער טוענדיק אַ פ י ל ו מיט׳ן קאָפּ אין ח י י מ׳ס זײַט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „וואָס וויל שוין די פּלאָגע?“ — אַ „צופּ“ געטאָן דעם ציגאַר און אין בײגל אַרויסגעלאָזן דעם רויך.

ח י י ם האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו שטאַמלען זײַן ב ק ש ה, נאָר נאָך מיט אַ ציטערדיקערן ק ו ל.

„הער... הער גרינפעלד... מײַן טאָכטער, מײַן ווײַב...“

גרינפעלד האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין׳ם גרויסן בוכהאַלטערישן בוך, וואָס איז פאַר אים געלעגן, און אָנגעקנײטשט דעם שטערן מיט אַ פאַרטראָגענער מינע.

ח י י ם האָט נאָך אַ מאָל אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן און אָנגע־הויבן צוצומאַכן די טיר און גלײַך ווידער פאַנאַנדערגעעפנט. אַ קוק געטאָן מיט געבעט אויפ׳ן באַלעבאָס, געוואָלט זאָגן עפּעס און... איז אַוועקגעגאַנגען פון טיר, לאָזנדיק זי האַלב־אָפן. די לינקע באַק האָט אים עפּעס געפלאַמט, גלײַך עמיץ וואָלט אים געפּאַטשט; אין די אויערן האָבן אים געקלונגען אַלערלײ זידלערײַ, כאָטש קײנער האָט אים איצט אַ וואָרט נישט געזאָגט...

ער האָט פאַרבראַכן די הענט, אַז די פינגער האָבן געקנאַקט; די האָר האָבן זיך אים אויפגעהויבן, און מיט גרויס שרעק האָט ער געקוקט אויף דער גאַס־טיר, אַז אָט־אָט וועט זיך ווײַטער באַווײַזן די האַלב־נאַקעטע ר ב ק ה׳לע. ער איז עטלאַכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קאָנטאָרקע, ביז דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און צוגעמאַכט די טיר; ח י י ם האָט זיך גאָר פאַרלאָרן. דאָס פּ נ י ם האָט זיך אים פון האַרץ־ווײטיק, פון י ס ו ר י ם, נאָך מער פאַרקרימט און איז געל געוואָרן.

ד.

אַ לאַנגע, שרעקלאַכע ש ע ה איז פאַרבײַ. די גאַס־טיר האָט זיך געעפנט, און ר ב ק ה׳לע איז אַרײַן. ער איז אָפּגעשטאַרבן, דערזעענדיק זי. ער האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן.

— „איך גײ שוין... איך גײ שוין...“ — האָט ער אַרויסגערעדט מיט שרעק, נישט וואַרטנדיק ביז זי וועט אים עפּעס זאָגן.

— „איך גײ שוין!“ — האָט זי אים איבערגעקרימט דורך טרערן. — „איך גײ שוין“ — און קומט נישט! די מאַמע שרײַט מיט באַנומענע ק ו ל ו ת, און מיך טרײַבט מען אַרום!... איך האָב שוין

אפגעפראָרן די פיס, האָב איך אָפגעפראָרן!... קום אהײם, קום!" — האָט זי נאָך בײזער אױסגעשריען. — „װאָס קאָנסטו זיך נישט אָפ־רײַסן, װאָס?!... קום אהײם, קום..."

דאָס האַרץ איז אים פאַרגאָסן געװאָרן מיט בלוט.

— „איך גײ גלײַך, איך גײ..." — האָט ער געשטאַמלט און אַ לאָז געטאָן זיך צו דער קאָנטאָרקע; ער האָט אױפגעעפנט שױן פעסטער די טיר און גאַנץ הױך אַרױסגערעדט:

— „באַלעבאָס, מײַן װײַב איז קראַנק... איך מוז..."

דער באַלעבאָס האָט געבלעטערט דאָס גרױסע בוך. ער האָט אַ װײַלע געשװיגן און דערנאָך שטיל און קאַלטבלוטיק געענטפערט: „זי װעט גאַנץ זײַן."

ער האָט אָנגעקנײטשט דעם שטערן, אָפגעשטעלט זיך אױף אַ ח ש ב ו ן און דערבײַ געטראַכט: „דער שלימאַזל! אַזאַ מ י ן צ ר ה..." — ער האָט איבערגעקערט אַ בלאַט. — „אַזאַ מין שלאַק!... אַ גרױסע זאַך — די װײַב איז קראַנק! — װי דאָס איז אַ ביסל טײַער בײַ זיך!... ער זעט, דאַכט זיך..."

— „מײַן טאָכטער איז שױן דאָ דאָס צװײטע מאָל." — האָט אים ח י י ם שױן מיט אַ נידעריקערן טאָן איבערגעריסן די מ ח ש ב ו ת.

— „הער, דול מיר ניט דעם קאָפּ!" — האָט גרינפעלד בײז אױס־געשריען, אַ קער טוענדיק צו אים דעם קאָפּ.

— „ער זעט, דאַכט זיך, װי איך בין פאַרנומען!" — האָט ער מיט כ ע ס געטראַכט, דרײענדיק צוריק דעם קאָפּ, און מיט בײזקײט אַ פיר געטאָן די אױגן אױף דער געגן־װאַנט, װי אײנער װאָלט דאָרט געזעסן און ער װאָלט אים געפרעגט: „װאָס זאָגט איר צו מײַן מ ש ר ת׳ עס קאָפּ?"...

— זעט, באַלעבאָס!" — האָט ח י י ם אָנגעהױבן נאָך נידע־ריקער, מיט מער ב ק ש ה.

— מאַך צו די טיר, זאָג איך דיר!" — האָט יענער אױסגעשריען, איבערדרײענדיק זיך אױפ׳ן שטול און אָנשטעלנדיק אױף ח י י ם׳ ען די בײזע אױגן. ח י י ם האָט לאַנגזאַם צוריק צוגעמאַכט די טיר.

— „נו, װעסט שױן גײן אַמאָל?" — האָט אים געפרעגט ר ב ק ה׳ לע, װאָס איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט און געקוקט אױף אים בײז און קרום.

— „איך גײ, איך גײ." — האָט ער געשטאַמלט, רױט װערנדיק פאַר ב ו ש ה פאַר דער קלײנער טאָכטער.

— „זעסט דאָך!" — האָט ער צוגעגעבן, װײַזנדיק מיט׳ן קאָפּ און מיט דער האַנט אױף דער פאַרמאַכטער קאָנטאָרקע.

— „וואָס זאָל איך זען, וואָס?“ — האָט די קליינע בייז גע־שריען. — „קום אהיים, קום!“

— „איך גיי שוין... איך גיי שוין.“ — האָט ער קוים געזאָגט.

— „טאַ קום!“ — האָט רבקה׳לע אויסגעשריען מיט הארץ.

— „שאַ, שריי ניט אַזוי!“ — איז ער שוין בייז געוואָרן, דער־מאָנענדיק זיך, אַז ער איז אַ טאַטע, און האָט זיך מיט שרעק אומגע־קוקט אויף דער טיר פון קאָנטאָרקע. „גיי אהיים, גיי! גיי!... שריי דאָ נישט!...“

— „יאָ, איך האָב זייער מורא פאַר דיין באַלעבאָס!“ — האָט זיך די קליינע צעשריען. — „קום אהיים! איך וועל אָן דיר ניט גיין!...“

חיים איז צוגעגאַנגען צו דער קאָנטאָרקע.

— „ער דאַרף נאָך פרעגן ביי דעם באַלעבאָס!“ — קרימט זיך רבקה׳לע. — „מען נעמט און מען גייט!...“

ער האָט געמאַכט מיט׳ן פינגער, זי זאָל שווייגן.

— „פּש. טייערע זאַכן?“ — האָט זי זיך ווייטער געקרימט. — „איך האָב טאַקע אַ סך מורא פאַר אים...“

— „ששש!“ — האָט דער טאַטע אַ מאַך געטאָן אויף איר מיט דער האַנט.

— יאָ, אוודאי!“ — האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו קריי־מען. — „קום אהיים, קום!...“

חיים האָט ווייטער אויפגעעפנט די טיר.

— „איך וועל גיין אהיים, באַלעבאָס!“

דער באַלעבאָס האָט נישט געענטפערט, מאַכנדיק אַ חשבון און אונטערזינגענדיק.

— „איך מוז... דאָס ווייב איז...“

— „מאַך צו די טיר!“ — האָט דער באַלעבאָס שטרענג געענט־פערט פון בוך.

— „איך מוז גיין אהיים! — האָט חיים שוין אָנגעהויבן מיט אַ ברוגז׳דיקן טאָן. — „די ווייב איז אַ פאַרבייאיקע... איך מוז...“

— „מאַך צו די טיר, זאָגט מען דאָך דיר!“ — האָט גרינפעלד אויסגעשריען און אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן.

— „איך מוז אהיים... מיין ווייב...“ — איז חיים געשטאַנען אויף זיינס.

— „אַ, פאַדליעץ דו! הונט איינער!“ — האָט זיך גרינפעלד צע־שריען, אויפשפּרינגענדיק פון אָרט. — „אַרויס! דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין!... זאָלסט מער ניט וואַגן צו קומען אין קראָם!... פאַדליעץ דו!...“

חיים איז פאַר שרעק אָפּגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, נאָר גלייך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גאַס-טיר און איז אַרויסגעלאָפן פון קראָם.

רבקה'לע איז נאָך אַ ווײַלע איבערגעבליבן, און האַלטנדיק זיך פאַר דער טיר, האָט זי אויסגעשריען גרינפעלדן, וואָס איז געשטאַנען אין טיר פון קאָנטאָרקע מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פאַר כעס: „איר זײַט אַליין אַ פאַדליעץ! אַליין אַ הונט!“

זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ פײַערדיקן בליק און איז מיט ניצחון אַרויס פון קראָם.

ד. פינסקי.

בײַם באַלעבאָס טיר.

וואָס האָסט זיך דערשראָקן, מײַן אָרימער ברודער,
און שטייסט בײַ דער טיר? ווי, דו וויינסט?
עס האָט דיך דערשראָקן דער גלאַנץ פון די זאַלן,
דו וועסט זײ פאַרשמוצן — דו מיינסט?

אוי, אָרימער ברודער, אוי, נאַרישער ברודער,
גײ ווײַטער און זעץ זיך אַוועק...
דו וועסט ניט פאַרפלעקן דאָס גאָלד פון די זאַלן,
דײַן נשמה איז ריין, אָן אַ פלעק.

אוי, אָרימער ברודער, אוי נאַרישער ברודער,
וואָס האָט דיר די אויגן פאַרבלענדט?
וואָס שטייסטו און גלאָצסט און באַטראַכטסט אַלץ פאַרוואונדערט:
דו האָסט ניט דײַן אַרבעט דערקענט?...

א. רייזען.

און דו אַקערסט.

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מײַן פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

וועבסט דײַן וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונז אײַזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אַרײַן,
פול מיט תבואה און מיט ווײַן.

נאָר — וואו איז דײַן טיש געגרײט?
נאָר — וואו איז דײַן יום־טוב קלײד?
נאָר — וואו איז דײַן שאַרפער שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

שאַפסט אונז אוצרות אָן אַ שיעור,
אַלעסדינג, נאָר ניט פאַר דיר.
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קײט.

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דײַן גרויסע מאַכט!
ווען דײַן שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטײען אַלע רעדער שטיל!...

בן־אהוד, פון הערוועג.

דער זייער. מילעט.

מײַן ניט...

מײַן ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע, באַשאַפן —
מאַכן אַ וועג זיך מיט פויסטן און נעגל
צום שענק-פאַס און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון ווײַטן מיט גלעזערנע אויגן
פאַר׳ח ל ש׳ט און שלינגען דאָס שפּײַאַכץ און ציען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפּן.
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן ניט, די וועלט איז אַ בערזע, באַשאַפן —
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע.
זאָל קויפן בײַ פרויען די מילך פון די בריסטן,
בײַ מענער דעם מאַרך פון די ביינער,
בײַ קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויף׳ן וואַקסענעם פּנים...
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ בערזע!

מײַן ניט, די וועלט איז אַ הפקר, באַשאַפן
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל.
דער הימל — אַ פאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זען;
דער נעבל — מען זאָל אויף די הענט דיר ניט קוקן;
די ערד — אײַנצוזאַפּן דאָס בלוט פון קרבנות...
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקע טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק אין קיין אויג ניט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערן טײַכן, פון טײַכן ווערן ימים,
פון ימים — אַ מבול, פון פונקען — אַ דונער...
אָ, מײַן ניט, לית דין ולית דין!...

י. ל. פּרץ.

ווערטערביכל

פון שווערערע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

אבות־אבותינו (אָוועס־אָוואָויסעינו) — אונזערע אורעלטערן.

אבינו־מלך (אָווינו־מעלעך) — אַזאַ העברעיאיש ליד.

אויסטערליש — זייער שיין.

אות־זיכרון (אויס־זיקאָרן) — אָנדענק־צייכן.

אחי (אָכי) — ברודער.

אחריות (אַכראַיעס) — פאַראַנטוואָרטלאַכקייט.

אין (עין) — ניטאָ.

איצענאָף (איטס אינאָף) — גענוג.

אמן סלה (אָמעין סעלאָ) — ריכטיק; הלוואַי.

אָקעוויט — בראַנפן.

אתה בחרתנו (אַטאָ וועכאַרטאָנו) — דו האָסט אונז אויסדערוויילט.

באַקאַלעי — בשמים, גראָסעריס.

באשר בכן (באַשער בעכעין) — אַזוי האָט פאַסירט.

בגילוי־הראש (בעגילוי־האָראָש) — מיט אַ בלויזן קאָפּ.

בדיל־הדל (בעדיל־האַדאַל) שטעלן — פאַראָרימען, אומגליקלאַך מאַכן.

ב״ה (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

בושת־פנים (בוישעס־פּאָנים) — שעמעדיקער.

בחצי־חינם (בעכאָצי כינאָם) — האַלב אומזיסט.

ביטול (ביטל) — אומאַכטונג.

ביכולת (ביכוילעס) זיין — קענען.

בין (בעין) — צווישן.

בית־דין־של־מעלה (בעסדן שעל מאַילע) — דאָס אויבערשטע געריכט.

בלבול (בילבול) — אַן אויסגעטראַכטע, אַן אומזיסטע באַשולדיקונג.

בלי־גוזמא (בלי גוזמע) — ניט איבערגעטריבן.

בנאמנות (בענעמאָנעס) — איר מעגט מיר גלויבן.

בעל־תשובה (באַל־טשואווע) — אַ זינדיקער, וואָס האָט חרטה.

בערזע — האַנדלס־צענטער, מאַרק.

בקו־הבריאה (בעקאָוו־האַבריע) — געזונט.

בראַמין — הינדוסישער פּריסטער.

בר־מינן (באַרמינען) — אַ טויטער.

בשותפות (בעשוטפעס) — צוזאַמען.

בשלמות (בישלעימעס) — פולקאָמען, מיט איבערגעבנקייט.

בשר ודגים (באָסאָר וועדאָגים) — פלייש און פיש. דאָס איז אָנשטאָט „בשר־ודם“, וואָס מיינט „אַ מענש“.

גבאי (גאַבע) — פאָרזיצער, פּרעזידענט.

גובר (גוווער) זיין — בייקומען.

גוזר (גויזער) זיין — באַפעלן.

גומל (גוימל) בענשן — דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון אַ צרה.

גלוח (גאָלעך) — געגאָלטער.

דאַביוועַן זיך — דערשלאָגן זיך, צוקומען.

דאָבראַנאָטש — גוטן אָוונט. אַזאַ חתונה־ניגון.

דאַזאָרצע — מיטגליד פון געמיינדע־פאַרוואַלטונג.

דבקות (דוועיקעס) — צוגעבונדנקייט.

דבר'ן (דאַבערן) — רעדן.

דהיינו (דעהאַינע) — אַן ערך, צום ביישפּיל.

דור הולך ודור בא (דאָר הוילעך וועדאָר באָ) — איין דור גייט אַוועק, אַן אַנדערער קומט.

דעפּאַזיט — געלט, וואָס מען לייגט אַריין אין אַ באַנק.

דרעשטשעס — אַ ציטער.

האַלעבאַרדניק — סאָלדאַט.

הורג (הוירעג) — מערדער.

היציל — הינטשלעגער.

המון (האַמוין) — מאַסע, עולם.

הן (העין) — סיי.

השגה (האַסאָגע) — באַגריף, פאָרשטעלונג.

התחיבות (היסכאַיוועס) — פאַרפליכטונג, הילף.

התמדה (האַסמאָדע) — פלייס.

התמנות (היסמאַנעס) — אַמט.

התפּעלות (היספּאַילעס) — באַגייסטערונג.

והא־ראיה (וועהאָ־ראַיע) — אַ באַווייז האָט ער.

והילד איננו (וועהאַיעלעד עינענו) — און דאָס קינד איז ניטאָ.

וואַזשנע — וויכטיק, שיין, גוט.

וואָלנע — פריי, פרייער.

וואָראַבייטשיק — שפּערלינג, Sparrow

ויאכלו (וואַיויכעילו) — און זיי האָבן געגעסן.

ווימלען — מערן זיך.

וועבלנע — באַוולנע.

וועלמאָזשני פּאַן — ליכטיקער פריץ.

ויהי היום (וואַיהי האַיוים) — איינמאָל.

ונתנה־תוקף (אונסאַנע־טויקעף) — אַ טרויעריקע ראש־השנה'דיקע תפילה.

זאַווערוכע — שניי־שטורעם.

זשעברען — שאַרן.

חברה־קדישא (כעווורע־קאַדישע) — געזעלשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט באַערדיקן די געשטאָרבענע.

חולה־נופל (כוילע־נויפל) — אוינער וואָס לײַדט אויף געפאַליקע.

חיונה (כיאונע) — מיטלען צום לעבן, פרנסה.

חיות (כאַיעס) — לעבן.

חיל (כאַאיל) — אַרמײ, סאָלדאַטן.

חס־ושלום (כאַס־וועשאָלעם) — גאָט זאָל אויסהיטן.

חסר־דעה (כאָסער־דעיע) — משוגע.

חצות (כצאָס) — האַלבע נאַכט.

חקירה׳ן (כקירען) זיך — פילאָזאָפירן.

חקרן (כאַקרען) — פילאָזאָף, דענקער.

טאָמביק — נײַ־זילבער, אַזאַ מעטאַל.

טומאה (טומע) — אומצוכט, אומריינקייט.

טועה (טויע) זיין זיך — מאַכן אַ טעות.

טועם־טעם (מויעם־טאַם) זיין — פאַרזוכן.

טל־ומטר׳ל (טאַל־אומאָטאָרל) — אַ קלײנינקער, אַ קורצינקער.

טלית־קטן (טאַלעס־קאָטן) — אַרבע־כנפות; אַ טוך מיט ציצית.

טפח (טעפאַך) — אַזאַ מאָס, וויפיל ס׳פאַרנעמט אַ צונויפגעלייגטע פויסט.

יד (יאַד) — האַנט.

ידיעה (יעדיע) — וויסן.

יוון (יאָוון) — פאָליציימאַן.

יורד (יוירעד) — אַ רייכער מאַן, וואָס איז אָרים געוואָרן.

יישר־כוחך (יאַשער־קויכאַכאָ) — אַ דאַנק דיר.

ימים־נוראים (יאָמים־נויראָאים) — די שרעקלאַכע טעג פון ראש־השנה ביז נאָך יום־כיפור.

יסורים־של־אהבה (יעסורים שעל אַהאַווע) — לײַדן אויס ליבע.

יקרות (יאָקרעס) — טייערקייט.

ישוב־הדעת (אישעווי־האַדאַעס) — נאָכטראַכטן.

כאַלופע — קלײנע הײַזקע.

כדאי (קעדאַי) — ווערט.

כדומה (קעדוימע) — צום ביישפיל; דאָס גלייכן.

כוונה (קאַוואָנע) — אויפמערקזאַמקייט.

כורעים (קוירים) פאַלן — שטעלן זיך אויף די קני.

כלא־ידע (קעלע־יאָדאַ) — ווי מען וויים ניט.

כל־בו׳ניק (קאָל־בוניק) — אַ שטיפער, וואָס איז פויאיק אויף אַלץ; אײנער וואָס קאָן אַלץ.

כל זמן שהנשמה בקרבי (קאָל זמאַן שעהאַנשאָמאָ בעקירבי) — כל זמן איך לעב.

כלי־בית (קליבאַאים) — שטוב־זאַכן.

כל־ישראל (קאָל איסראָעל) — אַלע אידן.

כל מאמינים שהוא (קאָל מאַמינים שעהו) — אנשטאָט כל המינים — ס׳מיינט: אַלע סאָרטן.

כסא־הכבוד (קיסע־האַקאָוועד) — גאָטס טראָן.

כפל כפלים (קויפל קיפלאַאים) — צוויי מאָל, אַ סך מאָל אַזוי פיל.

כתב־יד (קסאַוו־יאַד) — האַנטשריפט.

לא־די (לוי־דאַי) — ניט גענוג.

לאַפּיטוט — אַ שד׳עלע.

לית־דין־ולית־דין (לעס־דין וועלעס־דאַאין) — ניטאָ קיין געזעץ און קיין ריכטער.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — צוערשט, אין אָנהייב.

למאי (לעמאַי) — פאַרוואָס?

למע״ה (לעמאַן האַשעם) — אומבאַדינגט.

לעקטרי־טשער (עלעקטריק־טשער) — הינריכטונג, טויט.

לערכע — Lark

לעשניק — וואַלד־היטער.

מאה אלף (מעיאָ עלעף) — הונדערט טויזנט.

מאַלאָדיעץ — העלד, וואוילער יונג.

מאמר (מאַימער) — רייד.

מאָנקי־ביזנעס — הינטישע שטיק.

מבינות (מעווינעס) — אַ מיינונג.

מה־יקר (מאַ־יאָקאָר) — ווי טייער.

מהכתיתי (מעהעיכעטעיסע) — פאַר וואָס ניט? מילא, זאָל זיין אַזוי.

מוכן־ומזומן (מוכן־אומזומען) — גרייט.

מומחה (מומכע) — קענער; עקספערט.

מחותנים (מעכוטאָנים) — קרובים.

מחיה־נפשות (מעכאַיע־נעפאָשעס) — אַ פאַרגעניגן, אַ דערקוויקונג.

מחמת (מאַכמעס) — ווייל.

מטופל (מעטופל) — באַלאָדן.

מטמון (מאַטמען) — אוצר.

מיירע — אַ שטיק טייג פאַר מצות; אַ מאָס מעל פאַר אַזאַ שטיק טייג.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע) — אַ שרעקלאַכער טויט.

מלא (מאָלע) — פול.

מלאך־חבלה (מאַלעך כאַבאָלע) — אַ שלעכטער מלאך.

מלא־רציחה (מאָלע־רעציכע) — אין כעס, צאָרנדיק.

מלבוש (מאַלבוש) — קלייד.

מליץ־יושר (מעליץ־יוישער) — באַשיצער, גוטס־זאָגער.

ממשות (מאַמאָשעס) — קאָנקרעטקייט.

ממשלה (מעמשאָלע) — הערשאַפט.

מן־הצד (מין האַצאַד) — פון דער זייט.

מנחה (מינכע) — דאָס פאַרנאַכטיקע דאַוונען.

מנין (מיניען) — פלאַץ, וואו צען אָדער מער אידן דאַוונען.

מסופק (מעסופעק) זיין — צווייפלען.

מסכתא (מעסיכטע) — אַ גמרא.
מספיד (מאַספּיד) זיין — באַוויינען.
מעלקאַיע — שיין, באַוועג.
מעריב (מאַירעוו) — די ביינאַכטי־קע תּפילה.
מערצעשעם—ווען גאָט וועט העלפן.
מעת־לעת (מיסלעס) — אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַ פולער טאָג.
מפסיק (מאַפּסיק) זיין — איבער־רייסן.
מפקיר (מאַפקיר) זיין — אָפּזאָגן זיך פון עפּעס.
מציל (מאַצל) זיין — ראַטעווען.
מצער (מעצאַער) זיין—אָנטאָן ליידן.
מקבל (מעקאַבל) — אָרימאַן.
מקיים (מעקאַיעם) זיין — דורכ־פירן, פאַרווירקלאַכן.
מרה־שחורה׳דיק — (מאָראָ־שכוירע־דיק) — מעלאַנכאָליש.
משונה (מעשונע) — מאָדנע.
משורר (מעשוירער) — זינגער, וואָס העלפט אַ חזן.
משנה (מעשאַנע) זיין — ענדערן.
משרת (מעשאָרעס) — אָנגעשטעלטער.
מתיר (מאַטיר) זיין — ערלויבן.
מתמיד (מאַסמיד) — פלייסיקער לערנער.
מתן־בסתר (מאַטן בעסעיסער) — געבן באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן.
מתעסק (מיסאַסיק) זיין זיך — זיין באַשעפטיקט, פאַרנומען.
מתפלל (מיספּאַלעל) זיין — דאַווי־נען, בעטן ביי גאָט.

נאַסטאַיקע — פרוכט־בראַיפן.
נבהל ונשתומם (ניווהעל וועיניש־טוימעם) — דערשטוינט, פאַר־וואונדערט.
נגד (נעגעד) — געגן.
נדחה (נידכע) — אָפּגעלייגט.
נוהג (נויהעג) זיין זיך — פירן זיך.
ניסיון (ניסאָיען) — Temptation
ניסים ונפלאות (ניסים וועניפלאָעס) — וואונדער איבער וואונדער.
ניצחון (ניצאָכן) — זיג.
נעווערמיינד — ס׳הייבט זיך ניט אָן. מאַלע וואָס איר זאָגט.
נעלם (נעלאָם) ווערן — פאַרשווינדן.
נקבה (נעקעיווע) — פרוי.
נשתומם (נישטוימעם) — פאַרוואונ־דערט.

סאָוועסט — געוויסן, ערלאַכקייט.
סאַטיספעקשאָן — באַפרידיקונג.
סביבה (סוויווע) — אַרומיקע געגנט ; קרייז.
סגולה (סגולע) — מיטל.
סוטערינע — קעלער.
סומך־דלים (סוימעך דאַלים) — דער וואָס שטיצט אָרימע, גאָט.
סומנע — אומעטיק.
סלעק־טיים — אַרבעטסלאָזיקייט.
סמיכת־הפרשה (סמיכעס האַפּאַרשע) — שייכות.

סעקאָנד־העגנטיק — צוגעניצט.
סערצע — האַרץ מיינס.
ספרא־רבא (סאָפרע־ראַבע) — גרויסער שרייבער.
ספּאָטיקן זיך — אויסגליטשן זיך, פאַלן.
סקאָווערדע — אַן אייזערנע בראָט־פאַן.
ס׳קאָלעטשעטער — פאַרקריפּלטער.
ספּאָדיק — היטל.

עבדים היינו (אַוואָדים האָאינו) — קנעכט זיינען מיר געווען.
עד־לחשבון (אַד־לעכעשבן) — ביז וואָס ווען.
עובדא (אואודע) — אויפגאַבע, גע־וואוינהייט.
עובר־לסוחר (אוייווער לאַסויכער) — ווערט פאַר אַלעמען.
עזות (אַזעס) — שטאָלצקייט, גרויס־קייט.
עזות־פנים (אַזעס־פּאָנים) — גראָבער יונג.
עלעהיי — זאָל זיין.
על־פּי (אַל־פּי) — נאָך, לויט.
עניוות (אַניוועס) — באַשיידנהייט.
עשירות (אַשירעס) — רייכקייט.
עשרת־הדברות (אַסערעס־האַדיברעס) — צען געבאָט.

פּאָדליעץ — פּאַסקודניאַק.
פּאָדעשווע — זויל.
פּאָדראַד — אַ פּלאַץ, וואו מען באַקט מצה.
פּאָדריאַטשיק — קאָנטראַקטאָר.
פּאַוואָלינקע — שטילערהייט.
פּאָטעלניע — פּאַן.
פּאָליטורן — גלאַט מאַכן, פאַרבן.
פּאָמאָיעם — שמוציקע וואַסער.
פּאַראַבעק — אַרבעטער ביי אַ פּריץ.
פּאַראָדירן — איבערמאַכן.
פּאָרטאָ — איבערשיק־געלט.
פּאָרען זיך — עסק׳ן זיך, זיין פאַר־נומען.
פּאָרקען — טשעפּען, ריען זיך, עסק׳ן זיך.
פּאַשאָל — גיי!
פּגימה (פּגימע) — פלעק, אַ פעלער.
פּדיון (פּידיען) — לייזונג.
פּוד — 40 רוסישע פונט, 36 אַמע־ריקאַנער פונט.
פּחת (פּכאַס) — ברוך, אַלטס.
פּטירה (פּטירע) — טויט.
פּיינט — האַלבע קוואָרט.
פּילנעווען — היטן, אָפּהיטן.
פּימס — אַזאַ שטיין (לאַווע־שטיין), ווערט באַנוצט גלאַט צו מאַכן האָליץ.
פּיעקאָליק — אויוון.
פּיקדון (פּיקאָדן) — אַ זאַך צום באַ־האַלטן.
פּירוש (פּעירעש) — טייטש, דער־קלערונג.
פּלודערן — הויזן.
פּליז — איך בעט אייך, זייט מוחל.
פּסו־בראַט — הונטס ברודער.

פסול (פאסל) — טריף.
פעלערינע — אויבערמאַנטל אָן אַרבל.
פראַצעווען — אַרבעטן, האָרעווען.
פּרעדיקן — דרשנ'ען.
פרק (פּעירק)—קאַפּיטל, אָפּטיילונג.
פשיטא שוין — באַזונדערס.

פ

פאַרגאַפט — פאַרוואונדערט געקוקט.
פאַרוואַגלט — ניט אין דער היים.
פאַר'מוח'ט (פאַרמויאַכט) — פאַר־
קלערט, פאַרטראַכט.
פאַרשאַרצט — פאַרשטעקט, אויפגע־
הויבן.
פאַר'שרפה'ט (פאַרסאַרפעט) — פאַר־
ברענט.
פלעדערוויש—אַ בינטל פעדערן אויף
אָראָפּצושטויבן.

צאַפּן — דער טייל פון אַ שטיקל
האָלץ, וואָס מען שטעלט אַריין
אינ'ם צווייטן ביים צונויפקלייען.
צימפּאַסיבל (איט איז אימפּאָסיבל)
— ס'איז אוממעגלאַך.
צעקרישלען — צעברעקלען.
צער־בעלי־חיים (צאַר־באַלע־כאַאים)
— אַ רחמנות.
צערטלען — כאַליען, אוידלען.

קאַגאַניק — קליין לעמפּעלע.
קאַטשלקע — אַ קיילאַכדיק הערצל,
מיט וואָס מען וועלגערט מצה.
קאַלוזשע — בלאָטע.
קאַלערן — קייקלען.
קאַנטאָניסט — אַ אידישער סאָלדאַט,
וועמען מען האָט אָפּגעגעבן אין
סאָלדאַטן נאָך אַלס אינגל.
קאַצאַפּעס — גויים.
קדושה (קדושע) — הייליקייט.
קובל — עמער, צעבער.
קלאַניצע, דישל — טיילן פון אַ
וואָגן, שטעקנס.
קליגן זיך — זוכן ביטרע מיטלען.
קללה'ן (קלאָלען) — שילטן.
ק"ן (קאַן) — 150.
קעלניע — פלאַץ פאַר'ן אַנטרייבער.
קראָקווע — באַלקע, וואָס האַלט דעם
דאַך.
קרינאָלינע — קלייד מיט אַ רייף
אונטן; אַ ברייט קליידל.
קשאַנדז — פּוילישער גלח.

ראַפּטאַם — פּלוצלונג.
ראַפּניק — בייטש, שטריק.
רגלים (ראַגלאַאים) — פיס.
רדיפות (רעדיפעס) — פאַרפאָלגונגען.
רוגזה (רוגזע) — כעס.
רוצח (רויצייאַך) — מערדער.
רושם (רוישעם) — איינדרוק.
רחוות (ראַכוועס) — ברייטקייט, גע־
ראַמקייט, רוים.
ריאַדטשיק — אויפפּאַסער.
ריסטעוואַניעס — די קלעצער און
לייטערס, וואָס מען שטעלט אויף
ביים בויען אַ הויז.

רי"ש (רעיש) — 200.
רצון (ראָצן) — ווילן.
רשות (רעשוס) — ערלויבעניש.
רשע (ראָשע) — שלעכטער מענש.

שבעה־עשר־בתמוז (שיווא־אָסאַר בע־
טאַמוז) — זיבעצן טעג אין תמוז;
אַ תענית.
שהכל נהיה בדברו (שעהאַקל ניהיע
בידוואָרע) מאַכן — נעמען אַ ביסל
בראַנפן.
שחרית (שאַכרים) — דאָס אינדער־
פריענדיקע דאַוונען.
שטיפּטיק — טשוועקל.
שכינה (שכינע) — אָפּשיין פון גאָט.
שליחות (שליכעס) — אַ גאַנג, אַן
אויפגאַבע.
שליטה (שליטע) באַקומען — באַ־
הערשן.
שם (שעם) — נאָמען.
ש"ס (שאַס) — גאַנצער תלמוד.
שפּאַדלע —גראַבאייזן.
שפּאַרינע — אַ שפּאַלט.
שפע (שעפע) — רייכקייט.
שקיעת־החמה (שקיעס האַכאַמאָ) —
זון־אונטערגאַנג.
שרץ (שערעץ) — קריכנדיקע חיה,
אַ מיאוס חיה'לע, ווי אַ מויז צ. ב.
שונאי־ציון (סאָנע ציען) — די פּיינט
פון ציון, די שונאים פון די אידן.
שכירות (סכירעס) — געהאַלט, באַ־
צאָלט.
שררה (סראָרע)—גרויסער מאַן, פּריץ.

תאווה (טאַיווע) — דער שטאַרקער
ווילן, הויפּטזאַכלאַך צו שלעכטס.
לײדנשאַפט.
תוכחה (טויכעכע) — קאַפּיטל אין
חומש מיט פאַרשידענע שטראָף־רייד.
תוך־כדי־דיבור (טאָך־קעדעי־דיבור)
— גלייך.
תחילת (טכילעס) — צוערשט.
תחנונים (טאַכנונים) בעטן — בעטן
זייער שטאַרק.
תכריכים (טאַכריכים) — טויטן־
קליידער.
תכשיט (טאַכשיט) — צירונג, וואוי־
לער יונג.
תליון (טאַליען) — הענקער.
תלמיד־חכם (טאַלמיד־כאַכעם) — אַ
געלערנטער.
תנועות (טנועס) — באַוועגונגען,
מינעס.
תענוג (טאַינעג) — פאַרגעניגן.
תפילה (טפילע) טאָן — דאַוונען,
בעטן.
תפיסה (טפיסע) — טורמע.
תרגום (טאַרגום) — די אַראַמישע אי־
בערזעצונג פון חומש.
תשובה (טשואווע) — ענטפער.
תשעה (טישע) — ניין.
תשעה־באב (טישע־בעאָוו) — 9־טער
טאָג אין חודש אב. אַ תענית.